בהיותי במאסר דפקתי בדלת, בתקוותי שארגיז בכך את השומרים עלי והם יירו בי ויגאלוני מן הע־נויים. אולם, הם לא הגיבו על דפיקותי; הם ישבו ב־חדרים למעלה ועסקו בשיחה. רגע אחד נשענתי בדלת, והיא נפתחה, והמנעול נפל ארצה. אף אחד מן השומרים לא בא לקול הרעש. עברתי את מסדרון־הכלא הצר, ואיש לא נראה. יצאתי החוצה והתחלתי לרוץ לאורך הכביש. היה לילה, ובדרך סרתי לביתו של טוחן נוצרי שהכרתיו, שם נחבאתי שלושה ימים רצופים, וגם ניתן לי אוכל.

שכבתי בעליית־הגג, ובקשתי את הטוחן להודיע עלי למכר פולני, סטבורובסקי, שוטר לשעבר. הוא בא אלי אל עליית־הגג, הוציאני והובילני לבית גיסו, יוזף לאסק, שם היתה אשתי נחבאית במשתלת־פרחים, בתוך בורשטין גופא. מצבו של האכר היה מסוכן מאד, מפני שאנשי הגיסטאפו נרגזו על העלם הרופא היהודי מ־ידיהם זה פעמיים ביום אחד.

בליל בריחתי מן המאסר, שלחו אנשי־הגיסטאפו זקיפים לסרוק בדרכים, חיפשוני בכל מקום, וניתנה הודעה, שהבית אשר מצאתי בו מקלט, יושמד על ה־יושבים בו. הם אף הבטיחו לכל אשר יביאני לפניהם, חי או מת, פרס של 25000 זהובים ושני לוג יי״ש חריף, שלא היה בנמצא באותם הימים.

אכן, למרות הסכנה החביאני אצלו, אותי ואת אשתי, חדשים רצופים. היינו במקומות נפרדים, אני ואשתי, עד שיצאנו והלכנו אל היער להסתתר בו.

נכנסנו אל היער הסמוך לכפר צ׳רוב ב־9 ביולי 1943 ושם שמענו יריות חזקות. הגרמנים חיסלו את הגיטו ברוהאטין וירו בכל יהודי, באשר נמצא. בנינו מערות (בונקרס) ביער והתחבאנו שם, ואף שינינו מקום בכל פעם, שלא ליפול בפח. לסוף חפרנו בור בשדה, בתבואה, והתחבאנו בו. נשאנו רעב וצמא, שכבנו בטחב והיינו אכולי־כנים, עד שאכרים מיודעים לנו התחילו להביא לנו דברי־אוכל. הם היו, על הרוב, אנשי הכת הנוצרית של „בפטיסטים״.

ביערות ובשדות התגוררנו כשנתיים וחצי. האכרים שהביאו לנו אוכל ספרו לנו, שעוד קבוצה של 76 יהודים נחבאים אל היערות ההם, ידענו עליהם והם ידעו גם על מציאותנו, אך לא נפגשנו לעולם. לימים, נתפסו אותם היהודים בהיותם בדרך אל הכפרים ל־מצוא להם מזון ומים.

לאכרים שהביאו לנו אוכל, נתנו את כל אשר היה אתנו, אף הנעלים והבגדים שהיו לעורנו. היה אתנו קצב יהודי מבורשטין, יעקל פלדמן שמו, שפגש־נוהו בשדה שהיינו חבויים בו, והוא עזר הרבה לי ול־אשתי. בדעתו את הדרכים בסביבה ובהיותו נועז ואמיץ, היה הולך אל האכרים ומחליף אצלם חפצים בעבור לחם. האכרים ידעו שהוא נמצא אתנו יחד במחבוא, ולפיכך חסו עליו ולא הסגירוהו.

היינו נחבאים עד מאי 1944, עת שהרוסים הגיעו וגרשו את הגרמנים מן המקום.

אחרי השחרור יצאנו, אני ואשתי, וגם בתי שבכל שנות המלחמה היתה חיה בתור נוצריה ואנו לא ידענו כלל שבחיים היא, — לפולין, משם עברנו לגרמניה והגענו עד רנסהופן, הסמוכה לברונר, שם גרנו במחנה פליטים יהודים עד שהיגרנו ב־1946 לאמריקה, לניו־יורק הגענו ביולי 1946 באניה „מארין פירטש״, וכאן אנו מתגוררים כל הזמן.

אנו שמחים בחלקנו, אף שעברו עלינו בתחילה ימים קשים גם באמריקה, שבאנו לכאן בעירום וב־חוסר־כל. עברתי בבחינות, וכפי שתראו, אני עוסק ברפואה, כרופא עצמאי.

אני ואשתי חולים ושבורים, ואין שעתנו פנויה לעסוק בצרכי ציבור ולהשתייך למפלגות, מלבד אשר ל„מרכז העדה״ בשכונתנו. מזמן לזמן אנו מתאספים עם אנשי עיירתנו, והם באים לביתנו. הם יודעים ש־קשה עלינו לבוא אליהם.

בתנו נשיאה וגרה בעיר אחרת; היא עובדת־סוצ־יאלית ובעלה לומד רפואה. אני קורא בכל יום את הע־תונים „פארווערטס״ ו„טיימס״. בשעות הפנאי אני קורא בספרים זוהר ותלמוד, גמרא וקבלה.

יעקב פלדמן

זכרונות והרפתקאות

(גביית עדות, נרשמה ע״י י. פנסטר, 14.2.56)

לא אספר לכם את כל ההרפתקאות שבאו על בור־שטין בימים הראשונים לכיבוש העיירה בידי הגרמנים, שכבר עמדו על כך ד״ר שומר ואחרים ברשומותיהם. ברצוני לעמוד כאן על אנשי ה„יודנראט״ של בורש־טין, שהאכזרים בהם היו פיליפ טוביאס ויהודה־הירש פישמן.

בדעתי למסור לכם על כמה מאורעות, שאירעו באותם הימים הנוראים בעיירה, וראוי להעלותם על־הכתב.

מנת לחמנו ניתנה לנו בקצוב ע״י ה„יודנראט״: רבע־הכיכר. העובדים בפרך קיבלו את מנת־הלחם, והשאר היו מחכים לפרוסת לחם ליד המשרד, עד



יעקב פלדמן ואשתו דאזיא

אשר כמעט יצאה נפשם. מי שמצא חן בעיניהם נתנו לו מן הלחם, ואשר לא נרצה להם גווע ברעב. הם התייחסו אלינו כאל כלבים. מנהל מחנה־העבודה היה יהודה־הירש פישמן, ומי שלא עמד לעבודה כרצונו, ספג מכות עד שהתמוטט. ואם אם נפל וחלה, סחבוהו לעבודה. מעטים יצאו בשלום מידי הנוגשים, ומבשרי חזיתי זאת.

המהנדס ברנובסקי הקים מחלקת־עבודה מיוחדת לסלילת כביש למטרות הצבא. הוא בחר כשלושים יהודים, חסונים, וכמובן — מיוחסים בפרוטקציה, וכלם קבלו ממנו תעודות של הגסטאפו. אף אני הייתי ביניהם. ליודנראט לא היתה עוד כל זכות פיקוח עליהם, אבל פעם אחת עכבונו אנשי ה„יודנראט״ בשובנו מן הע־בודה. עלה בדעתנו, שהם רוצים להסגירנו לידי הגר־מנים להשמידנו. הם לקחונו והודיעו לנו, שהלילה עליהם ל„העמיד״ 40 יהודים צעירים, שלא עלה בי־דיהם לתפוס זמן רב. מיד הודעתי לכל אשר יכולתי, לברוח ולהמלט.

אותם הימים היו הנוראים ליהודי בורשטין המ־עונים: רבים מהם מתו ברעב; את שארית רכושם מ־אשר שדדו הגרמנים מכרו בפרוסת לחם או כמה תפוחי־אדמה; היו יוצאים אל היער, מהלך של 4—5 ק״מ, לקושש זרדים להבעירם כדי להתחמם קמעא, ולרוב היו הגוים בוזזים את הזרדים מידיהם בדרך, ואף הוסיפו להנחית עליהם מהלומות. כאשר אזל הכל, היו יהודי בורשטין רעבים ונפוחי־בטן היו נופלים ומתים. הנפט־רים היו מושלכים ימים שלמים, מאין קובר, הנשארים בחיים היו באפס כח.

בפרוס יום־הכפורים ב־1942 פרצה אקציה ברוהא־טין, שלא היו בה עוד יהודים הרבה, והודיעו לבורשטין, שיביאו 2 קרונות מלאים יהודים להשמדה.

לא אשכח לעולם אותו יום־כפורים. ר׳ יואל גינצ־בורג זצ״ל, מורה־הוראה של העיירה, בקש עוד שית־פללו יחד ביום הקדוש. נתכנסו מספר יהודים לביתו של שמואל מאסטל, הדיין התפלל כל היום בבכי ובדמעות, הוא ניחם את העדה, לקבל עליהם את הדין ללא מורא, ללכת קוממיות לקראת מר המוות. לפלא הוא, מאין היו לאותו יהודי מעונה ומורעב הכוח והעוז להטיף נחומים.

למחרת יום־הכפורים נכנסו הגרמנים לעיר והתחילו לירות ביהודים ברחובות, והרבה נתפסו והובלו לרו־האטין. גם אמי, פרל, לוקחה ממני באותו יום. אנשי ה„יודנראט״ ידעו על האקציה, ואת נשיהם וילדיהם החביאו בסתר.

בו בזמן נתרוקנה בורשטין מיהודיה והם הובלו לבוקאצ׳ובצה, שם הוטענו בקרונות והובלו אל מחנה־ההשמדה של בלז׳יץ. ר׳ יואל, מורה־ההוראה, הומת ביריה בבוקצ׳ובצה, בהתהלכו בין היהודים, כשהוא מטיף להם ניחומים, ואומר וודוי עמהם. הוא נקבר בבית־ה־עלמין. שארית הפליטה של יהודי המחוז גורשו יחד אל הגיטו של רוהאטין.

באותם הימים עדיין היתה קיימת מחלקת־העבודה של ברנובסקי. המעטים שנשארו הוחזקו בביתו של יוסי פפר. פעם אחת נכנסו גרמנים אל הבית, גרשונו ופתחו ביריות עלינו. נפצעתי פצעים קלים וברחתי על נפשי. שמעון ושלמה פפר מסארנוק היו בין ההרוגים .

בלילה לנתי בבית סקלסקי, שם השארתי עוד מעט חפצים. עברתי לגיטו ברוהאטין, שאשתי ובתי היו שם עדיין בחיים. מיד כינסו את כל הגברים הצעירים ושיל־חום אל מחנות־העבודה של בז׳יז׳אן וטרנופול, שכל באיהם לא שבו עוד. הרבה מאנשי בורשטין הובלו לשם; ביניהם היה שלמה מנדלברג שנפרד מעלי, ואמר לי: „יודעני, שאני הולך לקראת המוות; מה נורא הדבר, שבתי מארץ־ישראל כדי ליפול בידי המרצחים״.

המשטרה היהודית הציעה לי להצטרף אל שורותיה, ולהציל את נפשי. סירבתי בהחלט, כאשר עשיתי גם בבורשטין, אף כי הכוני שם באכזריות ולקחו את כל אשר היה לי.

הם הכניסוני למחלקת האספקה. המשטרה היהודית בגיטו עסקה בסתר במכירת בשר, שעונש מוות היה צפוי על עבירה זו. אכן, גם כאן חפשו להרוויח כסף, בתקוה שתעמוד הצלה בכך. עבדתי בעסקי הבשר, ועזרתי לרבים מבורשטין.

פעם אחת בא בלש, גרמני־תושב (פאלקסדייטש), שביקש לחקור ולדעת מאין לנו הבשר. בראותנו שנפלנו בפח, תפשנוהו ודקרנוהו, ושם היתה קבורתו.

בקצה הגיטו עמד בית, בו גרו מאנשי בורשטין: פיציע שנייוויס, אשתו של פייער, רבקה האבער, ודאזיא אשתי כעת, ועוד אנשים התגוררו שם. בבית ממול, מעבר לרחוב, גרו בחורות של אנשי הגיסטאפו, שהיו עומדות ויורות בנשק בכל יהודי שיצא מן הבית שמ־נגד. בלילה הייתי מביא לאנשינו מכל אשר יכולתי.

באחד הימים כינסו הרוצחים במרמה מאות ילדים ורצחום נפש. הם הכריזו על חלוקת לחם לילדים בשעה קבועה, לכשיבואו. מכיוון שעל פת־לחם רעבו הילדים, הם באו בהמוניהם, וכלם נרצחו באכזריות־פרא.

לאחר חיסול הגיטו ברוהאטין, השגתי לי נשק. כריתי מערה (בונקר) ליד בית של גוי ביער, ינקיב היה שמו. יצאתי לחפש את אשתי וילדי, שנמלטו מן הגיטו. הם הלכו אל השדות, אך למרבה־האסון לא נמצאו עוד, הם הומתו בידי המרצחים.

בשובי אל הבונקר ביער מצאתי שם את ד״ר שומר ואשתו. הם היו שבורים ורצוצים, ובקשו להתאבד לדעת, וקשה היה לי להניאם מזה. יחד הרחבנו את מערת־הסתר, שהתגוררנו בה כמחצית השנה. בסכנת־נפשות הייתי יוצא בלילות לבורשטין אל לאסק, להביא מעט מזון. לאסק היה הצלם מבורשטין, אליו הגיעו גם מכתבים מבתו של ד״ר שומר, שנשארה בחיים והיו לה „תעודות אריות״.

לאחר שגילו הרוצחים הרבה מחבואים של יהודי בורשטין הנשארים לפליטה, — ביניהם: מונדזיא פיש־מן, וולף אוסטרובר, לאטי ברנשטיין שמתו מות גבורים, וגם ברל לונדנר — בא אלינו ינקיב וגירשנו מתחום ביתו.

עברנו אל הכפר הפולני לודויקובקא, שם מצאנו מקלט בביתו של קוכמן הפולני, בביתו חפרנו בונקר. לאחר זמן ניצל אותו גוי ממוות בגללנו, וזה הדבר: בפברואר 1944 התנפלו הלאומנים האוקראינים על הכפר לודביקובקא ושלחו בו אש, ולא נתנו לתושבי הכפר לנוס מפני הדליקה, והרגו כל מי שנסה למלט נפשו. מעטים מן „המאוזרים״, כאשר נקראו בבורשטין, נשארו בחיים. אנו, ד״ר שומר ואשתו וגם משפחת קוכמן נש־ארנו בתוך הבונקר. באו הגרמנים ואספו את כל הנש־ארים בחיים, והובילום מן הכפר. היה קור עז, כולנו התעטפנו בסחבות, ויחד עם הפולנים שנשארו בחיים הובלנו גם אנו מן הכפר, ולא הכירונו.

היה ערב, צנחנו אל השלג ושכבנו. בלילה נכנסנו אל הכומר מריצקי בקארוסטוביץ, והוא נתן לנו ללון בביתו. אחרי תלאות קשות שבתי ובאתי לביתו של ינקיב, בפאת היער של בורשטין. ביער היו עוד מיהודי בורשטין, שקיימנו קשר אתם.

קבלנו מכתב מדאזיא האבר, לבוא ולהצילה. היא היתה חבויה בחורבה, בדרך לדמיאנוב. בגדיה בלו עליה, ומראה היה נורא. למרבה הצרה שוטטו חיילים גרמנים מסביב לבית; אותו זמן התחילה נסיגתם מ־

רוסיה. בעמל רב עלה בידי להוציאה משם, ולהביאה לביתו של ינקיב, הגוי הטוב, מצילנו.

באו עלינו נוראות החיים ביער ובשדות, בעליות־גג של בתי גויים, במערות ובמרתפים. נורא היה לצאת בלילה לבקש אוכל, להיות תמיד בסכנה שהגויים יס־גירונו לידי הגרמנים; אולם, רצון החיים גבר על הכל.

אשתי דאזיא, בת רבקה ופיניה האבר ונכדתו של אברהם יוסל־יונה׳ס, נשארה בחיים לאחר שיהודי בור־שטין הוצאו והובלו לבוקצ׳ובצה להשמדה. שם הס־תתרה; הוריה הובלו לגיטו של רוהאטין והשאירו לה כסף וגם זהב. היא הלכה ללבוב ורכשה לה „תעודות אריות" אולם, בלבוב היו תופסים אז נוצריות ומשלחים אותן לגרמניה לעבודה. יום אחד נתפסה גם היא לע־בודה, ומיד חשדו בה שהיא יהודיה, ולקחוה לחקירה. עלה בידה לקפוץ מקרון־החשמלית, והגיעה לגיטו ב־לבוב, שם חי עוד דודה איציק פלדבוי. באותו זמן נפטר אביה בגיטו רוהאטין. אמה שלחה את אחד ה־איכרים מכפר מרטינוב, והוא הביאה אל הגיטו ברו־האטין, שם נשארה עד חיסולו, ביוני 1943. היא הת־חבאה במערה, חזרה לבורשטין, והסתתרה בבתי גל־וינסקי, ינקיב ועוד גויים מכירים. עזרתי לה באשר יכולתי, ורק אלהים עזר לשנינו והצילנו מידי המרצחים, והביאנו לארץ־ישראל. נולדו לנו 3 ילדים, ואנו חיים ברווחה.

אכן, עוד אוסיף לספר על מאורעות מספר: מות־הגבורים של מונדזיא פישמן, וולף אוסטרובר, ולאטי ברנשטיין.

כשהיתה כבר בורשטין „נקיה מיהודים" עדיין היו בסביבותיה יהודים בודדים, שהתחבאו אצל אכרים וב־יערות. מונדזיא, וולף ולאטי חפרו להם בונקר באורוות של ארמון הנסיך. היה להם אקדח ומספר כדורים. ראפל, הסנדלר הצולע, שהיה שומר החצר, עזר להם, והמציא להם מעט אוכל. הדבר היה בקיץ 1943.

תכופות נפגשתי עם מונדזיא ועם וולף, והוא שאמר לי שכסף רב בידיו של וולף.

בשבת אחת התנפלו על האורווה שוטרים אוקר־אינים בפיקודו של גרמני. הבונקר היה חזק, אך הלשין עליהם בנו של מנקה־הארובות, פד בובן שמו. השוטרים קראו לנחבאים שיצאו מן הבונקר שהקיפוהו. שמהרגיש מונדזיא שאין עוד מנוס, יצא עם אקדחו ביד וירה במפקד הגרמני ופצעהו קשה. גם בשוטר שירה במקלע פגע ביריתו ופצעהו. מונדזיא ולאטי נפלו חללים. וולף תפס באקדח, חזר וירד לבונקר ויצא מן הצד השני, הפונה לגנו של דייקסלער. המרצחים רדפו אחריו, וולף אוסטרובר נלחם כגבור; לא הרחק מביתו של ד"ר שמוראק עוד פגע בשוטר אוקראיני. בהיותו פצוע ושותת דם, עוד הוסיף לירות במרדפים אחריו. הוא נפל מחוץ לעיר, בנו של פד פגע בו.

כבוד לזכרם! במותם מות־גבורים הביאו קרן־אור במחשכי החורבן והשואה של כל עיירתנו.

נקמתנו

פד בובן, מנקה־הארובות, היה שותף אכזרי בהש־מדת יהודי בורשטין. בנו היה משתף־פעולה עם הגר־מנים. הם הסגירו לטבח רבים מיהודי בורשטין שהס־תתרו ביערות, ורבים גם הרגו בידיהם, ביניהם: שמואל מאסטל ובנו, וישעיה גראנאוויטר.

אנו, קבוצת יהודים ביער, החלטנו לקחת נקם בהם. התחפשנו בבגדי־אכרים ובלילה באנו לעיר. תפסנו את שומר־הלילה, גוי שנתקלנו בו ברחוב, והכרחנוהו ללכת אתנו, עד שבאנו לביתו של פד. צוינו על שומר־הלילה לדפוק בדלת ולקרוא את פד לצאת מן הבית. וכך עשה, ואך יצא פד תפסנוהו והרגנוהו בו במקום. גם אשתו יצאה מן הבית וספגה כראוי לה. את הבן המרצח לא מצאנו אותה שעה, ולאחר זמן נודע לנו שהיה חבוי בארובה, והצטערנו מאד. בהריגתם השתתפו גם קלמן, בנה של שרה האופה ,ושנים מיהודי בוק־צ׳ובצה.

בנו של פד עזב את בורשטין. הגויים בעיירה למדו לקח מנקמתנו. מצבנו ביערות הוטב, והם חדלו מלהטפל אלינו אחרי המעשה ההוא.

קלמן, בנה של שרה האופה

עוד בתקופת קיומו של גיטו רוהאטין נלחם קלמן בנשק נגד גרמנים. הוא וקבוצה של יהודים התקיפו גרמנים בדרך לקונושקי. מקצת מן הגרמנים נהרגו, אך הם היו רבים במספר. הם תפסו את קלמן ועוד 3 יהודים אתו והביאום אל הגיטו ברוהאטין, וכל אר־בעתם הומתו. גופותיהם נמסרו ליהודים לקבורה. הב־חינו היהודים בקלמן שעדיין הוא חי, ואינו אלא פצוע קשה בראשו. נטלוהו והחביאוהו, ובמקומו קברו נפטר

אחר, לא היה מחסור בנפטרים. עשרות מתי טיפוס היו בכל יום בעיירה.

קלמן הבריא מפצעיו, הוא ברח אל היערות וחי שם זמן רב. בהתקרב ימי השחרור התנפלו קלמיקים שבויים רוסיים מחיל ולסוב, שעברו לצד הגרמנים, הגרמנים שילחו אותם בשארית היהודים שהתרוצצו ביערות, להשמידם.

באותם הימים רכשו היהודים קצת נשק ועמדו נגד המרצחים בחרוף־נפש. הגרמנים לא רצו לסכן עצמם בקרב, ושלחו את הקלמיקים אל היער. באחד הקרבות הללו נפל קלמן, בנשק ביד, מות־גבורים.

כבוד ונערץ יהיה שמו.

מעשה־נס

זמן רב לפני השמדת יהודי בורשטין נודע לנו על מזימת הגרמנים להשמיד ולאבד את יהדות גליציה כלה. תכופות עברו את תחנת בורשטין רכבות מלאות יהודים קרובים למות, שהובלו אל מחנות־המשרפות. רבים היו בין היהודים שקפצו מן הקרונות אגב דהירת הרכבת, מקצתם נהרגו במקום, מקצתם נתפסו. מעטים ביניהם הצליחו לנוס ולהגיע אל היער או למקום שיהודים עוד חיו שם.

היהודים שנתפסו, נורו והומתו. פעם אחת נתפסו 11 מן היהודים שקפצו מן הקרונות ליד בורשטין, הם הובאו אל העיר. היה גרמני אחד, שתחביבו היה לירות באנשים האומללים ההם, ואכזריות־יתר הראה לגבי ילדים. והוא שבחר את 11 היהודים ליריה. מהם המית 9, ונשארה אם אחת עם ילד בן 7. הרוצח ציווה על הילד להסב את פניו, ושלף את אקדחו לירות בו, וכאן אירע דבר מפליא: הילד עמד לפני הגרמני וחייך לתומו. הרוצח נשאר על עמדו, אקדחו בידו, כמאובן. אותו תליין שרצח מאה אנשים וביניהם ילדים רבים, אותה חית־אדם שלא ידע רחם על ילדים שכרעו לפניו ובקשו רחמים עליהם, וידו לא רעדה בהמיתו אותם, עמד פת־אום נבוך לחיוכו של הילד התמים. אקדחו נפל מידו והוא צנח ארצה והתעלף. בהתאוששו צווה על השוטר האוקראיני שטיק, שירה ב־10 הרוגי בורשטין, להוביל את הילד אל ה„יודנראט", והוא עשה אותו אחראי לחיי הילד. ימים רבים שכב הגרמני חולה בבית טנקא מאס־קוויטץ, והוא צווה להביא לפניו לעתים את הילד היהודי, שבנוכחותו רווח לו.

כאשר הושמדו יהודי בורשטין, נעלם הילד עם אמו, ולא נודע מה היה בסופם.

בורשטין —
געשיכטע און אומקום

והגדת לבנך — אונדזער אייביקער חוב

דאס דאזיקע יזכור־בוך איז די איינציקע מצבה, וועלכע מיר קאנען אויפ־שטעלן פאר די קדושים פון אונדזער שטעטל, וואס זייער אַש איז צעזייט געווארן דורכן ווינט. כל זמן עס זענען נאך פאראן לעבעדיקע עדות איז אונזער הייליקסטער חוב אויפצוזאמלען אלע מעגלעכע מאטעריאלן, אלץ, וואס מיר געדענקען, ווייסן און פילן וועגן אונדזער שטעטל.

מיר זענען נישט קיין פראפעסיאנעלע שרייבער, נישט קיין היסטאריקער. בלויז די אויפטרייסלענדיקע יסורים אין אנבליק פון דעם שוידערלעכן אומקום האבן געעפנט אונדזערע שטומע ליפן און געמאכט זיי רעדעוודיק. יעדע איינציקע פארצייכענונג, ווען זי איז אפילו געשריבן מיט א מילדן שמייכל און לייכטן הומאר, איז דאָך אַן אויסדרוק פון קאנצענטרירטן צער־געפיל. דעריבער האט יעדע שורה, יעדע דערינערונג איר אָרט און ווערט אין דאזיקן בוך־מצבה צום אנדענק פון אונדזערע נאענטסטע און טייערסטע.

בלויז געציילטע בורשטינער יידן האבן זיך געראטעוועט פון די נאצי־רוצחים, עטלעכע בלויז זענען געבליבן לעבן צו דערציילן פון דעם חורבן. אין בורשטין ווי אין די הונדערטער אנדערע שטעט און שטעטלעך פון פוילן און גאליציע זענען נישטא מער קיין יידן. דעריבער האט עס געדויערט אזויפיל יארן נאך דעם היטלער־מבול ביז מיר האבן געפונען אין זיך דעם מוט אנצוגורטן און צונויפזאמלען די כוחות פארן שטעלן דעם דענקמאל, דאס יזכור־בוך פון אונדזער שטעטל בורשטין.

עס איז קלאר און פארשטענדלעך, אז אין די מערסטע פארצייכענונגען און אפהאנדלונגען, וועלכע זענען אריין אין דאזיקן בוך, הערט מען דאס געוויין פון אבלים ; אין די זכרונות וועט יעדער דערהערן דעם טאן פון הספד און עלעגיע, דעם געיאָמער פון גרויליקן חורבן. פאר די שרייבער און ארויסגעבער פון דעם בוך איז חורבן בורשטין, ווי די אלגעמיינע טראגעדיע פון יידנטום אין אייראפע, פארבונדן מיט פערזענלעכער טראגעדיע, מיט טרויער נאך אונדזערע אייגענע און נאענטע. טרעפן זיך אפשר דא און דארט איבערחזורונגען פון באשרייבן און דערמאנען די זעלביקע ענינים, געשעענישן און פערזאנען. אבער איינס דאס צווייטע דערגענצט און שאפט דאס בילד פונעם לעבנס־שטייגער, פון די אנטוישונגען און דערגרייכונגען. אלץ צוזאמען דערציילט וויפל מיר האבן פאר לוירן, ווי גרויס און ממש אומבאגרייפלעך עס איז דער פארלוסט !

עס ווערן אין דעם בוך אויך דערמאנט יידן און יידיש לעבן פון די שכנותדיקע שטעטלעך און דערפער, ווי ראהאטין, בוקאצשעוויץ, באלשוועץ, האַליטש, אזיפאלע, אושציע־זיעלאנע, טיסמיניץ, מאראפאלע, דעמייענעוו א. א. שטעטלעך, וואס האבן זיך געברידערט מיט בורשטין און גענאסן פון אים גע־

זעלשאפטלעך און קולטורעל. זאלן די לאנדסלייט פון די דאזיקע פארשניטענע און פארטיליקטע יידישע שטעטלעך, ווי אפגעראטעוועטע שארית הפליטה, ווו נאר זיי געפינען זיך איצט, באטראכטן דאס בורשטינער יזכור־בוך ווי א דענקמאל פאר זייערע ליבסטע און טייערסטע.

מיט געבויגענע קעפ און פארבראכענע הענט שטייען מיר ביי דעם באשיידענעם דענקמאל פאר אונדזער אומגעקומענער יידישער קהילה אין בורשטין. מיר פארייניקן זיך מיט דעם הייליקן אנדענק פון די דערמארדעטע קדושים. חבל על דאבדין ולא משתכחין!

זאל דאס יזכור־בוך זיין א שטענדיקע דערמאנונג לדור־דורות, וועלכע וועלן זען אין דאזיקן בוך א דאקומענט און א שפיגל פון א רייך שטייגער־לעבן, וואס איז מער נישטא.

זאל דאס געשריי, וואס גייט אויף פון דאזיקן בוך, נישט פארשטילט ווערן און נישט אויפהערן צו מאָנען ביז דור־דורות.

די רעדאקציע

ד״ר נ׳ מ׳ געלבער

צו דער געשיכטע פון די יידן אין בורשטין

דאס שטעטל בורשטין איז געבויט געווארן ביי די ברעגן פון טייך גנילאַ ליפאַ. אויף אַ גרויסן טייל פון לאַנד האָבן זיך געפונען סאדזעווקעס מיט פיש. דאס שטעטל איז געלעגן ביים ברעג פון טייך, אויפן וועג ראהאטין—לעמבערג. אין 16־טן און 17־טן יארהונדערט האט בורשטין געשפילט א וויכטיקע ראל אינם איינפיר און אויספיר־האנדל פון רוטעניע. דורך בורשטין האט מען געפירט די סחורות פון לעמבערג קיין אונטערלאנד, דארט האט זיך פארצווייגט דער שאסיי אין צוויי ריכטונגען: איינער קיין זלאטשעוו־זאלעטשיקי און פון דארט דורך דער וואָלעכיי קיין קאנסטאנטינאפאל. דער צווייטער — קיין פשעמישלאני דורך ראהאטין — בורשטין — קאלוש, סטאניסלאוו, קאלאמיי, ביז אונגארן.

אין 17־טן יארהונדערט איז בורשטין געווען א קליין שטעטל און געהערט צו דער סטראסטווא האליטש. מען האט עס גערופן Nowe Sioto. עס איז געווען דאס אייגנטום פון מיקאליי סיאניאווסקי. אין יאר 1505 האבן דארט געוווינט 104 פויערים, אין דער שפיץ איז געשטאנען א "Wójt". אין דעם זעלבן יאר האט זיגמונד־אויגוסט, דער מלך פון פוילן, געשענקט גיטער די ברידער פון מיקאליי: פראקאפאוון — דאס שטעטל אָסטראָוו און אלעקסאנדערן — דאָלפויעוו. מיקאליי האט באקומען דעם גאנצן קרייז קאניושקי מיטן שטעטל בורשטין און אלע דערפער ארום.

עס איז שווער פעסטצושטעלן אויב אין יענער תקופה האט זיך דארט געפונען א יידישער יישוב, עס זענען נישטא קיין באווייזן, ווי: פריווילעגיעס און דאקומענטן דאס צו באשטעטיקן. די יידן האבן זיך באזעצט אין בורשטין אין א שפעטערע תקופה, ווען די יידן פון לעמבערגער קרייז האבן זיך צעשפרייט אין די מזרח טיילן פון פוילן.

אין 17־טן יארהונדערט האט בורשטין געליטן פון די טאטארישע באזעצונגען. אין אקטאבער 1629, איז סטעפאן כמיעלעווסקי באפאלן די טאטארן, האט זיי פאַרטריבן פון דער סביבה און ביי זיי צוגענומען דעם גאנצן שלל, וואס זיי האבן דארט גערויבט.

אין 17־טן יארהונדערט האָט זיך פארשארפט די ווירטשאפטלעכע לאגע אין רוטעניע, אזוי ווייט אז דער סיימיק פון קרייז האַליטש, וואס בורשטין האט צו אים געהערט, האט באשלאסן אין א זיצונג דעם 29 יולי 1681 צו באפרייען די שטעטלאך באהורודשאני און בורשטין, פון צאלן שטייערן.

אין אנהויב פון 18־טן יארהונדערט האט בורשטין מיט דער סביבה געהערט צום קאשטעלאן פאוועל בענוא (Benoi) פון ווארשע, דאס איז דער קאשטעלאן וואס האָט געבויט דעם קלאַשטאָר פונעם טריניטארישן ארדן. ער האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע פון פדיון־שבויים פון די, וועלכע זענען געפאנגען געווארן דורך די טערקן. זיין טאכטער האט חתונה געהאט מיטן מארשאלעק פראנציִשעק רזשעווסקי (Rzewuski), און ער האט באקומען נדן דאס שטעטל בורשטין. פון דאמלס אָן איז בורשטין געווען דאס אייגנטום פון דער משפחה רזשעוווסקי — ביזן אנהויב פונעם 19־טן יארהונדערט. פון רזשעוווסקין איז בורשטין איבערגעגאנגען אין די הענט פון גראף סקארבעק. און שפעטער געווארן א גוט פון זיין אייניקל, פירשט יאבלאנאווסקי.

אין מיטן פון 17־טן יארהונדערט איז דער יידישער ישוב אין בורשטין אויפגעשטעלט געווארן אויף די יסודות, לויטן מוסטער פון פריצישע שטעטלעך פון יענער צייט: דאס רוב האט זיך מפרנס געווען פון קליין־האנדל, דארפסגייער, שענקעריי און נאר א קליינער טייל האט זיך פארנומען מיט האנדווערק. די אנפירערשאפט פון דער קהילה איז געווען ארגאניזירט אזוי ווי אין אלע קהילות פון רוטעניע: אין דער שפיץ איז געשטאנען דער „קהל״ וועלכער איז געוויילט געווארן לויטן סטאטוט וואס איז באשלאסן געווארן אין יאר 1630 אין קוליקוב, דורך 6 וויילער אויפן פאלגענדן אופן: אין איין וואל־

אורנע האט מען אריינגעלייגט צעטלען מיט די נעמען פון די אנגעזעענע בעלי־בתים און גבאים ; אין דער צווייטער אורנע די נעמען פון די באאמטע און מיטגלידער פון די קאמיסיעס ; אין דער דריטער אורנע — די נעמען פון אלע שטייער־צאלער. נאכדעם האט מען ארויסגענומען 2 צעטלען פון דער ערשטער אורנע און דעם רעשט צעטלען אריינגעווארפן אין דער צווייטער אורנע ; דאן האט מען ארויסגעצויגן פון דער צווייטער אורנע 2 צעטלען און די געבליבענע אריינגעווארפן אין דער דריטער אורנע ; פון דארט האט מען ארויסגעצויגן נאך 2 צעטלען ; די אלע 6 זענען געווען די ווילער, און זיי האבן נאמינירט דעם נייעם „קהל".

אין שפיץ פון דער קהלה זענען געשטאנען 3—5 פרנסים, וועלכע האבן געמוזט באשטעטיקט ווערן דורכן פריץ פון שטעטל. די פרנסים האבן אויסגעפירט זייער פונקציע יעדן חודש איינער לויט דער ריי, אין דער צייט פון זיין אמטירן האט מען אים גערופן דער „חודש־פרנס". א טייל פרנסים פלעגן רעגירן און אויספירן די פונקציעס מיט תקיפות. אין דער בורשטינער קהלה זענען אבער נישט געווען אזעלכע תקיפים ווי זלמן בן וואלף פון דראהאביטש אין די יארן 1750—1760, וואס איז געווען באוווסט דורך זיין אכזריות. ביז די לעצטע יארן פאר דער ערשטע וועלט־מלחמה האט מען געזונגען ספעציעלע לידער וועגן אים אין די אוקראינישע דערפער.

א חוץ די פרנסים זענען געווען אין ועד הקהלה 5—7 אנגעזעענע בעלי־בתים, און פאר באזונדערע פונקציעס זענען געוויילט געווארן ספעציעלע גבאים : „גבאים פון צדקה גדולה" וואס האבן זיך פארנומען מיט צדקה און הקדש, קראנקן־הייזער און חברה קדישא ; אויפזעער פון די חשבונות און מארק, געוויכטער און היגיענע ; גבאים פון תלמוד תורה און שול.

אין צייטן פון אויסנאם־צושטאנד, ווי מלחמות, באזעצונגען פון טאטארן און אוקראינער, פון וועלכע דאס מזרח שטעטל האט א סך געליטן, זענען געוויילט געווארן אויך גבאים, וואס האבן זיך פארנומען מיט פדיון־שבויים.

כמעט אין יעדער קהלה האט מען געזאמלט געלד פאר עניי־ארץ־ישראל, געשיקט צום „מרא דארעא קדישא" אין לעמבערג. חוץ דעם שטאט־רב איז געווען א בית־דין פון דיינים.

די קהל'שע ענינים איז געלעגן אין די הענט פון א שרייבער (ספרא) און שמש, און אין די קלענערע קהלות איז געווען נאר א שתדלן.

אין דער קהילה זענען געווען פארשידענע חברות פאר מצוות און תורה־לערנען.

די שול איז אויפגעבויט געווארן אין דער ערשטער העלפט פונעם 18־טן י.ה., לויט דער מסורה פון בורשטינער יידן איז דער אלטער בית־עלמין געגרינדעט געווארן מיט העכער 400 יאר צוריק. דער חזן ר' איציק־דוד האט דערציילט דעם רב ר' מאיר לאנדו א סך יארן פאר דער ערשטער וועלט מלחמה, אז ער האט געזעען אויפן בית־עלמין א מצבה מיטן אויסגעקריצטן נאמען פון נפטר : דער זון פון גאון מהר"ם פון לובלין. הרב לנדאו האט פון דעם געדרונגען, אז דער בית־עלמין האט שוין עקזיסטירט מיט 400 יאר צוריק.

די פעסשטעלונג, אז די קהלה איז אנטשטאנען נאך אין סוף פון 16־טן יארהונדערט איז אבער נישט אננעמבאר. ערשטנס, אין די ארכיוו־דאקומענטן, וואס דערמאנען די אלטע מזרח־גאליצישע קהלות, פיגורירט בורשטין בכלל נישט ; צווייטנס, ר' מאיר ב"ר גדליה (מהר"ם) פון לובלין האט געלעבט אין די יארן 1558—1616, איז דאך נישט מעגלעך, אז זיין זון איז געשטארבן מיט 400 יאר צוריק.

צו דער בורשטינער קהלה האבן אויך געהערט די יידן, וואס האבן געוווינט אין די דערפער : נאסנטאשצין, יונאשקאוו, סארנקו, אוזיעראן, קאראפאטניקי און טעניטניק.

לויט די דערציילונגען וואס זענען געבליבן צווישן בורשטינער יידן, האט די קהלה שטארק געליטן פון די קאזאקישע איבערפאלן אין יאר ת"ח.

צוזאמען מיט דער שכנותדיקער קהלה ראהאטין האט בורשטין געהערט צום ועד־הגליל לעמבערג, וואס איז געגרינדעט געווארן אין די ראמען פון די ועדי־הגלילות, אויפן פארלאנג פון די פריצים און דעם „סיימיק" פון ווישניע, אין יאר 1658.

די יידישע באפעלקערונג איז געוואקסן נישט נאר אין צאל, זי האט אויך בכבודיג אויפגעהאלטן די יידיש אויטאנאמישע אינסטיטוציעס. די פארשטייער פון דער קהלה האבן גענומען אן אקטיוון אנטייל אין ועד־הגליל.

אין יאר 1714 איז פארגעקומען אין בורשטין דער

צוזאמענפאר פון „ועד מדינת רייסין“, דאפון איז צו דרינגען ווי וויכטיק און חשוב די קהלה איז געווען.

דער גרויסער העטמאן אַדאַם מיכאל סיאניאווסקי האט צוזאמענגערופן דעם 27־טן יולי 1713 אין בורשטין דעם ועד־הקהלות פון קרייז רוטעניע, פאדאליע, פאָקוציע, כדי — ווי געזאגט אין באפעל פון צוזאמענפאר — „די יידן פון די דערמאנטע מקומות זאלן אויף א דרינגענדן אופן אפהאלטן אין מיין גוט בורשטין א צוזאמענפאר פון ועד־המדינה מיטן צוועק צו פארטיילן די שטייערן און באקומען א אפצעל־באַפעל (asygnacie) וואס איז זיי ארויס־געגעבן, לויט די רשימות פון די שמאים און זייער הויפט־שרייבער“.

בורשטין איז געלעגן אנטקעגן די שטעט ראהאטין און פאדהייצע, די הויפט פונקטן פון דער שבתי־צבי באוועגונג, און שפעטער פון יעקב פראנק. זייערע שליחים האבן אויך אין בורשטין געפרווווט כאַפן נפשות.

אלישע שור, איינער פון שבתי־צבי׳ס הויפט גלייביקער מיט זיינע דריי זין — שלמה־נתן, ליפמן און ליב האבן פון ראהאטין פערשפרייט דעם גלויבן פון די שבתי־צביניקעס און פראנקיסטן זיי האבן זיך ארומגעדרייט אין אלע קהלות פון דער סביבה און געפרעדיקט זייער תורה.

עס איז נישט באקאנט, אויב זיי האבן משפיע געווען אויף די בורשטינער יידן און עס איז זיי דארט געלונגען צו פאנגען נפשות אבער א פאקט איז, אז אין די פראנקיסטישע רשימות פון געשמד׳טע יידן נאכן ויכוח, וואס איז פארגעקומען אין לעמבערג דעם 17 יולי — 10 סעפטעמבער 1759 האט מען נישט געפונען קיין איין בורשטינער; דאס באווייזט זייער פולן דורכפאל.

אין יענער תקופה איז געווען רב אין בורשטין ר׳ צבי בן נתן. צוזאמען מיט נאך 2 פרנסים פון דער קהלה און שמש האט ער באשטעטיקט בשבועה ביי א ציילונג פון 15 פעברואר 1765 „מיר האבן פערשריבן אלע יידן פון גרויס ביז קליין, אין זייערע דירות, אין די קעגנאיבערדיקע דערפער, וואס זענען אנגעשלאסן צו דער בורשטינר קהילה, אויך די וועלכע געפינען זיך אויף די וועגן, מיר האבן נישט פערפעלט קיין איינעם“.

בעת דער ציילונג וואס איז דורכגעפירט געווארן וועגן קאפשטייער, זענען געווען אין בורשטין גופא 438 דערוואקסענע יידן און 154 קינדער. אין 7 דערפער וואס האבן געהערט צו דער בורשטינער קהלה — 43 יידן און 5 קינדער.

צוליב מאנגל פון באגלויבטע דאקומענטן און קוואלן, פעלן די ידיעות וועגן דער אנטוויקלונג פון דער קהלה בורשטין, עס איז נאר באוווסט, אז די השפעה פון חסידות איז געווארן וואס אמאל שטארקער צווישן די בורשטינער תושבים, און האט אויך געדויערט אין די צייטן פון עסטרייכישער הערשאפט.

די אייגנטימער פון דער שטאט — די משפחה זשעווסקי האבן נויטיג געדארפט די יידישע תושבים, וואס האבן מיט זייער מסחר פארבעסערט דעם ווירטשאפטלעכן מצב אין געגנט. דערפאר האבן זיי געגעבן די יידן באזונדערע פריווילעגיעס: זיי האבן געבויט פאר זיי שטיין־הייזער, וואס א טייל פון זיי זענען נאך געשטאנען ביזן סוף פון דער צווייטער וועלט מלחמה. ווירטשאפטלעך, איז דער מצב פון די בורשטינער יידן געווען גאנץ גוט. זייער פרנסה האט זיך געשטיצט אויף די פויערים פון דער סביבה. דער עיקר האבן זיי זיך אפגעגעבן מיט מסחר פון לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטן און שענקעריי. זיי האבן אבער געליטן פון די שווערע שטייערן, וואס מען האט אין יענער צייט ארויפגעלייגט אויף יידן. א חוץ דעם קאפשטייער, האבן זיי געמוזט צאָלן נאך פארשידענע אנדערע שטייערן.

ב.

נאך דער ערשטער צעטיילונג פון פוילן, זענען אין לאנד און אין גאליציע פארגעקומען גרויסע ענדערונגען, פון וועלכע אויך בורשטין האט שטארק געליטן.

ביזן יאר 1785 זענען די יידן אין גאליציע געווען ארגאניזירט לויטן יידן־געזעץ פון דער קייזערין מאריא טערעזא פון יאר 1776, אין א באזונדערע קערפערשאפט: די הויפט־אנפירונג פון די יידן אין גאליציע וואס איז געשטאנען אין איר שפיץ. די ארגאניזאציע איז אויפגעלייזט געווארן אין 1785 און קיין אנדערע אינסטיטוציע איז נישט געגרינדעט געווארן אויף איר פלאץ. אין מיטלמעסיקע און קליינע קהלות ווי בורשטין, זענען געשטאנען אין דער שפיץ 3 פרנסים. זייער אויפגאבע איז געווען צו זארגן פאר די ענינים פון דער קהלה, בורשטין האט אין יענער צייט געהערט צום קרייז ברזשעזשאני. די קהלה האט נישט געהאט קיין רב

נאר א מורה־הוראה (Religionsweiser) וועלכער האט נישט באקומען קיין שכירות, נאר א דירה. אין דער קרייז־שטאט ברזשעזשאני איז געווען א קרייזראבינער. זיין יערליך געהאלט האט באטראפן 200 פלארין מיט אן אמט־דירה.

אין אלע שטעט פון דער בורשטינער געגנט: בוברקא, כאדראוו, סטרעליסק, פשעמישלאני, פאד־הייצע, ראהאטין, זענען נישט געווען קיין רבנים נאר מורי־הוראה.

אזוי ווי אין אלע קהלות פון גאליציע, האט מען אויך אויף די בורשטינער יידן א חוץ די געוויינלעכע שטייערן, ארויפגעלייגט אויך א „בויגן־אפצאל" און „קאנצעסיע־אפצאל". פאר א חערלויבעניש חתונה צו מאכן א זון — האט מען געצאלט לויט דער הכנסה פון דער משפחה. ווער עס האט חתונה געמאכט זיינע קינ־דער אן דער דערלויבעניש פון דער מאכט איז שטרענג באשטראפט געווארן — אפילו ביז צום אוועקנעמען דיין פארמעגן.

אין יענער צייט האבן די בורשטינער יידן א סך געליטן פון פאסטמייסטער רעטל (Röttel), וועלכער פלעגט זיי מסר'ן. פאר יעדער „מסירה" פון א נישט אפיציעלע חתונה האט ער באקומען א באלוינונג פון דער מאכט.

קייזער יאזעף דער צווייטער האט פארעפנטלעכט אין יאר 1782 א באפעל, אז יידן ערד־ארבעטער דארפן צאלן נאר די העלפט פון חתונה־שטייער. ער האט זיי אויך צוגעזאגט נאך א קורצע צייט אין גאנצן צו באַ־פרייען פון דעם שטייער. די רעגירונג האט געוואלט די יידן געבן מוט, כדי זיי זאלן זיך אפגעבן מיט לאנד־ווירטשאפט.

די מאכט האט אויך אנגעגרייט א פלאן צו גרינדן ווירטשאפטלעכע זידלונגען פאר יידן. אין פרילינג 1786 איז געגרינדעט געווארן די ערשטע יידישע ווירט־שאפט'ס־זידלונג אין דארף דאמברובקא, ביי נאווי־סאנטש (סאנץ), און שפעטער „ניו־בבל" (New-Ba-bylow) ביי באלעכאוו. אויך נאך א צאל קליינע זיד־לונגען, וואס האבן נישט לאנג עקזיסטירט.

דער רעגירונגס פלאן האט באשטימט, אז פון דער אלגעמיינער צאל 1.400 משפחות, וואס די יידישע קהלות האבן באדארפט מאביליזירן פאר דער לאנדווירטשאפט־לעכער באזעצונג, דארף דער קרייז ברזשעזשאני (10 קהלות) געבן 69 יידישע משפחות, וואס האבן זיך גע־זאלט באזעצן אויף 49 חלקות־ערד. זיי האבן געדארפט באקומען 66 ווינהייזער, 66 שפייכלער און שטאלן, 66 גענג ארבעטס־כלים, 124 פערד, 88 אקסן, 147 קי. ביי דער צעטיילונג האט די בורשטינער קהלה צוגע־שטעלט 7 משפחות, צוזאמען: 9 מענער, 9 פרויען, 2 מיידלעך און 8 יינגלעך — זיי האבן באקומען 7 פאר־צעלן ערד, 7 ווינהייזער, 7 שפייכלער און שטאלן, 7 גענג ארבעטס־כלים, 14 פערד, 20 אקסן און 23 קי.

לויטן אפיציעלן באריכט פון דער מאכט האבן זיך די משפחות באזעצט אויף זייערע נחלות ביז סוף 1793.

אין יאר 1822 זענען פון די 60 משפחות פון בר־זשעזשאנער קרייז פארבליבן ביי לאנדווירטשאפט 40. — דערביי איז נישט באקאנט וויפל פון זיי זענען געווען פון בורשטין.

דער בודזשעט פון דער יידישער לאנדווירטשאפט־באזעצונג איז ארויפגעלייגט געווארן אויף די דארטי־קע קהלות, דער חשבון פון די הוצאות פון באזעצן פאר איין משפחה האט דערגרייכט א סכום פון 200 פלארין.

ווי געזאגט, האבן די בורשטינער יידן גלייך מיט אנדערע קהלות אין גאליציע געליטן פון די שווערע שטייערן, וואס האבן זיי צעפירט צו א ווירטשאפטלע־כן צוזאמענברוך.

א חוץ דעם „טאלעראנץ־שטייער (Toleranz-Steuer) האבן די יידן געצאלט פארשידענע אנדערע שטייערן, ווי: אפצאל פאר כשר־פלייש, פאר ליכט־צינדן.

די בורשטינער יידן האבן זיך פארנומען, א חוץ מיט שענקעריי, קליינהאנדל און דארפגייעריי, מיט פארקויפן לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטן. די געאגג־ראפישע לאגע פון בורשטין, וואס ליגט אויפן הויפט־שאסיי, האט געשאפן ווירטשאפטלעכע מעגלעכקייטן צו קאנצענטרירן פארשידענע האנדלס צווייגן אין יידישע הענט.

„די פאראָרדנונג וועגן יידן" פון קייזער יוזעף דעם צווייטן (פון 20 מערץ 1785) האט באפוילן די יידן צו שאפן אלגעמיינע שולן. אין ברזשעזשאנער קרייז איז געשאפן געווארן אין די יארן 1788—1792 שולן אין די קהלות: ברזשעזשאני, ראהאטין, פאדהייצע, בוברקא,

ראזדאל. בורשטין, א קליינע קהלה מיט א קליינער צאל תושבים, האט נישט זוכה געווען צו קיין אלגעמיין יידישער שול.

אין יאר 1812 האט די מאכט פון מזרח־גאליציע דורכגעפירט א פאלקס־ציילונג. פארשטייט זיך, אז די ציילונג איז געמאכט געווארן מיטן צוועק צו איינקאסירן שטייערן. די ציילונג האט באוויזן אין בורשטין 100 יידישע משפחות, צווישן זיי — 197 מענער, 216 פרויען — צוזאמען 413 נפשות. אין פארגלייך צו דער לעצטער ציילונג פון יאר 1765, (453 נפשות), איז לויט דער ציילונג פונעם יאר 1812 געווען ווייניקער 40 נפשות (10%) פון דער יידישער באפעלקערונג אין בורשטין.

ג.

אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יארהונדערט איז געווען איינער פון די בארימטע רבנים פון דער קהלה, הרב ר' צבי־הירש בן נתן אשכנזי, וואס האט אונטערגעשריבן אין יאר 1765, די רשימה פון דער ציילונג.

א) ר' צבי־הירש ב"ר נתן אשכנזי, איז געווען א אייניקל פון „חכם צבי" און ברודער פון הרב ר' יעבץ. זיין פאטער איז געווען א גדול בתורה, איינער פון די חכמי־הקלויז אין בראָד. ער פלעגט זאגן פאר די חכמי הקלויז דרשות אין הלכה און אגדה, זיינע חידושים זענען דערשינען אין קונטרס „אמרי נועם" (ליקוטים פון די גדולי הדור).

זיין מוטער איז געווען א טאכטער פון ר' משה פון בראד.

ר' נתן האט געהאט דריי זין: ר' אפרים, איינער פון די חכמי הקלויז און מגיד אין בראד, ר' משה אבדק"ק זבאראוו — דער פאטער פון ר' יעקב פון ליסא (לארבערבוים), דער בעמ"ח פון „חוות דעת" און „נתיבות המשפט" — און ר' צבי הירש אבדק"ק בורשטין.

ב) ווען ר' צבי־הירש ב"ר נתן איז נפטר געווארן איז זיין איידעם, ר' יוסף תאומים געווילט געווארן פאר רב אין בורשטין (ר' יעקב פון ליסא איז געווען זיין תלמיד).

ג) נאך ר' יוסף תאומים האט געירשנט דעם כסא־הרבנות הרב ר' יוסף שווארץ, א תלמיד פון ר' יעקב פון ליסא. ער האט געפירט די רבנות פיל יארן אין שטאט. אויף דער עלטער, בשנת תרי"ז (1857) איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

ד) ר' מאיר לאנדוי (1830—1907), זון פון הרב ר' מרדכי זיסקינד סגל־לאנדוי, ראש בית־דין אין סטרי (צוזאמען מיט אבדק"ק ר' ענזיאל). זיין מוטער הינדע, איז געווען א טאכטער פון גביר ר' הירש הירצמאן אין בורשטין, א געבוירענער אין גראדעק־יאַגעלאנסקי. ער האט זיך באזעצט אין בורשטין און איז געווארן איינער פון די גרעסטע עשירים אין דער סביבה.

הרב ר' מאיר לאנדוי איז געבוירן געווארן אין בורשטין. אין עלטער פון 20 יאר, איז ער שוין געווען רב אין שטעטל קניהיניצש, נישט ווייט פון ראהאטין. אין יאר 1857 איז ער געווארן רב אין זיין געבורט־שטאט בורשטין. (דער אדמו"ר פון סטרעטין, ר' אברהם ב"ר יהודה־צבי, האט געשריבן צו זיינע חסידים אין בורשטין און זיי באפוילן זיי זאלן זיין אויף זיין צד). 40 יאר האט ער געפירט רבנות ביז 1898, ווען זיין זון איז געווילט געווארן פאר רב אין בורשטין, נאך ביים לעבן פון זיין פאטער. ר' מאיר לאנדו איז נפטר געווארן י' ניסן תרס"ז (1907). זיין זון ר' משה־דוד לאנדו איז געווארן זיין ממלא מקום. ר' משה־דוד'ס פרוי איז געווען די טאכטער פון הרב ר' נפתלי־הירץ לאנדו פון סטרעליסק, ר' יואל־משה'ס א אייניקל. אין זיין צייט זענען געווען באקאנט די דיינים: ר' לייזער יעקב, ר' חיים־יודל דייקסלער, ר' לייבל יופיטער.

ר' משה־דוד איז געווען רב אין בורשטין ביז יאר 1927, ווען ער איז נפטר געווארן.

אין יאר 1910 איז, לויט דער איניציאטיוו פון ר' שמואל דעם סטרעליסקער מלמד'ס זון, איינגעלאדן געווארן קיין בורשטין ר' יואל גינזבורג, דער ראש־מתיבתא פון דער בערזשאנער ישיבה פון הגאון ר' שלום־מרדכי שבדרון. נאך זיין דרשה אין בית־המדרש איז ער אויפגענומען געווארן אלס מורה־הוראה פון דער שטאט, און פארנומען דעם פאסטן ביז צום אומקום פון דער קהלה.

ד.

פאר דער רעוואלוציע פון 1848 אין עסטרייך, איז פארגעקומען אין לעבן פונעם גאליצישן יידנטום א שווערער קאמף צווישן די פרומע און חסידים פון איין זייט און משכילים פון דער צווייטער זייט. די בור־

שטינער קהלה האט נישט געפילט דעם טעם פון דעם קאמף. איר אינערלעך לעבן איז געווען אינגאנצן באײַנפלוסט פונעם חסידות.

שוין אין אנהויב פונעם 19־טן יארהונדערט האט דער חסידיזם געשלאגן ווארצלען אין בורשטין. דער גרינדער איז געווען ר׳ יהודא־צבי־הירש בראנדווײַן פון סטרעטין, א תלמיד פון ר׳ אורי סטרעליסקער, באקאנט מיטן נאמען „שרף״, א תלמיד פון ר׳ שלמה פון קארלין. זיין עלטסטער זון, ר׳ אברהם, האט גע־ירשנ׳ט פונעם פאטער די רביישע שטול. זיין ברודער, ר׳ אליעזר (לייזערל) איז געווען אדמו״ר אין אזיפול, ער האט געהאט צוויי זין: ר׳ אורי, זיין יורש אין אזיפול, און ר׳ נחום.

ר׳ נחום איז געווארן רבי אין סטרעטין, אין יאר 1865, זייענדיק 18 יאר אלט. אַ פּאָר יאר שפּעטער איז ער אריבער קיין בורשטין, און געווען דארט רבי ביז 1914; ער איז געווען א למדן און א מקובל. ער האט געשריבן 4 קבלה־ספרים: א) „אמרי טוב״, ב) „אמרי חיים״, ג) „אמרי ברכה״, ד) „אמרי רצון״. ר׳ נחום האט געגרינדעט אין בורשטין א פּרעכטיקן הויף, שטענדיק האט זיך דארט געפונען א גרויסע צאל „יושבים״ אויפן חשבון פונעם רבי. אין דער סביבה פון בורשטין און ראהאטין זענען געווען א סך זיינע חסידים, וואס האבן געשאפן ארטיקע „בורשטינער קלויזן״ — און ראהאטין, בוקאצשאווצע, באלשוועץ, האליטש, אזיפולע, מאנאסטערזשיסקא, ניזשנאָוו, נאד־ווארנע, ליסיץ, טיסמעניץ, סטאניסלאוו, אושציע־זיעלא־נע, מאריאמפאלע און פאדהייצע.

דעם רבינס הויף און די גרויסע צאל אנגעקו־מענע חסידים האבן בייגעשטייערט צו דער ווירט־שאפטלעכע עקזיסטענץ פון דער בורשטינער קהלה.

זומער 1914 בעת דער אדמו״ר איז געווען אויף דאטשע אין די בערג, איז אין בורשטין אויסגעבראכן א שריפה, וואס האט פארניכטעט א האלב שטעטל, און אויך דעם רבינס הויף איז פארברענט געווארן. דעמלט איז ר׳ נחומציע ארויסגעפארן פון בורשטין און זיך באזעצט אין סטאניסלאוו, דארט איז ער נפטר געווארן אין יאר 1915. ער האט איבערגעלאזט אַ זון און 4 טעכטער.

זיין זון ר׳ לייזערל איז געווארן ממלא־מקומו אין סטאניסלאוו. זיינע איידעמס: א) ר׳ אייזיקל פון פאד־הייצע ב) ר׳ אפרים הורוויץ, רב אין אושציע ג) ר׳ לייב, האדמו״ר פון אולק ד) ר׳ משה־ליב, אדמו״ר אין שאץ.

נאך ר׳ נחום׳ס פטירה, האבן זיך זיינע חסידים צעטיילט אין צוויי „הייף״: איינער — פון ר׳ לייזערל, דער צווייטער — פון זיין איידעם ר׳ אייזיקל פון פאד־הייצע.

אין אנהויב פון די דרייסיקער יארן האט ר׳ משה, ר׳ לייזערל׳ס זון, באנייט זיין זיידנס הויף אין בור־שטין. ער האט געפירט רבייאישאפט ביז ער איז אומ־געקומען, צוזאמען מיט זיין פרוי און 3 זין אין דער צייט פון די נאצישע רציחות. א חוץ סטרעטינער חסי־דים, זענען אין בורשטין געווען בעלזער און טשארט־קאווער חסידים. זייער השפּעה איז געווען קענטיק אינעם לעבן פון דער קהלה ביזן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג.

ה

אין די יארן 1846—1847 איז דער ועד־הקהלה געווען אין א שווערער פינאנסיעלער לאגע און האט נישט געקענט דעקן זיינע הוצאות. די קהלה האט גע־בעטן פון דער קרייז־הויפטמאנשאפט א דערלויבעניש צו פארגרעסערן דעם אפצאל אויף כשר־פלייש, צו דעקן די באדערפענישן פון דער קהלה. סוף 1847 האט די קרייז־הויפטמאנשאפט אין ברזשעזשאן באוויליקט דער בורשטינער קהלה ארויפצולייגן א צוגאב־שטייער צום פלייש־אפצאל כדי צו דעקן די הוצאות.

ווי באוווסט, איז אין יאר 1850 דערלויבט געווארן יידן צו קויפן אומבאַוועגלעך פארמעגן. פון אלע גאלי־ציש שטעט האבן יידן אנגעגעבן ביטעס צום אי־נערן־מיניסטעריום אין ווין וועגן דערלויבענישן צו קויפן אומבאוועגלעכן באזיץ.

פון בורשטינער יידן האבן אנגעגעבן ביטעס, אין יאר 1864, דריי: ב. בלויער, מעהרבערג און פעלד־קליין. אין 1866 האבן געבעטן ערדשטיין און קימעל, גרויסע תבואה־סוחרים אין מזרח־גאליציע, א דערלוי־בעניש צו פארשרייבן זייערע פלעצער און הייזער, אין די רעיעסטער גוט־באזיץ. נאך א פאר חדשים האבן זיי די דערלויבענש באקומען.

אין יענער צייט האבן זיך שוין באזעצט אין בור־שטין צוויי יידישע מעדיצינער: ד״ר גאלדשיידער און דער כירורג ריטנער. אין יאר 1845 האט ריטנער געטאן א זאך, וואס האט אויפגעטרייסלט די בורשטי־

נער קהלה: ריטנער האט געהאט א זון, עדוארד, און ווען ער איז נאך געווען א קליין קינד האט אים זיין פאטער אפגעשמדט. אויף דער פראגע פארוואס ער האט געטאן אזא זאך, האט דער פאטער געענטפערט — אז ער האט עס געטאן פון איבערצייגונג אין גלויבן. מען האט אים געפרעגט: „פון ווען אן גיסטו זיך אפ מיט רעליגיעזע פראבלעמען און ביזט געקומען צו דער איבערצייגונג, אז קריסטנטום איז געווונשענער פון יידנטום?" דא האט ער מודה געווען, אז ער האט עס געטאן נישט פון איבערצייגונג, נאר ווייסנדיק אז זיין זון, וואס האט גרויסע פעיקייטן, וועט שטייגן אין לעבן אלס קאטאליק, און אויב ער וועט בלייבן א ייד — וועט ער קוים קענען ווערן אן אדוואקאט, אדער א דאקטער מיט א גוטער פראקטיק אין דער פראווינץ.

עדווארד ריטנער האט טאקע געמאכט א גרויסע קאריערע: ער איז אריינגעטרעטען אין רעגירונגס־דינסט, און געווארן רעפערענט פון קירכנגעזעץ ביי דער לעמבערגער אוניווערסיטעט. און אלט ווערנדיק 31 יאר איז ער באשטימט געווארן אלס ארדענטלעכער פראפעסאר. שפעטער, אין די יארן 1894—1883 האט ער געארבעט אין בילדונגס־מיניסטעריום אין ווין און אין די יארן 1897—1896 איז ער געווארן, אין דער רעגירונג פון פירשט קאזימיר באדעני, מיניסטער פאר די ענינים פון גאליציע.

ד"ר ריטנער האט געהאט א גרויסן איינפלוס אין די רעגירונגס־קרייזן און איז געווען איינער פון די פארטרויאונגס־מענער פונם קייזער פראנץ יאזעף דעם I, ווען דער קרוינפרינץ פערדינאנד איז שווער קראנק געווארן און אויף זיין פלאץ איז צייטווייליק באשטימט געווארן זיין ברודער אטא, האט דער קייזער פראנץ־יאזעף באפוילן ריטנערן, ער זאל אים פארברייטן צו דער קומענדיקער שטעלע.

ווען דער פראפ' ריטנער איז געשטארבן, דעם 26 סעפטעמבער 1899, האט אים מספיד געווען דער מארשאלעק פון גאליציע, פירשט סטאניסלאוו באדעני, זאגנדיג: „ריטנער דער פארשער, דער גלעצענדער יוריסט, האט פארמאגט אויסערגעווינלעכע פעיקייטן און פאליטישן שווונג, און א יעדער אויפגאבע, וואס ער האט אויסגעפירט, איז ער געווען א טרייער דינער פון דער מדינה" — — - - זיין זון טאדעאוש ריטנער, 1921—1873, איז געווען א באקאנטער שריפטשטעלער און דראמאטורג.

א צווייטער פאל פון שמד איז געשען אין בורשטין אין יאר 1858: א ייד מיטן נאמען פינקעל, האט געפירט זיין קינד לודוויק צום שמד. לודוויק פינקעל, 1930—1858, איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער נייער פוילישער ביבליאגראפיע און היסטאריאגראפיע. אויף פילאזאפיע האט ער שטודירט אין בערלין און פאריז, און באשטימט געווארן אין יאר 1885 אלס פרעלעגענט פון היסטאריע ביים לאנדווירטשאפטלעכן אינסטיטוט אין דובלאני — און אין יאר 1886 — אין לעמבערג.

אין יאר 1892 איז ער באשטימט געווארן אלס ארדענטליכער פראפעסאר פון דער לעמבערגער אוניווערזיטעט, און דארט געווען פרעלעגענט ביזן יאר 1927. ד"ר פינקעל איז געווען באוווסט צווישן די פוילישע היסטאריקער, ער האט געשריבן א סך פארשונגען און ביכער וועגן דער געשיכטע פון פוילן אין דער צייט פון דער יאגעלאנער. זיין ביבליאגראפיע פון דער געשיכטע פון פוילן (2 בענדער, 1891—1914) איז א גרונדבוך, נאך א לאנגער פארשונגסארבעט, באזירט אויף די ערשטע מקורות.

עס איז כדאי צו דערמאנען, אז די פוילישע געזעלשאפט האט בכלל נישט געוווסט פון זיין יידישער אפשטאמונג.

★

שפעטער זענען אין בורשטין אויפגעקומען פרייוואטע לערער, וואס האבן אנגעהויבן לערנען די קינדער פון די רייכערע משפחות אלגעמיינע לימודים און אויך שפראכן, דייטש, און פויליש.

צו די חשובע משפחות האבן געהערט: האמער, רפאל, דער ראש משפחה איז געווען דער מחותן פון נפתלי־הירץ הירצמאן דער שטאט־גביר און איידעם פון הרב ר' מרדכי זיסקינד לנדאו פון סטרי; די משפחות ברייטער, פעלדגוי, קליינפעלד, געלערנטער, פרידלענדער. צוזאמען מיט דער משפחה הרב לנדאו האבן זיי קאנצענטריר'ט אין זייערע הענט דאס ווירטשאפטלעכע און געזעלשאפטלעכע לעבן פון דער בורשטינער קהלה. אין דער שטאט האבן זיך שוין געפונען פארגעשריטענע יידן, משכילים ווי: שבח קלארבערג, די משפחה האגוען.

ביים סוף פון 19־טן יארהונדערט זענען געשטאנען בראש פון דער קהלה: משה האמער, יונה פעלדבוי, שבח קלארבערג. אין יאר 1903 האט די עסטרייכישע מאַכט דורכגעפירט וואַלן צום קולטוס־ראט. עס זענען געוויילט געווארן 12 מיטגלידער צום ראַט, צווישן זיי משה האמער, יונה פעלדבוי, שבח קלארבערג. אלס פארזיצער פון קהלד־ראט איז געוויילט געווארן דער אפטייקער, טירהויז; זיין שטעל־פארטרעטער — זעליג האמער.

לאנגזאם האט אנגעהויבן אריינדרינגען אין חסידישן שטעטל בורשטין זיי שטרעבונג צו השכלה, צו דערציונג פון דער יוגנט אין גייסט פון דער צייט.

אין יאר 1898 איז געעפנט געווארן אין בורשטין — ווייזט אויס לויט דער באמיונג פון א קליינער גרופע משכילים אין דער שפיץ מיט שבח קלארבערג און ד״ר דוד מאלץ — א יידישע שול פאר יינגלעך, געגרינדעט פון דער „באראן־הירש שטיפטונג״, וואס האט אנגעהויבן א בילדונגס טעטיקייט אין גאליציע און בוקאווינע זייט 1801 און האט אויפגעבויט 37 שול־בנינים. אין יאר 1901 איז די צאל פארגרעסערט געווארן ביז 50 שול־בנינים.

דער דירעקטאר אנטשל פאגעל האט איינגעפירט אין דער באראן־הירש־שול צו לערנען די שילער ערד־ארבעט.

די לימודים זענען אויפגענומען געווארן מיט אנערקענונג, אויך די גרויסע עלעמענטן האבן שפעטער געשיקט זייערע קינדער אין דער שול.

די באראן־הירש שול האט עקזיסטירט ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, 1914. נאך דער מלחמה האט דער דירעקטאר פאגעל געארבעט אלס קהלה־סעקרעטאר אין לעמבערג.

דעם שול־בנין האט איבערגענומען די קהלה. דארט האט זיך געפונען דער פרץ־פאריין און די פאלקס־ביבליאטעק.

„איקא״ האט געשאפן אין גאליציע ליי־קאסעס כדי צו געבן פינאנסיעלע הילף פאר בעלי־מלאכות, קליינע סוחרים און דארפס־גייער, דעמלט איז אין אפריל 1905 געגרינדעט געווארן אין בורשטין, לויט דער איניציאטיוו פון דירעקטאר פאגעל, א ליי־קאסע פון „איקא״, די פירער פון דער קאסע זענען געווען, אנטשל פאגעל און פישל ראטענשטרייך.

חוץ דער ליי־קאסע פון „איקא״ האט אויך עקזיסטירט א קאאפעראטיווע באנק, דער עולם האָט עס גערופן „די אונטערשטע באנק״, ווייל די באנק האט זיך געפונען אין קעלער פון לייזער לאנדנערס הויז. די דירעקטארן פון דער באנק זענען געווען: זלמן שטערן און זעליג האמער. די מיטגלידער פון אויפזיכטס־ראט — בעריש געלערנטער, בעריש הארניק, אברהם אלי טאביאס און אברהם פריש.

די ליי־קאסע פון „איקא״ און די קאאפעראטיווע באנק זענען געווען טעטיק ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין יאר 1918 האבן דיביידע אינסטיטוציעס זיך פאראייניקט אין איין „קאאפעראטיווער ליי־קאסע״, אין וועמענס שפיץ עס זענען געשטאנען ד״ר רורבערג, זעליג האמער און ד״ר וואלף שמאראק.

*

א שפרודלדיק נאציאנאל לעבן האט אין בורשטין זיך אנגהויבן מיטן גרינדן דעם ציוניסטישן פארבאנד „חובבי ציון״. דער גרינדער איז געווען בונעם שפירא, א געבילדעטער מענטש, אין וועמענס שטוב עס זענען זיך צונויפגעקומען די בורשטינער יוגנטלעכע און שפירא האט פאר זיי געלייענט ביאליקס לידער. צווישן די יוגנטלעכע זענען געווען: טויבער, זלמן שטערן, מאיר רעדיש, משה שומער, דוד פרענקל, ישראל יאַמפעל, מ. טאביאס.

אין יאר 1900 האט אין בורשטין זיך באזעצט ד״ר דוד מאלץ און געעפנט זיך זיין אדוואקאטישע ביוראָ. מיט אים האט די שטאט צובאקומען א יידיש־ציוניסטישע פערזענלעכקייט, וואס האט זינט דעם יאר 1882 אויסגעפירט וויכטיקע אויפגאבן פארן גאליציאנער יידנטום. ער איז געווען אן ארגאניזאטאר, א רעדנער און א שרייבער מיט א שארף־געשליפענער פעדער און קלארן סטיל.

ד״ר דוד מאלץ איז געבוירן אין לוואוו אין יאר 1862. אין יאר 1882 האט ער זיך אנגעשלאסן אין א גרופע ציוניסטישע סטודענטן, מיט וועלכער עס האט אנגעפירט ד״ר אברהם קורקיס און האט פון דעמלט אן געהערט צו די ציוניסטישע אקטיוויסטן. ער איז געווען א מיטגליד אין „מקרא קודש״, דער ערשטער ציוניסטישער פארבאנד אין לוואוו, געגרינ־

דעט דורך: יוסף קאַבאַק (1820—1913), ד״ר ראובן בירער און עוזר יהודה ראהאטינער (1849—1889).

ד״ר יהושע טהאָן האט צוזאמען מיט זיין שוואָגער ד״ר מרדכי עהרנפרייז, אדאלף שטאנד און ד״ר מרדכי בראדע געגרינדעט אין לעמבערג דעם פארבאנד „ציון״ (רינעק 12). פון דארט האבן זיי אנגעהויבן שאפן די ציוניסטישע פעדעראציע אין גאַליציע, עטלעכע יאר איידער עס איז דערשינען ד״ר טעאדאר הערצל.

ד״ר מאלץ איז כמעט יעדע וואך ארויסגעפארן אין פארשידענע שטעט מיט רעדעס און פארלעזונגען, פראפאגירט דעם ציוניסטישן געדאנק, געגרינדעט ציוניסטישע ארגאניזאציעס און געזעלשאפטן פארן ישוב אין ארץ־ישראל.

אין יאר 1893 איז אין לוואוו דערשינען אין פויליש די ערשטע בראשור איבערן אינהאלט פון ציוניסטישן פראגראם א.נ. „וואס דארף זיין דער פראגראם פון דער יידישער יוגנט?״. ד״ר מאלץ האט דארט געשריבן דאס קאפיטל וועגן ארץ ישראל און די קאלאניזאציע פון לאנד. ער האט שוין דעמלט גערעכנט זיך צו די בעסטע ציוניסטישע שרייבער. זיינע ארטיקלען אין „פשישלאשטש״ און „זעלבסט־עמאנציפאציאן״ אונטער דער רעדאקציע פון ד״ר נתן בירנבוים האבן געמאכט א שטארקן איינדרוק מיט זייער אידעאלאגישער קלארקייט און געשליפענעם פאלעמישן סטיל קעגן די אסימילאטארן. זיינע ארטיקלען האבן געגעבן אן ערנסטן צושטייער צום פארטיפן דעם ציוניסטישן געדאנק צווישן די יידן אין גאליציע.

אין יאר 1892 איז דערשינען אין דער פוילישער שפראך די ערשטע ציוניסטישע צייטונג אין גאַליציע „פשישלאשטש״ (צוקונפט). זי איז געווען געווידמעט בעיקר פאר דער פראפאגאנדע צווישן די פויליש־רעדנדיקע קרייזן. ד״ר מאלץ האט דארט געהערט צו די וויכטיקסטע שרייבער. א דאנק זיין שארפן סאטירישן סטיל איז ער געווען דער פאָלעמיקער פון דער צייטונג. עס איז נישט געווען קיין איין געשעעניש אין יידישן לעבן, אויף וועלכער ער זאל נישט רעאגירן אויף זיין שטייגער. באזונדערס שארף איז ער ארויסגעטרעטן קעגן די אסימילאטארן און קעגנער פון ציוניזם. זיי האט ער אנגעגריפן אָן רחמנות.

אויף דער ציוניסטישער לאנד־קאנפערענץ, וועלכער איז פארגעקומען אין לעמבערג פון 23—25 אפריל 1893, איז מאלץ ארויסגעטרעטן מיט אן אלזייטיקן און שארפן אנגריף קעגן די דעלעגאטן, וועלכע האבן בלויז אונטערגעשטראכן דעם יידישן נאציאנאליזם, ווי ער וואלט נישט געווען פארבונדן מיט ארץ־ישראל; א נאציאנעלע באוועגונג — לויט זיינע רייד — וועלכע האט זיך נישט געשטעלט פאר א ציל די אויפלעבונג פונעם יידישן פאלק אין זיין לאנד, איז פרעמד דעם יידישן גייסט. נישטא קיין אויסזיכטן צו לעזן די יידישע פראגע אויפן יסוד פון נאציאנאלער אויפלעבונג אין גאליציע. די נאציאנאלע אידעע באדייט א פולשטענדיקע לעזונג פון דער יידן־פראגע אין ארץ ישראל. דאס איינציקע מיטל איז צו ליקווידירן דעם גלות און קאנצענטרירן דאס פאלק אין ארץ ישראל.

פאר דער דאזיקער אנשוינג האט ד״ר מאלץ געקעמפט זיין גאנץ לעבן.

פונעם יאר 1893 איז ד״ר מאלץ צוזאמען מיט ד״ר אברהם קורקיס און ד״ר העשעלעס געווען רעדאקטאר פון „פשישלאשטש״. אין די זומער־חדשים פון 1893 האט ד״ר מאלץ געמאכט א גרויסע פראָפאגאנדע־און אויפקלערונגס־רייזע איבער גאליציע.

אונטערן איינפלוס פון ד״ר הערצלס „יידנשטאט״ האט ד״ר מאלץ אנגעשריבן אין פויליש א דראמע א.נ. „ד״ר משה בלום״, וועלכע האט אין יענער צייט געמאכט א געוואלטיקן איינדרוק אויף דער יידישער יוגנט. ער איז אויסגעוויילט געווארן אלס דעלעגאט צום ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס אין באזל (1897), וווּ ער האט גענומען אן אקטיוון אנטייל.

נאכן קאנגרעס איז ער געווען אקטיוו אויפן געביט פון פראפאגאנדע און אויפקלערונג אין דער פרעסע. ער האט אנטיילגענומען אין ציוניסטישע לאנד־קאנפערענצן און קאנגרעסן, איז געווען א מיטגליד פון דער לאנד־פארוואלטונג אין דער ציוניסטישער פעדעראציע.

ד״ר מאלץ האט אין יאר 1899 זיך באריִמט געמאכט מיט זיין שארפער רעדע קעגן ד״ר עמיל ביק,

פרעזידענט פון דער לוואווער קהילה, וועלכער האט דערקלערט, אז דער אונטערשייד צווישן די יידן און די פאליאקן באשטייט נאר אין דער רעליגיע.

אין דער קהילות־קאנפערענץ, וועלכע איז פארגעקומען דעם 1־טן מאי, 1900, האט ד"ר מאלץ אלס דעלעגאט פון איינער פון די קהלות שארף אנגעגריפן די דאזיקע טעאריע, וועלכע דעגענערירט דאס געזעלשאפטלעכע לעבן צווישן די יידן אין גאליציע.

נאך דעם ווי ער האט זיך איבערגעצויגן קיין בורשטין איז ער ווייטער געווען ציוניסטיש־אקטיוו אין לאנד־מאסשטאב. אויף דער קאנפערענץ, וועלכע איז פארגעקומען דעם 16—17 יוני 1901 האט ער רעפערירט איבער דער לאגע פון די יידן אין גאליציע. אויפן יסוד פון רייכן היסטארישן און סטאטיסטישן מאטעריאל האט ער אין זיין רעפעראט געגעבן אן איבערזיכט איבער דער עקאנאמישער, רעכטלעכער און קולטורעלער אנטוויקלונג פון די יידןביים סוף פון 19־טן יארהונדערט. ער האט פעסטגעשטעלט, אז דאס גאליציאנער יידנטום, באזונדערס די אינטעליגענץ, פארשטייט נאך אלץ נישט דעם טראגיזם פון דער לאגע, און אז עס איז נישטא קיין אנדערער אויסוועג ווי נאר דער ציוניזם. אין עקאנאמישער הינזיכט איז די יידישע באפעלקערונג געווארן אן איבריקער עלעמענט. דער ייד ווערט ארויסגעשטופט פון אלע געביטן, די יידישע אינטעליגענץ דערווייטערט זיך פון יידנטום צוליב פחדנות, כדי זי זאל נישט דארפן זארגן פאר אונדזער צוקונפט. ביים סוף פון זיין רעפעראט האט ער פארגעשלאגן אן עקאנאמישן פראגראם, שאפן ביוראען פאר ארבעטס־פארמיטלונג, ארגאניזירן א מאדערנע סאציאלע טעטיקייט, שאפן ליי־און אפשפארקאסעס. אויפן קולטור־געביט האט ער געפאדערט צו באאיינפלוסן די דערציונג פון דער יוגנט אין נאציאנאל־קאנסטרוקטיוון גייסט, פארשפרייטן בילדונג צווישן פאלק.

אויף דער קאנפערענץ איז ער אויסגעוויילט געווארן אלס מיטגליד פון דער לאנדס־פארוואלטונג. אויפן פינפטן ציוניסטישן קאנגרעס אין באזעל אין יאר 1901 איז ער אויסגעוויילט געווארן אלס מיטגליד אין גרויסן אקציאנס־קאמיטעט פון דער ציוניסטישער וועלט־פעדעראציע. ער האט אנטיילגענומען אינעם זעקסטן און זיבעטן ציוניסטישן קאנגרעס, ווו ער האט געהערט צו די קעגנער פון אוגאנדא־פלאן. אויך אין אכטן קאנגרעס אין האג (1907) האט ער זיך באטייליקט.

אין די יארן 1901—1903 האט ער גענומען אן אקטיוון אנטייל ביים אנטשטיין פון דער ציוניסטישער יוגנט־באוועגונג, ספעציעל אקאדעמישער, ער האט זיך באטייליקט אין ציוניסטישן חודש־זשורנאל אויף אויף פויליש „מוריה", וואס איז געגרינדעט געווארן לויט דער איניציאטיוו פון ד"ר יעקב טהאָן אין יאר 1903.

בעת די וואלן צום ווינער פארלאמענט האט ד"ר מאלץ קאנדידירט אין קרייז ז'ולקאָוו־ראָזדאָל און האט באקומען 1269 שטימען. ער האט אנטייל גענומען אקטיוו אין „וואל־קאמף", פאליטיש איז ער געווען פאר א בשותפותדיקער אקציע מיט די אוקראינער און בעת דער וואל־קאמפאניע פלעגט ער רעדן אוקראיניש.

אויפן צוזאמענפאר פון די קהילות, וואס איז פארגעקומען דעם 28־טן אפריל 1908, לויט דער איניציאטיוו פון דער ווינער קהילה, מיטן צוועק צו גרינדן אן אלגעמיין־יידישע צענטראלע אינסטיטוציע, וואס זאל קענען אויפטרעטן אין נאמען פונעם גאנצן עסטרייכישן יידנטום, האט ד"ר מאלץ פארטרעטן די בורשטינער קהילה. ד"ר מאלץ איז געווען דער, וואס האט אין דער גענעראל־דעבאטע אריינגעטראגן דעם ציוניסטישן גייסט. אין יענע יארן איז ער געווען אקטיוו אויפן געביט פון דער פאליטיק אין לאנד־מאסשטאב, האט גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער פאליטישער קאנפערענץ פון דער נאציאנאלער פעדעראציע, וועלכע איז זיך צונויפגעקומען אין קראקע דעם 15־טן מאי 1910 אונטער דער אנפירונג פון ד"ר בענא שטראוכער, דער דעפוטאט פון עסטרייכישן פארלאמענט.

אויך ביי די וואלן צום ווינער פארלאמענט אין יאר 1911 האט ד"ר מאלץ קאנדידירט אין טארנאוו, ווו ער האט באקומען 1194 שטימען.

אויף דער צענטער ציוניסטישער לאנד־קאנפערענץ, וועלכער איז פארגעקומען דעם 24־טן דעצעמבער 1911 אין סטאניסלאוו, איז ד"ר מאלץ געווען

פרעזידיום־מיטגליד און איז געווילט געווארן אין פעדעראציע־ראט. אין די יארן 1911—1914 האט ער זיין ציוניסטישע טעטיקייט קאנצענטרירט אין בורשטין.

ווען עס איז אויסגעבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה איז ער אנטלאפן קיין ווין, וווּ ער איז ווייטער געווען אקטיוו אין דער ציוניסטישער טעטיקייט, האט אין יאנואר 1914 אנטיילגענומען אין צוזאמענפאר פון די מיטגלידער פון אלע צענטראלע קאמיסיעס אין דער עסטרייכער ציוניסטישער באוועגונג. נאך זיין אומקערן זיך קיין גאליציע האט ער ווייטער קאנטינואירט זיין ציוניסטישע טעטיקייט.

ער האט אבער בעת דער מלחמה דורכגעמאכט א סך פארביטערונג און רעזיגנאציע.

אין יאר 1917, נאך דער רוסישער רעוואלוציע, האט ער נישט געגלייבט, אז די מלחמה האלט ביים פארענדיקט ווערן. ער האט געפרעגט: „ווער קען פארויסזאגן צו די רוסישע רעוואלוציע וועט געבוירן א לעבנס־בוים, צי גאר א גיפטיקע פלאנץ״. וועגן יידישן פראבלעם שרייבט ער: „אויב דער צוזאג פון ווילסאן און לאיד זשארזש בנוגע דער נאציאנאלער היים אין ארץ־ישראל איז באזירט אויפן אמת, זענען די קאמפן און קרבנות געווען כדאי, ווען אונדזערע קינדער אין ארץ־ישראל האבן א ווירדיקע עקזיסטענץ״.

איך האב זיך לענגער אפגעשטעלט אויף דער געשטאלט פון ד״ר מאלץ, ווייל ער איז געווען פון די פערזענלעכקייטן אין גאליציאנער יידנטום, און עס איז געווען א כבוד פאר דער בורשטינער קהילה צו האבן אים צווישן אירע איינוווינער און אויפנעמען אים ווי א דערפארענעם פירער.

די ציוניסטישע באוועגונג אין בורשטין איז ביזן יאר 1914 געווען א געזעלשאפטלעך קולטורעלער פאקטאר אינעם לעבן פון דער יידישער באפעלקערונג. אין יאר 1909 איז דורך די ארטיקע ציוניסטן געגרינדעט געווארן א העברעישע שול מיט איין לערער און 29 שילער. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האט די ציוניסטישע באוועגונג צובאקומען אן אקטיוון ארגאניזאטארישן כוח אין דער פערזאן פון ד״ר וואלף שמאראק, וועלכער האט זיך באזעצט אין בורשטין און געארבעט אלס אדוואקאט.

פון עקאנאמישן שטאנדפונקט האט דער פראפעסיאנאלער צוזאמענשטעל פון דער יידישער באפעלקערונג אין בורשטין זיך נישט געענדערט. דער רוב איז באשטאנען פון סוחרים מיט געוועבן, פעל, האלץ, תבואה, פי, פערד. א געוויסע צאל יידן האט געפירט געשעפטן מיט די גוטבאזיצער און געארבעט ביי זיי אלס אדמיניסטראטארן און ראטעגעבער ביים פארקויפן די לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטן.

יידן זענען אויך געווען בעלי־מלאכות, שניידער, קירזשנער, סטאליער, פריזיער, שמידן און שוסטער. פון די פרייע פראפעסיעס זענען געווען 3 יידישע דאקטוירים, אדוואקאטן, אן אפטייקער און עטלעכע רעגירונגס־באאמטע, אנגעשטעלטע אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ווי אין פרידלענדערס מיל.

דער קאלאריט אין שטאט איז פאקטיש געווען א יידישער. אפילו דער בריוועטרעגער ר׳ אפרים שניידער איז געווען יידיש געקליידעט, מיט בארד און פאות, און האט, פארשטענדלעך, שבת און יום־טוב נישט געארבעט. אפילו די קריסטלעכע פאליציאנטן האבן גערעדט יידיש.

צווישן עלטערן דור זענען געווען למדנים, וועלכע האבן אויף קיין איין טאג נישט אויפגעהערט צו לערנען גמרא און הייליקע ספרים. מען האט זיי שטענדיק געזען אין שטאטישן בית־מדרש און קלויזן.

חוץ דער גרויסער שול זענען אין שטאט געווען דעם רבס שולעכל, א בית־המדרש און די קלויזן פון די זידאטשאווער חסידים, פון די טשארטקעווער און סטרעטינער, א העליטשער קלויז, א פוילישער קלויז, וואס איז געגרינדעט געווארן דורך מענדל פאלאק, דאס קלויזל אין בית־המדרש און די „שניידער־שול״, וואס איז געווען א טייל פון דער גרויסער שול.

צווישן די חברות איז געווען די חברה קדישא, מיט וועלכער עס האט אנגעפירט יונה געלער, די תלמוד־תורה מיט יהושע האמער אין דער שפיץ, „ביקור חולים״ אונטער דער אנפירונג פון דוד באוער; „יד חרוצים״, דורשי טוב״, „לינת הצדק״

(פּאַריין פון בעלי מלאכות), פּרויען־פּאַריין, ווו שרה האַמער איז געווען פּרעזידענטין.

נישט געקוקט אויף די גרויסע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אינעם לעבן פון די יידן אין גאַליציע אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דער רוב פון די בורשטינער יידן באַשטאַנען פון חסידים. אַן ערך 90 פּראָצענט איז געווען טראַדיציאָנעל געקליידעט. כאָטש אין בורשטין האָבן „געקעניגט״ די רביים פון דער בראַנדווין־

דינאַסטיע זענען אַ סך יידן געווען אַנהענגער פון אונדזערע רביים.

*

אין יאָר 1912—1913 האָט די קהילה געציילט 560 שטייער־צאָלער. אין שפּיץ פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג איז געשטאַנען זעליק האַמער.

אין די יאָרן 1880—1910 איז די יידישע באַפעלקערונג געוואַקסן אין פאַרגלייך צו דער איבעריקער לויט פאָלגענדיקע ציפערן:

יאר	צאל באפעלקערונג	פאליאקן	רוסינער	יידן	אנדערע
1880	3,953	13,2% = 522	33,5% = 1324	53,3% = 2017	—
1890	4,209	10,8% = 453	37,4% = 5174	51,7% = 2174	0,1%
1900	4,438	12,2% = 541	38,0% = 1687	49,8% = 2209	—
1910	4,896	13,4% = 654	40,8% = 1896	45,8% = 2245	—
1921	3,581			37,4% = 1431	—

אין די יאָרן 1880—1910 איז די צאָל רוסינער געוואַקסן פון 1,324 אין יאָר 1880 ביז 1,996 פּערזאָן אין 1910. ד.ה. פון 33,5% געשטיגן צו 40,8%. אמת, די צאָל פּאָליאַקן איז געשטיגן 522 אין 1880 ביז 654 ד.ה. פון 13,2% צו 13,4%. דאַקעגן איז די צאָל יידן קלענער געוואָרן אין פּראָצענטער פון 53,3% אין יאָר 1880 ביז 45,8% אין יאָר 1910, כאָטש די אַבסאָלוטע ציפער איז אין משך פון דער דאָזיקער תקופה געשטיגן פון 2107 ביז 2245 מענטשן אין יאָר 1910. אין יאָר 1921 זענען געווען 1,341 יידן צווישן אַ באַפעלקערונג פון 3,581. קעגן יאָר 1910 איז די צאָל געפאַלן פון 45,8% אויף 37,4%.

אַן אַבסאָלוטער וווּקס סיי אין צאָל, סיי אין פּראָצענטער איז פאָרגעקומען נאָר צווישן דער רוטינעשער באַפעלקערונג.

די מלחמה אין די יאָרן 1914—1918 האָט מיט זיך געבראַכט די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון דער שטאָט און פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַרום דער שטאָט זענען פאָרגעקומען שווערע שלאַכטן. אַ גרויסע צאָל יידן איז אַנטלאָפן פון שטאָט אויף מערב. אַ טייל פון זיי האָט פאַרבראַכט די מלחמה־יאָרן אין די פּליטים־לאַגערן אין בעמען, מאַראַוויע און עסטרייך. אַ טייל איז געלונגען אַנצוקומען קיין ווין.

נאָך דער מלחמה האָט אַ טייל פון די בורשטינער יידן זיך אומגעקערט קיין בורשטין.

נאָכן פאַלן פון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע און פּראָקלאַמירונג פון דער מערב־ אוקראַינישער רעפּובליק אויפן געביט פון מזרח־גאַליציע זענען אין די שטעט מיט אַ יידישער באַפעלקערונג געשאַפן געוואָרן „יידישע נאַציאָנאַלע פאַרוואַלטונגען״. אין בורשטין איז אין שפּיץ פון דער „יידישער נאַציאָנאַלער פאַרוואַלטונג״ געשטאַנען ד״ר וואָלף שמאַראַק.

אין די צייטן פון דער אוקראַינישער הערשאַפט האָבן די יידן געליטן פונעם שווערן עקאָנאָמישן מצב און פון דער שוואַכקייט פון דער צענטראַלער מאַכט אין מערב־אוקראַינע, וועלכע האָט נישט געקענט צוימען דעם אַנטיסעמיטיזם און דאָס ווילדעווען פונעם אַפּאַראַט און מיליטער איבער דער יידישער באַפעלקערונג.

פאַרן אַריינמאַרשירן פון די פּאָליאַקן האָט דאָס פּעטליורא־מיליטער אין מזרח־גאַליציע פּאָגראָמירט די יידישע באַפעלקערונג אין די שטעט באָלשאָווצע, באָקאָצאָווצע און בורשטין, ווו עס זענען געהרגעט געוואָרן 11 יידן. אויך ווען די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען די שטאָט האָבן נאָך אַלץ די יידן אין בורשטין נישט געהאַט קיין רו און מנוחה.

ד״ר מרדכי האבער

מיין שטעטעלע בורשטין

ווען איך זאל דארפן אין קורצע ווערטער כאראקטעריזירן דאס שטעטל מיט זיינע מענטשן, וואלט איך עס געטון מיט איין ווארט: הילפסגרייטקייט. אלע אינאיינעם און יעדער באזונדער איז שטענדיק גרייט געווען צו העלפן איינער דעם אנדערן.

דער עלטערער דור האט דאס שטעטל גערופן: קליין־ירושלים. איבער פירהונדערט יאר האבן ייִדן געלעבט אין דאזיקן שטעטל. דורות לומדים און פאלקסמענטשן האבן זיך דערצויגן אין געמיינזאמער פיין און פריידן, אייגנארטיקע קאנפליקטן און מחלוקתן, און דאך מיט אזויפיל נאענטקייט און ליבשאפט.

איך ווייס נישט ווען בורשטין האט געקראגן דעם כאראקטער און נאמען פון א שטעטל. עס איז אנצונעמען, אז עס איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1654, ווען דער גראף פאטאצקי האט עס אויפן נאמען פון זיין זון געשאפן און אנגערופן סטאניסלאוואוו. אין דער זעלבער צייט האט דער פירשט יאבלאנאווסקי איינגעלאדן ייִדן צו קומען וווינען אין די גרענעצן פון זיין פירשטנטום. ער האט דערמיט געצילט צו אנטוויקלען סיי דעם האנדל, סיי די האנטווערקעריי. די ייִדן זענען דעמאלט באצייכנט געווארן אלס דעם פירשטס אייגנטום, און נישט ווי א טייל פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג.

פון מצבות אויפן אלטן בית עולם קען מען דרינגען, אז שוין אין 16־טן י.ה. האבן ייִדן געלעבט אין בורשטין. עס איז אבער מעגליך, אז דער בית־עולם איז נישט געווען דער ערשטער. אויך די אלטע שול האט געטראגן אויף זיך דעם חותם פון דער ראמאנישער ארכיטעקטור אין 17־טן י.ה. לויט די לעגענדעס, וואס די אלטע לייט פלעגן דערציילן, איז בורשטין שוין מיט פירהונדערט יאר צוריק געווען א גרויסע קהילה.

געאגראפיש ליגט בורשטין צווישן לעמבערג און סטאניסלאוו. מיט דער באן־ליניע איז קיין לעמבערג 96 ק״מ, קיין סטאניסלאוו — 38. עס ציט זיך אויך א שיין־געפלאסטערטער שאסיי, וועלכער פארבינדט בורשטין מיט די דאזיקע שטעט. דער צענטער, ווו עס האבן זיך געפונען די געשעפטן און קראמען, איז געווען באוווינט דורכאויס פון ייִדן. זיי זענען געווען באשעפטיקט אין אלערליי בראנזשעס: מאנופאקטור, לעבנסמיטלען, אייזנווארג, לעדער. עס זענען געווען פריזיערס, בלעכער, קירזשנער, שניידער און שוסטער.

אינמיטן רינג איז געשטאנען א ריי פון הילצערנע באַראַקן, וועלכע זענען געווען באשטימט פאר געשעפטן. דארט האט זיך אויך געפונען משה פעלדס בלעכער־ווארשטאט, מעכל דרימערס שענק, משה פעלדבויס יאַטקע, דאָס גרויסע הויז פון די האמערס. נעבן נחמן ברייטערס הויז זענען געשטאנען די „פיאקערס". אזוי האט מען גערופן די דראזשקעס.

פון שטאט ביז צו דער באן־סטאציע איז געווען אן ערך זעקס ק״מ. א באן־סטאציע איז אויך געווען הינטערן דארף דעמיאנאוו. אין שטאט האט מען דערציילט, אז בעתן צוטרעטן בויען די באן־ליניע, האט דער פירשט יאבלאנאווסקי קעגנגעשטעלט זיך מיטן מאטיוו, אז דאס וועט שטערן די רו פון דער באפעלקערונג. און האט אויסגעפירט. מען האט זי געמוזט בויען מיט זעקס קילאמעטער ווייטער. נעבן מעכל דרימערס שענק זענען געשטאנען די טרעגער, מיט זייערע וועגעלעך. עס זענען דארט געשטאנען: יידל ריפאטש, משה פון הייליקן ארט, רפאל אייזיק א.א. עטוואס ווייטער, נעבן נחמן ברייטער זענען געשטאנען די איינפאכערע טרעגער: שכנא־שלמה מאכניצקי, דער קליינער משה־לייבעל, הערש איציעס שוואגער א.א. זיי זענען געווען גבורים, שטענדיק ארומגעגארטלט מיט גראבע שטריק, און האבן גענומען אויף זיך די שווערסטע משאות, וועלכע זיי האבן אפגעטראגן פאר גראשנדיקע פארדינסטן.

דא האט מרים פון ביידל געהאט איר קיאסק מיט

אויבסט און ברויט; לייבל דעם שמשס ווייב און אנדערע ווייבער, וואס האבן געהאָרעוועט פאר זייערע מענער, אדער אלמנות — פאר זייערע קינדער. יעדן דינסטיק איז געווען א מארק־טאג. עס זענען געקומען פויערים און הענדלער פון פארשידענע ארומיקע שטעטלעך, וועלכע האבן זיך אויפגעשטעלט זייערע ביידלעך אינמיטן רינג.

יידן האבן אויך געוווינט אין די ארומיקע דערפער: דעמיאנאוו, מארטינאוו, וואכאווקע, קאראפאטניק, קאראסטאוויטש, סארנקי, לודוויקאווקא, נאסטאשטשין א.א. פון די דריי דערפער מיטן נאמען דעמיאנאוו, איז געווען איין דארף, ווו די פויערים האבן נישט ארייגעלאזט וווינען קיין יידן. שבת פלעגן די יידן פון די דערפער קומען אין שטאט אריין דאווענען. זיי האבן געהערט צו דער בורשטינער קהילה.

די צאל פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג אין שטעטל מיט די פּעריפעריעס האט מען געשאצט אין 6—7 טויזנט. דערפון זענען פופציק פראצענט געווען יידן.

די פריערדיקע דורות אין שטעטל האבן זיך נישט פארנומען מיט קיין שום פאליטיק. זיי האבן אבער געפירט א לעבהאפטיקע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט. עס האבן עקזיסטירט פארשידענע הילפסקאסעס, א לינת הצדק, וועמענס אויפגאבע איז געווען צו האלטן וואַך ביי קראנקע מיטגלידער. עס איז געווען א פאריין „הכנסת כלה". יעדן פרייטיק האבן זיך חשובע באלעבאטים ארויסגעלאזט זאמלען נדבות פאר ארעמע כלות. יעדעס יאר פאר פסח זענען דער מורה הוראה יואל גינזבורג, יעקב רודע און יאסל מינץ געגאנגען איבערן שטעטל צונויפנעמען מעות חטין אויף מצות פאר ארעמעלייט.

פאגראמען

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די רוסן האבן פארנומען דאס שטעטל האבן די קאזאקן זיך געווארפן בארויבן יידישע שטובן, פארגוואַלטיקן יידישע פרויען. דעמאלט האט געטראפן, אז א מיידל, וואס האט זיך ארויסגעריסן פון א קאזאקס הענט, איז לויפנדיק אריין אינעם בית המדרש, וואס האט זיך געפונען אין הויז פון מיין זיידן משה האבער. דער קאזאק איז איר נאכגעלאפן. אויף די געשרייען פונעם מיידל איז מיין זיידע אריינגעלאפן. ער איז שוין דעמאלט אלט געווען 75 יאר, אבער א געזונטער און שטאַרקער מענטש, און ער האט מיט כוח אוועקגעריסן דעם קאזאק פונעם מיידל, וועלכע איז גלייך אנטלאפן. דער קאזאק, פול מיט רציחה, האט זיך געווארפן אויף מיין זיידן מיט דער שווערד, אים שווער צעשלאגן. פון די קלעפּ איז ער ערנסט קראנק געווארן און אין א קורצער צייט ארום געשטאָרבן.

אין שטעטל איז געווען א באנק, געגרינדעט דורך יק"א. זי האט זיך געפונען אין דוד בייבערגערס הויז. אויך די בעלי־מלאכות האבן געהאט אן אייגענע לייקאסע.

אזוי האט זיך דאס שטעטל געלעבט רואיק, געהאלפן איינער דעם אנדערן. נאר ווען עס האבן זיך אנגערוקט די וואלן צו דער קהילה, אדער א גבאי אין שול, אדער אין בית המדרש, האבן די געמיטער זיך צעהיצט און עס האבן זיך צעפלאקערט שטורמישע מחלוקתן.

אין דער שול־געביידע האט זיך געפונען א פאליש, ווו עס פלעגן דאווענען די בעלי־מלאכות. נוטע שניידער איז געווען גבאי. זיין פארטרעטער איז געווען פישעלע, אויך א שניידער. אין די ימים טובים האבן זיי אלע געדאווענט אין שול. זיי זענען געזעסן אויף די הינטערשטע בענק, נישט געפילט זיך אזוי היימיש ווי ביי זיך אין פאליש.

די שריפה אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האט געטראפן אויך ביידע בתי־מדרשים. דאס גרויסע בית המדרש האט מען נאך דער מלחמה ווידער אויפגעבויט. דאקעגן דאס קלענערע איז צוליב א קאנפליקט מיט א. ברייטער נישט געווארן אויפגעבויט. יידן האבן טרויעריק געקוקט אויף די חורבות.

די שטאט האט געהאט א חשובן רב, א גרויסן למדן, הרב ר' משה דוד ז"ל. אין זיין פריער יוגנט האט ער פארלוירן א פוס און איז געגאַנגען אויף שטעלצן. ער האט גענאסן פונעם גרעסטן דרך־ארץ מצד דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג נישט בלויז פון שטעטל, נאָר אויך פון דער גאַנצער געגנט. נאָך זיין פטירה איז נאָך אַ פּאַרביסענער מחלוקת געוואָרן רב זיין יינגערער זון הערצל. עס איז ביי אונז אויך געווען אַ מורה הוראה ר' יואל גינזבורג ז"ל. זיינע צוויי זין און אַ טאָכטער האָבן אַלע באַקומען וועלטלעכע ביל־

דונג און ער האָט דערפאַר געהאַט אויסצושטיין אַ סך צער און באַליידיקונגען מצד די חסידים פון שטעטל. חוץ דריי שוחטים איז אויך געווען אַ נאמן, שלום בוימרינגס אַ קרוב.

ביים אריינגאנג צום בית עולם פלעגן שטיין אַ סך אָרעמעלייט, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ לוויה, אָדער באַזוכער אין טאָג פון אַ יאָרצייט. מען האָט דאָרט אויך געקענט אמאל זעען אַ פריייוויליקן מיט אַ טעלער פון קרן־קימת לישראל.

די בורשטינער יידן זענען אין אַלגעמיין געווען רואיקע מענטשן, אָבער נישט קיין פּחדנים. אין נויטיקע פאַלן, ווען עס האָבן געדראָט געפאַרן, זענען די בורשטינער יידן שטענדיק גרייט געווען צו פאַרטיידיקן זייער לעבן און כבוד.

דער פּירט יאבלאנאווסקי, אַ פרומער קאטאליק האט אין זיינע גיטער באזעצט נאר קאטאליקן, וועלכע האָבן זיך אונטערשיידט פון די אוקראַינישע פראוואסלאוונער, דאָס ריין־פּוילישע דאָרף האט זיך גערופן לודוויקאווקא. ער האָט עס געטון מיט דער אויסדריקליכער כוונה צו שאַפן אַ קעגנגעוויכט קעגן דער מערהייט אוקראַינער, כדי ער זאָל אין אַ נויטפאַל האָבן אויף וועמען צו שטיצן זיך. ער האָט די נייע פּוילישע פּויערים געברענגט פון מזרח־פּוילן, געבויט פאַר זיי כאַטעס אין דאָזיקן דאָרף. צווישן די נייע איבערוואנדערער זענען אויך געווען וועבער. זומער האבן זיי געארבעט אויף דעם פריצס פעלדער, און ווינטער האבן זיי פון דעם ליינען געוועבט סחורות פאַר די פּויערים פון דער ארומיקער געגנט.

דער פּריץ יאבלאנאווסקי האט כסדר געטראַכט ווי צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן פון די פּוילישע פּויערים, און ער האט באשלאסן צו בויען פאַרן דאזיקן דאָרף אַ וואַסער־מיל. צו דעם צוועק האט מען געדאַרפט אויסגראבן א ניי געלעגער פאר דעם שטראם, וואס איז אריינגעפאלן אין דניעסטער. ער האָט דעמלט אראפּגעברענגט א סך טאטערישע ארבעטער, וועלכע זענען אבער געווארן שלעכט באצאלט.

ווי דער שטייגער איז זייער צארן געלענקט געווארן אויף יידן און די טאטערן האבן זיך גענומען גרייטן צו א פאגראם. צו זיי זענען צוגעשטאנען אויך פּוילישע פּויערים און מען האט זיך געלאזט אויפן שטעטל.

אין אנהויב איז אנטשטאנען א בהלה, יידן האבן פארהעמערט די געשעפטן און זיך פארפעסטיקט אין די שטובן. די צעיושעטע טאטערן צוזאמען מיט די פאליאקן און אוקראינער זענען ווילד געלאפן איבער די גאסן, געהאקט שויבן. אבער מיטאמאל זענען זיי אנטקעגנגעקומען די יידישע ארבעטער פון משה פעלדבויס יאטקע, וועלכע האט זיך געפונען אין צענטער. צו זיי זענען צוגעשטאנען אנדערע יידן, באוואפנטע מיט מעסערס, העק און אנדערע ארבעטס־מכשירים. זיי האבן זיך געווארפן אויף די טאטערן, וועלכע האבן שנעל גענומען זיך צוריקציען און לויפנדיק פון שרעק געפאלן איינער אויפן אנדערן.

אויפן וועג האבן זיי אנגעטראפן אויף א יידישן פורמאן, וואס איז געפארן פון קאליש מיט זיין פערד און וועגעלע. ער האט געפירט זאלץ פאר יהושע קלעטער. א גאנצע מחנה צעווילדעוועטע גויים האט זיך אויף אים געווארפן. אבער ער האט זיך נישט פארלוירן, שנעל ארויסגעריסן א דישעל פונעם וואגן, גרייט צו פארטיידיקן זיך. אויך דא האבן זיך די טאטערן באלד נאך די ערשטע קלעפ צוריקגעצויגן.

דער ווידערשטאנד פון די בורשטינער יידן איז פאר זיי געקומען אומגעריכט. זיי האבן געוווסט, אז יידן קען מען שלאגן און מארדן נישט מורא האבנדיק פאר קיין שום שטראף. די מוט און גבורה פון די בורשטינער יידן איז פאר זיי געווען אן אומגעהויערע איבערראשונג. צום ערשטן מאל האבן די דאזיקע פאגראמטשיקעס דערפילט, אז עס דראט זיי די געפאר פאר זייער אייגן לעבן און זענען אין גרויס פאניק אנטלאפן. דאס שטעטל איז אפגעקומען מיט קליינע שאדנס. אינצווישנצייט איז פון ראהאטין אנגעקומען זשאנדארמעריע. אין שטעטל איז געווארן פולשטענדיק רואיק.

דאס איז געשען ביים סוף פון 19־טן יארהונדערט. לאנגע יארן שפעטער האט מען נאך אין דער געגנט גערעדט וועגן דעם דאזיקן פאל. די העלדישקייט פון די בורשטינער יידן האט געדינט ווי א דערמוטיקונג אויך פאר די ארומיקע יידישע שטעטלעך.

יידישע גבורים

אין שטעטל זענען געווען צוויי פאמיליעס, וואס האבן זיך פארנומען אויסשליסלעך מיט פערד־האנדל.

דאס זענען געווען די שורקמאנס און די גלאטצערס, וועלכע מען האט גערופן „כאטשיוליקס". די שורקמאנס זענען געווען אן אלט איינגעזעסענע משפחה אין שטעטל. דאקעגן וואלף גלאָטצער איז געקומען פון אַן אנדער ארט און חתונה געהאט מיט א בורשטינער מיידל. אלע זענען זיי געווען בארימטע גבורים, וואס האבן אנגע־ווארפן א פחד אויף די ארומיקע פויערים.

געווען א גוי מיכיילא, וואס האט געארבעט אלס וועכטער אין דער שטאטישער צעגעלניע און שפעטער דארט געוווינט מיט זיין משפחה. ער פלעגט פארטשעפען די יידן, באליידיקן, שלאגן. א הויך געוווקסיקער, א שטארקער, האט ער נאך ליב געהאט צו שיכורן און דעמלט איז צו זיין גראבקייט גאר קיין גרענעץ נישט געווען. קיינער האט מיט אים נישט געוואלט טשעפען און אויסגעמיטן, ביז ער האט זיך אמאל אנגעטראפן אויף איינעם פון די פערד־הענדלער, וועלכער האט זיך מיט אים אפגערעכנט פאר אלע צייטן און אים אזוי צעקלאפט, אז ער האט שוין מער קיינמאל נישט געפרווט פארטשעפען קיין ייד. דאס שטעטל האט פון דעמלט אָן לייכטער אפגעעטעמט.

אין די יארן 18—1917, נאכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען אין דער געגנט פון בורשטין נאך לאנג אנגעגאנגען די קאמפן צווישן די אוקראינער, פא־ליאקן און באלשעוויקעס. צוליב איר סטראטעגישער לאגע האט בורשטין פארגעשטעלט מיט זיך א שליסל־פאזיציע. עס איז קלאר, אז דאס כפרה־הינדל איז שטענ־דיק געווען די יידישע באפעלקערונג. אלע האבן פון איר געריסן שטיקער. וועלכע ארמיי עס איז דורכגע־גאנגען האט גערויבט און געשענדעט יידישע פרויען, פול געמאכט דאס שטעטל מיט יללות. די פרויען זענען פארגוואלדיקט געווארן אין קעגנווארט פון זייערע מע־נער, עלטערן און קינדער. צומשווערסטן האבן זיך אין שטעטל געלאזט פילן די פעטליוראָווצעס. יידיש לעבן איז געווען פולשטענדיק הפקר. אין די פאגראמען און שענדונגען האבן אנטיילגענומען סיי די אוקראינישע פויערים סיי די אינטעליגענץ, וועלכע האט ארויסגעוויזן די נידריקסטע חיהשקייט און סאדיזם.

עס זענען נישט אפגעשטאנען פון זיי די באנדעס פון פוילישן גענעראל האללער. זיי האבן זיך בארימט געמאכט מיטן שניידן בערד ביי די עלטערע יידן. ווי אין יעדן יידישן שטעטל האבן די סאלדאטן אויך אין בורשטין באקומען פון זייער גענעראל פרייע הענט און געקענט טון מיט די יידן וואס זיי האבן געוואלט. דאס שטעטל איז געווארן בארויבט און פארארעמט. א סך יידישע הייזער זענען דעמלט פארברענט געווארן. דערצו איז נאך צוגעקומען די גרויסע שריפה פון יאר 1921, ווען א האלב שטעטל איז אוועק מיטן רויך. ווען נישט די הילף פון דזשאינט האט דעמלט געדראט די יידן פולשטענדיקער אונטערגאנג.

דער דזשאינט האט דעמלט ארגאניזירט אין בור־שטין א פאלקס־קיך, וועלכע האט זיך געפונען אין דער געביידע פון דער באראן הירש־שול. פאר די דאכלאזע משפחות זענען אויפגעשטעלט געווארן צייטווייליקע באַ־ראקן. אזא באראק האט זיך געפונען אויפן פלאץ פון ר' משהלעס אפגעברענטן הויז, נעבן יוסף שלמה רודי. א צווייטער באראק איז אויפגעשטעלט געווארן נעבן דער גרויסער שול.

אויסער די קאלעקטיווע הילף, מיט וועלכער עס האט דיספאנירט די קהילה, איז דעמלט אויך אנגעקומען באדייטנדיקע שטיצע אינדיווידועל פון פארשידענע קרובים אין אמעריקע, וואס האט א סך יידישע משפחות געהאלפן שטעלן זיך אויף די פיס.

דאס זענען די טרויעריקע, די טראגישע אפשניטן פון יידישן לעבן אין בורשטין. אבער יעדער פון אונדז האט אויך זיינע שיינע דערינערונגען, קודם כל די קינדער־יארן.

אין שיין פון צעשטראלטע קינדער־יארן

ווי שיין איז געווען דער ווינטער מיט זיינע שפילן אין בורשטין. אזוי ווי עס איז נאר אראָפגעפאַלן דער ערשטער שניי, האבן מיר גלייך גענומען די שליטנס, וואס כמעט יעדעס ייִנגל האט עס געהאט. ווּעמען מען האט געקויפט, ווער עס האט זיך אליין אויסגעמייסטע־רעוועט, ווייל וואס פאר א פנים וואלט דער ווינטער געהאט אָן א שליטן. דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע פארגעניגנס ארויסצוגיין הינטער דער שטאט און אראפגליטשן זיך פון די בערג אין טאָל, פארפלאמטע, צעשריגענע, צעהוליעטע, אָן זארג. אומשולדיקע, עכטע קינדערשע פרייד פון פארמעסט, ווער עס וועט פריער דערגרייכן דעם אנגעצייכנטן ציל. פארשטייט זיך, אז געווונען האט דער, ווער עס האָט געהאַט א בעסערן

שליטן. דער אָרעמער הילצערנער שליטן האט קיינמאל נישט געקענט דעריאגן דעם אין אייזן־געשמידטן און פּרעציז־אויסגעארבעטן.

אמאל פלעגט מען זיך אויך מיטכאפּן מיט א פור־מאן, וועלכער האט ווינטער אוועקגעשטעלט דעם וואגן אויף רעדער און איינגעשפּאנט די פערד מיט גלעקלעך אויף די העלזער צום לייכטן שליטן, וואס איז ממש געפלויגן איבער די פארשנייטע וועגן. ווען מען האט זיך ארויפגעכאפּט אויף אזא שליטן איז דעמלט קיין גלייכן נישט געווען צו אונדזער פרייד.

ווען דער טייך גנילא ליפּא איז שוין געווען גוט פארפרוירן, מיט א דיקער שיכט אייז, האבן די הענד־לער מיט סאדע־וואסער און לעמאנאדע געהאקט גאנצע ברילעס אייז און זיי באגראבן טיף אין דער ערד אויפן זומער ארויס. דערמיט האבן זיך באשעפטיקט יוסף שלמה רודי, חיים סטריזאווער א.א.

די גרעסטע פרעסט זענען געווען אין די חדשים יאנואר און פעברואר. אבער אויך דעמלט פלעגט טרעפן, אז די זון האט אינמיטן טאג גענומען ווארעמען און פון די דעכער און פענצטער האט עס גענומען קאפּען ביז אונט־צו, ווען די זון איז אונטערגעגאנגען און דער פראסט האט זיך ווידער געשטארקט. אלע פענ־צטער און דעכער זענען דאן באהאנגען געווארן מיט לאנגע אייזיקע צעפּ, וועלכע האבן צומארגנס אינדער־פרי געדינט אלס שפּילצייג פאר די קינדער.

דער וואלד, אַן איינגעהילטער אין ווייסן, א פּוס־טער, האט אויך אין ווינטער נישט אויפגעהערט ציען צו זיך קינדער און דערוואקסענע. די שפּאקעס, וועלכע האבן א גאנץ יאר נישט פארלאזט דעם וואלד, האבן פארהילכט מיט זייער פריילעך געטשוויטשעריי. א באַ־זונדערע איבערלעבונג איז געווען דער שבת־שירה, ווען טאטע־מאמע פלעגן מיט אונדז גיין ווארפן קריש־קעלעך פאר די פייגל, און עס האט אויסגעזען ווי די גאנצע ווינטערדיקע נאטור זינגט שירה, א לויב צום הימל און צום לעבן.

א באליבטער פלאץ פאר דער יוגנט צום שליטלען איז אויך געווען צווישן קריסטלעכן בית עולם און דעם הויז פון די מאליקאָווס, וועלכע האבן געפירט ציגל פאר מיין זיידנס צעגעלניע. דא האט מען זיך געפילט געשיצט קעגן איבערפאלן מצד די פּוילישע און אוק־ראינישע שקצים.

שיינע, אומפארגעסלעכע געשטאלטן

קליין און ארעם איז געווען אונדזער שטעטל. עס האט אבער פארמאגט פּרעכטיקע געשטאלטן. א סך יארן זענען אריבער און נישט אלעמענס נעמען און לעבנסשטייגער קען איך גענוי געדענקען. אבער זיי שטייען מיר פאר די אויגן, און פון זייערע גע־שטאלטן שטראלט אויף מיר גרענעצלאזע הארציקע ווארעמקייט.

בורשטין איז געווען א פרום יידיש שטעטל. עס זענען דארט געווען א סך חסידים, וועלכע האבן גע־האלטן פון פארשידענע רביים, וועלכע פלעגן אָפּט קומען אין שטעטל מיט זייערע שמשים, איינגעשטאנען ביי די פארמעגלעכערע חסידים און געפירט דארט טיש. זיי פלעגן קומען אין מיטן דער וואך און געבליבן איבערן שבת, געדאווענט אין גרויסן בית המדרש מוסף פארן עמוד.

מוצאי־שבת האט דער רבי אויסגעהערט אלע זיינע חסידים, געגעבן עצות און געווונטשן ברכות, און דער־ביי גענומען די פדיונות, וועלכע יעדער האט געגעבן לויט זיינע מעגלעכקייטן. גאר פעטע פארדינסטן האבן דערביי געגאסן די שמשים.

צו די שיינע אומפארגעסלעכע געשטאלטן געהערט משהלע רודי, וועלכער האט אין דער יוגנט פארלוירן א פוס. ער איז געווען א גרויסער למדן און באליבט ביי דער גאנצער באפעלקערונג. ער האט געהאט א פאבריקל פון סאדע־וואסער, וועלכעס די קינדער האבן שפּעטער איבערגענומען. ר' משהלע רודי איז אויך געווען מוהל אין שטעטל, פאר וועלכן ער האט קיין געלט נישט גענומען. נאך זיין אפּשטארבן איז געווארן מוהל בערעלע האבער, וועלכער איז נישט געווען אזא גרויסער למדן ווי ר' משהלע, איז אבער געווען זייער א פרומער און ערלעכער ייד. ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה האט ער געוווינט אין דאָרף שוויסטילניק, נעבן בורשטין. זיין פרנסה האט ער געצויגן פון האנדל מיט בהמות. אבער ווען ער האט געהאט א ברית, האט ער דורכגעלאזט דעם בעסטן מארק. די מצוות־מילה איז ביי אים געשטאנען העכער פון אלע מאטעריעלע פארדינסטן.

אין פריילעכסטן טאג פון יאר

שמחת תורה איז געווען דער איינציקער טאג, ווען די יידן אין בורשטין האבן זיך דערלויבט צו טרינקען און שיכורן. אין שטעטל איז עס געווען דער פריילעכסטער טאג אין יאר. מען האט געטאנצט אין די גאסן, ארעם און רייך, יינג און אלט האבן זיך ארומגענומען אין פריילעכן קאראהאד און געזונגען. אלטע גויים, וואס האבן געהאט שפיל־קאסטנס מיט קאנאריקעס און געגעבן קאנצערטן אויף די מערק, זענען געקומען אין שטעטל, געלאזט זיך מיטרייסן מיט דער פרייד און צוגעשפילט. דער יידישער בלינדער זינגער מעכל האט אין דעם טאג אויסגעזונגען זיין גאנצן פראגראם.

נישט ווייט פון משה שטריקנדרייער מיט זיין פרוי איטע, צוויי גוטע ערלעכע מענטשן, האט געוווינט דודיאלע דער חזן, א בעל־תפילה אין גרויסן בית־המדרש. פון דעם קליינעם געהאלט, וואס ער האט דארט באקומען, האט ער נישט געקענט לעבן און האט געמוזט צופארדינען פון לערנען מיט ייִנגלעך. ביי אים האבן געלערנט שוין מער דערוואקסענע. נישט געקוקט אויף דער ארעמקייט איז ער שטענדיק געווען פריילעך, גרייט געהאט פאר יעדן א ווערטל, א וויץ.

א חשובער הדרת־פנימדיקער ייד איז אין בורשטין געווען הערש שלעזינגער. אין דער צייט פון די פארשידענע איבערקערענישן, ווען בורשטין איז איבערגעגאנגען פון איין ארמיי צו דער אנדערער און קיין ייד האט זיך נישט געקענט באוויזן אין גאס, איז ביי הערש שלעזינגער געווען דער מנין, ווו די ארומיקע איינוווינער זענען זיך צונויפגעקומען דאווענען ביי פארהעמערטע טירן. מיט זיין באהערשטער אריסטאקראטישער האלטונג האט ער געווירקט אויך אויף די אנדערע יידן. אין זיין שטוב האבן זיך אלע געפילט בארואיקט, פול מיט גלויבן און האפנונג אין בעסערע צייטן. ער איז געווען א גרויסער למדן און א באליבטער כלל־טוער, גרייט קומען צוהילף יעדן נויטבאדערפטיקן.

זיין ווייב האט אין צענטער געהאט א מאנופאקטור־געשעפט. צו אירע סוחרישע פעיקייטן האט זי אויך געהאט די מעלה פון נאטירלעכער צניעות און באשיידנקייט. פארן מאנס געזעלשאפטלעכער טעטיקייט האט זי ארויסגעוויזן די ווארעמסטע פארשטענדעניש.

מאיר וואלטשעס, א ייד אן ארעמאן, וואס האט אבער קיינמאל נישט אויפגעהערט צו פירן זיך מיט דער גרעסטער ערלעכקייט אין זיין באציונג צו מענטשן. ער האט געוווינט אויף דער גאס, וואס האט זיך געצויגן ביזן בית־עלמין, אין אַן אַלט איינגעפאלן הייזל. דארט האט ער געהאט א קליין ענג געוועלבל, ווו די פויערים פלעגן אים ברענגען אביסל פלאקס און ער האט עס פארקויפט אנדערע גרעסערע סוחרים, איבערלאזנדיק זיך דעם קלענסטן פארדינסט, וויפל מען גיט א שיק־ייִנגל פאר גיין א וועג. קיינמאל האט מען אים נישט געהערט באקלאגן זיך אויף זיין ארעמקייט.

א צענטראלע פערזענלעכקייט אין שטעטל איז געווען דוד נויבערגער, די נשמה פון דער קהילה. א סך נויט און עלנט זענען דורך אים געלינדערט געווארן. א סך מחלוקתן האט ער פארווישט. אומעטום, ווו ער האט זיך אריינגעמישט, האט ער געברענגט שלום און צופרידנקייט.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זיין הויז פארוואנדלט געווארן אין א הילפס־פונקט פאר אלע נויטבאדערפטיקע. חוץ דער הילף פון דזשאינט האט ער אויך א סך געגעבן פון זיין אייגענער קעשענע. ער איז געווען א גרויסער וואַלד־סוחר און האט דער ערשטער אין שטעטל געגעבן זיינע קינדער וועלטלעכע בילדונג. זיינע קינדער זענען געווען די ערשטע סטודענטן אין בורשטין. אבער זייער זון מוניע איז נאך פארן ענדיקן שטודירן געשטארבן, זיין טויט האט די עלטערן שרעקלעך צעבראכן, זענען געווארן גלייכגילטיג צו די אייגענע געשעפטן, וועלכע האבן אנגעהויבן גיין בארג־אַראָפּ.

אבער אויך אין די שווערסטע צייטן האט זיך נישט געענדערט דער אידעלער כאראקטער פון די נויבערגערס. זיי זענען ווייטער געבליבן ביי די אלע שיינע מידות, אדאנק וועלכע זייערע געשטאלטן בלייבן אויף אייביק איינגעקריצט אין זכרון.

משה יוסף טאביאס איז געווען אן אלטער עסטרייכישער באאמטער. אין זיין שטוב, ווו ער האט געוווינט אויסער דער שטאט, איז געווען די פאסט, קעגנאיבער דער אוקראַינישער קירך האט ער זיך פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה געבויט א פיר־שטאקיק הויז. נאך דער מלחמה האט ער עס פארקויפט פאר אוקראַיניש געלט, וועלכעס האט אין א קורצער צייט ארום פארלוירן זיין ווערט.

ארום דעם הויז האבן זיך שפעטער געפירט לאנגע פראצעסן.

משה יוסף טאביאסס יינגערער זון פיליפ האט שטודירט יוריסטיק, איז געווען א לעגיאנער ביי פילסודסקין, שפעטער אדוואקאט אין בורשטין, איז געווען דורכאויס אסימילירט און געהאט א קריסטלעכע פרוי. בעת דער היטלעריסטישער אקופאציע איז ער געווען פארזיצער פון יודנראט.

ארגאניזאציעס און זייערע געטרייע מיטגלידער

די רעכטע פועלי־ציון האט אין דער ערשטער צייט פון איר אנטשטיין געפירט א לעבהאפטיקע קולטור־טעטיקייט צווישן דער יוגנט. אין דער געבײדע פון דער באראן הירש־שול האט זיך געפונען די ביבליאטעק א.ג. פון י.ל. פרץ. דארט האט מען ארגאניזירט קורסן פאר די, וועלכע האבן נישט געקענט שרייבן און לייענען.

צו די אקטיווסטע האבן געהערט: יצחק לאנדנער, ישראל לייב פענסטער, לייב קראכמאל, פישל שניידער, העלער, נחמן געלערס אידעם. די ארבעט, וועלכע זיי האבן געפירט אין יענער צייט, איז געווען פון אויסערגעוויינלעכער באדייטונג. עס האט אבער לאנג נישט אנגעהאלטן, באלד איז פארגעקומען די שפאלטונג, וועלכע האט איבערגעריסן די דאזיקע וויכטיקע קולטור־טעטיקייט.

אין ישראל לייב פענצטערס פריזיערניע, ווו די חברים פלעגן זיך צונויפקומען, האבן זיך מיטאמאל באוויזן בונדיסטישע צייטונגען און פראקלאמאציעס. אין די מוחות פון א סך יוגנטלעכע איז אנטשטאנען א כאאס. די כסדרדיקע אמפערייען האבן געשטערט יעדע רעגולערטע ארבעט.

די חברים פון דער „התאחדות"־פארטיי זענען ס'רוב באשטאנען פון באלעבאטישע קינדער. ד"ר בעזען אַן אדוואקאט, וועלכער איז דורך דער הילף פון התאחדות אויסגעוויילט געווארן אלס פארשטייער אין שטאטראט, האט גלייכצייטיק אנגעפירט מיט דיסקוסיעס צווישן דער יוגנט, ווו עס זענען ארומגערעדט געווארן ציוניסטישע פראבלעמען.

אין יאר 1925 האט חיים גינזבורג, דעם מורה־הוראהס זון, וועלכער האט שטודירט אין לעמבערג, געגרינדעט „גורדוניה". נאך זיין אפפארן האט די אנפירונג איבערגענומען ישראל ווייך, וועלכער איז אבער אין קורצן פון איר אוועק.

וויניקע, איינצלנע זענען געבליבן פון דעם שווערן קאטאקליזם, וואס איז געקומען איבערן יידישן פאלק, און ווי הונדערטער אנדערע יידישע שטעטלעך איז אויך בורשטין אפגעווישט געווארן. די, וועלכע האבן געהאט די מעגלעכקייט צו קומען אין ישראל, פילן אין זיך דעם גרויסן חוב צו שרייבן, דערמאנען און דערציילן פאר די קומענדיקע דורות די געשיכטע פונעם אומקום פון אונדזערע ליבסטע און טייערסטע. זאלן די דאזיקע שורות מיינע זיין א ציגעלע צו דער מצבה נאך אונדזער שטעטל בורשטין.

ישראל פענסטער
חיפה

דער פירשט יאבלאנאווסקי און די בורשטינער יידן

א קאפיטל געשיכטע אינעם לעבן פון די יידן אין בורשטין

פונקט ווי אין אלע אנדערע שטעטלעך פון פוילן האבן אויך אין בורשטין די יידן דורכגעמאכט א סך פיין און ליידן. הונדערטער יארן לעבן אויף דער דאזיקער ערד האבן נישט ליקווידירט די דורותדיקע פאראורטיילן, פארשפרייטע בלבולים און אומזיסטן האס פון דער נישט־יידישער באפעלקערונג צו אונדז. אבער אין דער מצבה, וואס מיר שטעלן אונדזער שטעטל זוכן מיר צו פאראייביקן צוזאמען מיט דער פיין אויך יעדן ליכטיקן מאמענט אין דער געשיכטע פון דורותדיקן יידישן לעבן אויף דער דאזיקער ערד.

אין פנקס פון בורשטין, וועלכער איז איבערגעגאנגען פון דור צו דור, אפגעהיטן און פארשוונדן געווארן צוזאמען מיט די בורשטינער יידן, איז געווען פארשריבן דער ערשטער אנקום פון די יידן, וועלכע דער פירשט יאבלאנאווסקי האט געברענגט קיין בורשטין. צוזאמען מיט די קארגע ווערטער, וועלכע זענען מיר געבליבן אין זכרון, האט זיך מיר איינגעקריצט די אביעקטיווקייט און ערלעכקייט פון אונדזערע זיידעס, די פשוטע יידן פון בורשטין. הגם זיי האבן פארשטאנען די פאקטארן, וואס האבן באוויגן דעם פירשט צו ברענגען די יידן און בויען פאר זיי ספעציעלע הייזער, האבן זיי אבער נישט פארגעסן דעם עצם טאט און פארצייכנענדיק עס אונטערגעשטראכן די אידעלע מענטשלעכקייט, וועלכע עס האבן אונדז אזוי זעלטן ארויסגעוויזן די פאליאקן אין אלע שפעטערדיקע דורות ביזן לעצטן אונטערגאנג.

בײ ר׳ זעליק האמער ז״ל האט זיך געפונען א פנקס, וועלכער איז שוין אלט געווען הונדערטער יארן. אין דעם דאזיקן פנקס זענען געווען פארשריבן אלע וויכטיקע געשעענישן אינעם יידישן לעבן אין בורשטין. א סך דורות האבן דארט פארצייכנט די געשעענישן פון זייער צייט.



ישראל פענסטער

אין דאזיקן פנקס איז אויך געווען פארשריבן, אז די ערשטע יידן האט געברענגט קיין בורשטין דער פירשט יאבלאנאווסקי, וועלכער האט געשטאמט פון דער פוילישער קעניגלעכער משפחה סקארבעק.

דער פירשט האט פאר די יידן אויפגעבויט ספע־

ציעלע הייזער. א טייל פון זיי זענען געשטאנען ביז אין אונדזערע צייטן און מיר געדענקען זיי. 1) די אבערזשע, וואס האט זיך געגרענעצט מיטן פירשטס פאלאץ. לעצטנס האבן דארט געוווינט, חיים דוד גלאזער ז״ל מיט זיין משפחה ווי אויך די קינדער פון וואלף דעם גרויסן ז״ל. 2) אקעגנאיבער דער אבערזשע, דאס הויז פון יהושע האמער ז״ל, ווו עס האט געוווינט ביז צו דער 2־טער וועלט־מלחמה זיין זון איטשע האמער ז״ל מיט זיין משפחה. 3) אנטקעגן דעם הויז, פון דער צווייטער זייט גאס איז געווען דער פלאץ פון משה יוסף טאביאס ז״ל (אנטקעגנאיבער דער אפטייק). אויפן דאזיקן פלאץ איז אויך אמאל געשטאנען אזא הויז. דאס הויז איז אפגעברענט געווארן אין יאר 1901, אדער 1902. 4) דארט, ווו עס איז געווען אמאל די פראפאנאציע, א שענק ווי מען פלעגט פארקויפן שארפע געטראנקן, די פראפאנאציע איז געווען דאס אייגנטום פונעם פירשט — ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. יידן פלעגן דאס פאכטן ביי אים.



ר׳ וואלף קראכמאל ז״ל
איז געווען א סך יארן דער איינקויפער
און פארקויפער פון דעם פירשטס מיל

אויב איך האב קיין טעות נישט איז דער לעצטער פאכטער געווען ר׳ בעריש געלערנטער ז״ל. אלס פארקויפער געדענק איך דארט ר׳ איטשע גוטשטיין ז״ל. אין דעם הויז האבן געוווינט, ביז אין די לעצטע צייטן, די קינדער פון בערל האבער ז״ל. פון מאיר גוטשטיין ז״ל, עס זענען אויך געווען אייניקע געזשעפטן אין דעם הויז.

די דערמאנטע הייזער זענען געווען גרויסע, מאַסיווע, געבויט אלע אין איין סטיל.

אין אזעלכע הייזער האט דער פירשט באזעצט „זיינע יידן". דער פירשט האט געברענגט די יידן, זיי זאלן אנטוויקלען דעם מסחר אין שטאט און אין דער ארומיקער געגנט.

די גרויסע מיל, וועלכע האט געהערט צום פירשט יאבלאנאווסקי, איז אויך געווען ביז צו דער ערשטער וועלט מלחמה אין יידישע הענט. זי איז געווען געפאכטעט א סך יארן דורך די ברידער פרידלענדער.

די מיל איז געשטאנען הינטער דעם דארף לודוויקאווקא. זי האט געארבעט אויף דאמף און אויף וואסער. אין יענער צייט איז דאס געווען די גרעסטע מיל אין דער געגנט, דאס בורשטינער מעל איז געווען באקאנט אין גאנץ מזרח־גאליציע.

איבערן טויער פון דער מיל איז געווען אויפגעשריבן: „זיי מתפלל און ארבעט".

אזוי האט פארלאנגט דער פירשט פון זיינע ארבעטער, וועלכע זענען געווען אלע קריסטן. די אנפירערשאפט איז אבער געווען אינגאנצן א יידישע.

דירעקט און אומדירעקט האבן יידן געהאט פרנסה פונעם פירשטס מיל.

דער הויף אליין איז אין יענע צייטן כמעט אינגאנצן געווען פארמאכט פאר יידן. דער פאלאץ, ווי מען האט אים גערופן אין בורשטין, איז געשטאנען אין צענטער פון דער יידישער געגנט. א ייד האט אבער נישט געוואגט אריינצוטרעטן אהין.

מען האט אמאל גערופן א יידישן בעל מלאכה ווען ער איז געווען נויטיק. א יידישן מעדיצינער, דעמלט ווען עס איז נישט געווען קיין קריסטלעכער.

יידישע סוחרים פלעגט מען אין פאלאץ נישט אריינלאזן.

אנטקעגן הויף אין דער „קאניושנע", ווו עס האבן זיך געפונען די שטאלן, דארט איז אויך געווען די „קאנצעלאריע" דאס ביורא. דארט פלעגט מען דערליידיקן די ענינים מיט די יידישע סוחרים.

נאכן טויט פון דעם אלטן פירשט (ער איז באגאנגען זעלבסטמארד), אין יאר 1910 בערך, האט איבערגענומען די ירושה דער „יונגער פירשט" ווי

מען פלעגט אים רופן אין בורשטין. קיין גאר גרויסע ירושה האט ער נישט איבערגענומען, ווייל דער אלטער האט שוין געהאט פארשווענדט א גרויסן טייל פון זיין פארמעגן.

א סך צענדליקער דערפער ארום בורשטין זענען אמאל געווען דאס אייגנטום פונעם פירשט יאבלא־נאווסקי.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט דער יונגער פירשט פארצעלירט דעם גרעסטן טייל פון די איבערגעבליבענע פעלדער און געלעבט א גוטן טאג. פונעם גרויסן פארמעגן, איז געבליבן דער פאלאץ מיט א 700 מארג ערד ארום דער מיל דער יונגער פירשט איז טאקע יונג געשטארבן. עס זענען געבליבן די פירשטין מיט 4 טעכטער. די פירשטין, וועלכע האט געשטאמט פון גריכנלאנד, האט אליין געפירט די קליינעווירטשאפט. זי איז געווען זייער א סימפא־טישע און ליבעראל־געשטימטע פרוי.

אין דער צייט האבן אנגעהויבן אריינקומען אין הויף יידישע סוחרים, בעלי מלאכות א. א. וו. דער שרייבער פון די שורות פלעגט אפט אריינקומען צו דער פירשטין און אירע טעכטער, זיי שערן און אנדו־לירן. די עלטסטע טאכטער האט חתונה געהאט מיט א באראן, העדל האט ער געהייסן. נאך דער פירשטינס טויט איז באראן העדל געווען באלעבאס. ער האט דעם גאנצן באדן פארוואנדלט אין טייכן און גע־האדעוועט פיש. בורשטינער יידן האבן געהאט פון דעם פיש אויף שבת. א טייל אויך פרנסה. עס פלעגן קומען יידישע סוחרים קויפן די פיש פון לעמבערג, דראהאביטש און אפילו פון ווארשע.

דער בורשטינער יאבלאנאווסקי הויף עקזיסטירט נישט מער, פונקט ווי עס עקזיסטירן נישט מער קיין יידן אין בורשטין.

די רוסן האבן צעווארפן דעם פאלאץ. עס איז געבליבן גאנץ אין א ווינקל א קליין שטיבל, א קאמער. אין דער חורבה וווינט דער איינציק־איבער־געבליבענער ייד אין בורשטין. פישל דעם שניי־דערס איידעם, אולקע דער שוסטער.

יוסף שווארץ
ניו־יארק

די שול א. נ. פון באראן הירש

אלעגענדע פון אלטע צייטן דערציילט וועגן אונדזערע חכמים, אז זיי זענען געלעגן פארשאָטענע מיט שניי, כדי צו לערנען תורה. דער דראַנג צו וויסן האט אין פארשידענע פארמען געלעבט ביי יידן אין אלע צייטן. אין די הונגער־ריקסטע היימען פון אונדזער ארעם שטעטל האבן טאטע־מאמע געחלומט פון געבן זייערע קינדער וויסן, תורה און גמרא. מיט דער צייט האט דער דורשט ארומגענומען אויך וועלטלעך וויסן.

וויפל איבערגעגעבנקייט און אויסדויער, געטריישאפט און אינטעליגענץ האט זיך געפאדערט, כדי אויפצושטעלן אין יענע ביזן גארטל אין בלאטע־זינקענדיקע יידישע שטעטלעך אין גאליציע, שולן, וואס זאלן אינערלעך אין תוך זיין יידיש, און זאלן געבן די קינדער מאדערנע קענטענישן און וועלטלעך וויסן!

די שול א.נ. פון באראַן הירש אין בורשטין איז געווען דער קוואל, פון וועלכן די איבערגעגעבנסטע און אקטיווסטע פון אונדזער שטעטל האבן אין יענע צייטן געשעפט גייסטיקע רעסורסן פאר דער הייליקער זאך פון דערציונג.



יוסף שווארץ (ניו־יורק)

די שול אויפן נאמען פון באראן הירש איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1898, און איז געווען באשטימט נאר פאר יינגלעך.

ביי לייבוש אלי טאביאס האט מען אפגעדונגען א צימער. דער ערשטער צייטווייליקער לערער איז געווען אנשעל פאָגעל. אלס זיין מיטהעלפער איז באשטימט געווארן יעקב אשכנזי, וועלכער האט חוץ אלגעמיינע לימודים געלערנט אויך העברעאיש.

נישט אזוי לייכט האבן די יידן אין בורשטין מסכים געווען צו שיקן זייערע קינדער אין א שול, ווו מען לערנט „גוייש" און מען זיצט אן א היטל. עס האט אבער נישט לאנג געדויערט און די ארעמע יידישע באפעלקערונג האט זיך איבערצייגט אין דער ערנסטער הילף, וואס עס גיט די שול. שוין אין אנהויב שול־יאר 1898/9 האבן זיך פארשריבן 135 קינדער, צווישן וועלכע 28 זיינען געווען פון די ארומיקע דערפער, ווו עס האבן געוווינט יידן.

די שול איז באשטאנען פון צוויי ערשטע קלאסן. אין דער קיך, וואס איז ארגאניזירט געווארן ביי דער שול, זיינען געזעסן 80 קינדער, הונדערט האבן געגאסן פון הילף און מלבושים און שול־ביכער מיט שרייב־מאטעריאלן. מיט דער צייט האט די הילף ארומגענומען נאך מער קינדער. די שול האט ארגאניזירט פארשיידענע עקסקורסיעס, אין וועלכע עס האבן זיך באטייליקט אויך קינדער אויסער דער שול.

אין זעלבן יאר האט די אנפירונג פון שול איינגעארדנט אוונט־קורסן פאר דערוואקסענע, אין וועל־

כע עס האבן אנטייל גענומען 58 פולשטענדיקע אנאל־פאבעטן. די זעלבע לערער האבן זיי אין די אוונטן געלערנט לייענען און שרייבן. 42 פון זיי האבן דורכ־געמאכט עקזאמענס, וועלכע זיי האבן אפגעגעבן אויף גוט.

אין צווייטן יאר זענען צוגעקומען א סך נייע שילער און מען האט געעפנט נאך צווי קלאסן. מען האט צוגענומען נאך א לערערין פאר אלגעמיינע לי־מודים, פרל' סאלאמקא רייכמאן און א נייעם לערער פאר העברעאיש, פרץ גראס.

אין יאר 1902/3 האט די שול באקומען אפיצי־עלע רעכט. זי איז דעמלט באשטאנען פון פיר קלא־סן און האט נאך אלץ געהערט צו דער נידעריקערער קאטעגאריע. די צאל שילער איז דערגאנגען צו 219.



די קליינע ישיבה אין בורשטין

די שול איז באזוכט געווארן איינמאל דורכן קרייז־אינספעקטאר פון סטאניסלאוו און צוויי מאל דורכן לאנדס־אינספעקטאר בארנאוואסקי.

די ענגשאפט האט זיך געלאזט פילן און געשטערט די אנטוויקלונג פון דער שול. עס איז באשלאסן גע־ווארן צו בויען א ספעציעלן שול־בנין. עס איז שוין אפילו אפגעקויפט געווארן א פלאץ, אבער, ווייזט אויס, דעם שול־קוראטאריום האבן אויסגעפעלט געלט־מיטלען אויף צוצוטרעטן בויען.

אין זעלבן יאר האט די שול־פארוואלטונג אריינ־געגעבן עטלעכע שילער צו האנטווערקער אויסצולע־רנען זיי פאכן. איינעם אלס שניידער, צוויי אלס בלע־כער און צוויי אלס סטאליער.

די שול־אויסגאבן פארן דאזיקן יאר, נישט אריינ־רעכענענדיק די פענסיעס פון די לערער, האבן באט־ראפן 10.394 קראנען. צו דעם האבן בייגעשטייערט די שטאט־געמיינדע 1.000 קראנען און די קולטור־געמיינ־דע 400 קראנען.

די צאל קינדער, וואס האבן באזוכט די שול איז געווען, לויטן עלטער:

אונטער 6 יאר	3 יינגלעך
6—7 יאר	14 "
7—8 "	26 "
8—9 "	21 "
9—10 "	26 "
10—11 "	18 "
11—12 "	13 "
12—13 "	16 "
13—14 "	7 "
איבער 14 יאר אלט	1 "
	145 קינדער


עס זענען געווען אין 1־טע קלאס — 46 קינדער, 2־טע — 50 קינדער, 3־טע קלאס — 68 קינדער און 4־טע קלאס 32 קינדער. צוזאמען 145 שול־קינדער מיט א צוווקס אין דעם זעלבן יאר 1902/3 מיט די אוונט־קורסן, אין וועלכע עס האבן זיך געלערנט

פון 14—17 יאר אלט	8 שילער
" 17—20 " "	16 "
" 20—24 "	8 "
" 30 און העכער	4 "

ווי נאר די יינגלעך האבן פארענדיקט די 4 קלאסן האט די שול־פארוואלטונג געזארגט, אז דאס קינד דארף ווייטער לערנען, אדער מ'האט דאס קינד שפע־טער מיט 2 יאר אפגעגעבן לערנען א פאך.

ביי ענדע 1904 ווען די שול איז שוין געווען אין

אייגענעם בנין אין דער אזוי גערופענער שמאלער אול׳יצע, אדער ווי מיר פלעגן זי רופן אשר דייקסלער אוליצע (אונטער טאבעלע נר׳ 628, וועלכע האט געקאסט 24.560 קראנען און 25 העלער) האט די שול־פארוואלטונג אפגעגעבן צום לערנען צו בעלי־מלאכות, צו בעקער 1, שניידער 1, שוסטער 1, בלעכער 5, סטאלערס 1, ייִנגלעך. די שול־פארוואלטונג פלעגט אויך אויף אייגענע קאסטן שיקן ארעמע קינדער לערנען אין העכערע שולן, גימנאזיע און גאווערנע שולן און זיי באזארגן אין די אינטערנאטן אין לעמ־בערג, סטאניסלאוו און אויך קראקע מיט קעסט און קווארטיר.



די פאָלקס־שול אין בורשטין,
הונדערטער יידישע קינדער האבן דא באקומען עלעמענטארע קענטעניש

אין 1906 איז ביי דער באראן הירש פארטרעטונג געגרינדעט געווארן א פאנד פאר געווערק שולן פאר מיידלעך. אויך אין בורשטין איז אונטער דער לייטונג פון דירעקטאר אנטשעל פאגעלס פרוי געגרינדעט גע־ווארן אזא שול אין דעם בנין — נאך דריי יאר לער־נען זיך האט דאס מיידל, וועלכע האט מיט אויסצייכ־נונג געענדיקט די ניי־שול באקומען אומזיסט א זינ־גער־מאשין. דאס רוב פון אט די מיידלעך, וועלכע האבן באקומען די מאשינען זענען געווען נייטארינס, ווי מען האט זיי ביי אונדז גערופן „שוואַטשקעס" פון אונטערוועש. עס זענען אבער אויך געווען פאלן (אמת ניט קיין סך) ווען די יעניקע, וועלכע האבן געענדיקט די באראן־הירש געווערק־שול, זענען געפארן אין די גרעסערע שטעט זיך ווייטער פארפולקאמען אין זייער פאך.

איך האב אנגעהויבן צו גיין אין דער באראן־הירש שול. ביי אשר דייקסלער, ווו מיר שול־קינדער פלעגן אליין באארבעטן דעם גארטן. שוין פאר די קינדער פונעם 3־טן, 4־טן קלאס זענען איינגעטיילט געווארן קליינע בייטלעך דורך דער לייטונג פון די שול־לערער. אונטער דער פערזענלעכער אויפזיכט פון פאגלען האט יעדעס ייִנגל לויט דער אנווייזונג פונעם לערער אליין צעגראבן מיט א דיסקאל זיין בייטל. מ׳האט פארטיילט פארשיידענע זרעים: מערן, בור־אקעס, פאסאליעס. דאס שול־קינד, דער אייגנטימער פון זיין בייטל האט נאכן באארבעטן זיין בייטל אויפ־געשריבן אויף א טאבליטשקע זיין נאמען און זי ארייג־געלייגט אין פראנט פון זיין בייטל. 2 מאל אין דער וואך, אנהויבנדיק פון הארבסט, זענען די לערער ארויס באארבעטן (פארריכטן, אויסרייניקן די געמוי־זעכטס, און אזוי פארריכטן די מעזשעס. וועלכע פלעגן זיך ביי א שלאגס־רעגן צעפאלן) מיט די קינדער. יע־דער זיין בייטל.

יעדעס ייִנגל איז געווען אזוי געבונדן מיט ליבע צו דער ערד־ארבעט, אז אפילו ווען מ׳איז געווען פריי פון דער שול איז ער געגאנגען זעען די פרוכט פון זיין ארבעט. די קינדער זיינען אזוי געווען פארכישופט מיט אט דער ארבעט, אז אויב ס׳האט זיך נעבן זיין

עלטערנס־הויז געפונען א שטיקל פרייער פלאץ, וואס מ'פלעגט זיך גאר ווייניק קימערן וועגן עפעס א גארטן (גיכער איז עס געווען א פלאץ ווו די פאמיעס צו גיסן) פלעגן אט די קינדער פון דער באראן־הירש שול אפרייניקן און פארזעצן מיט עפעס, כאטש מיט בלומען — און די עלטערן פארהארעוועטע, פארדאגהטע, ווו מ'נעמט, אט איז שוין דאנערשטיק, אויף שבת — פלעגן שעפן נחת פון זייער יאסעלע, שלמה'לע, צי חיימ'ל. כאטש דער רוב האט געקלערט אז גאט דארף העלפן און ער וועט באלד קאנען ארויסהעלפן אין דער פרנסה, אדער ווי זעט מען אים שוין א געזעלן ביי עפעס א בעל־מלאכה.

די גרויסע מעלה פון א שיינער האנטשריפט

דער שול־אונטערריכט פלעגט זיין, ווי איבעראל אין די מלוכה־שולן, פויליש. די לערער צווישן זיך פלעגן אויך ריידן פויליש, נאר דער העברעאישער לערער פרץ גראס פלעגט רעדן מיט אונדז יידיש אפילו ווען ער פלעגט עמעצן לערנען אן אנדער קעגנשטאנד. די דיסציפלין איז געווען א שטרענגע. אן דעם ווישא־וונעם שטעקעלע פלעגט זיך דער לערער ניט באגיין, כאטש שלאגן מיט אים פלעגט מען זעלטן. דער ערשטער קלאס פלעגט לערנען די גאנצע צייט אלע קעגנשטאנדן מחוץ העברעאיש. דאס פלעגט לערנען פריילן סיגאל. די צווייטע, דריטע און פערטע קלאס פלעגן לערנען פישל ראטענשטרייך און פאגעל. אויך גראס פלעגט ארויסהעלפן אין די אלגעמיינע קעגנשטאנדן. און ווען ער פלעגט האבן דאס העברעאישע אין דעם 1־טן קלאס, פלעגט פריילן סיגאל ארויסהעלפן אין אנדערע קלאסן מיט עפעס פון די אלגעמיינע קעגנשטאנדן. רעליגיע פלעגט מען לערנען אין דער פוילישער שפראך. ס'זיינען געווען ספעציעלע פאר דער באראן־הירש שול קאפיטלען איבערגעזעצט פון סידור אין דער פוילישער שפראך. אין דער דריטער און פערטער קלאס פלעגט רעליגיע לערנען דירעקטאר פאגעל. מיר האבן געמוזט קאנען איבערזעצן פונעם אנהויב „מה טובו אוהליך" ביז „עלינו לשבח". אויב עמעצער פון די קינדער איז געווארן א יתום פלעגט מען אים עקסטרע לערנען צו פארשטיין דעם קדיש. העפטן צום שרייבן קאליגראפיע פלעגן באקומען גרייט אלע קינדער. ווי נאר ער האט פארענדיקט דעם העפט האט ער באקומען א צווייטן. איך דערמאן זיך אין מיין חבר יצחק שניידוייס־כהן (היינט אין ישראל) וועלכן איך פלעג תמיד מקנא־זיין פאר זיין שיין און שנעלן שרייבן. ביז איך פלעג ענדיקן איין העפט האט ער שוין 2 געענדיקט. מיט שיין שרייבן פלעגן זיך אויסצייכענען נחמן קוטנער און א סטאליארס א ייִנגל דונצי, וואס איז נאכן ענדיקן די באראן־הירש שול געווארן פאר זיך א היימישער לערער. ער פלעגט אונטערריכטן קינדער און אזוי ארום ארויסהעלפן זיינע ארעמע עלטערן.

אין יעדן קלאס זענען געהאנגען פיר בילדער. דער קיסר פראנץ־יאזעף 1 און זיין פרוי עליזאבעט און דער באראן משה און זיין פרוי קלארא הירש. ביים אנהויב, איידער ס'האט זיך אנגעהויבן די לערן־שעה, האט מען אין דער פוילישער שפראך שטענדיק אפגעגעבן א תפילה פארן לעבן און געזונט פונעם קיסר. אויב איך מאך ניט קיין טעות פלעגט מען אויך אמאל די זעלבע תפילה זאגן אין דער דייטשער שפראך.

פון 8 ביז 10 האט מען געלערנט. דאן איז אן ערך 15 מינוט געווען פויזע. מיר זיינען ארויס זיך שפילן אין הויף, ווו ס'איז געווען צוגעגרייט פאר גימנאסטיק הוידעלקעס. ווי אויך א ברייטע הערלעכע שטאנג, ווו מיר פלעגן מאכן „קוצעגעלעס". ס'איז אויך געווען א ספעציעלע שעה פאר פיזישער קולטור. דאס פלעגן אונדזערע לערער יעדער מיט זיין קלאס פארברענגען די שעה אינדרויסן. אפילו אין די גרעסטע פרעסט פלעגט מען מוזן זיין אינדרויסן.

אין דער אונטערשטער געביידע זענען געווען: א קאנצעלאריע פאר די לערער, ווו זיי פלעגן אפהאלטן זייערע קאנפערענצן. א וווינונג פאר דעם שול־דינער (דאס איז געווען א הויכע גויע, וועמען מ'האט גערופן די „באלדיכע") און די טואלעטס.

זי פלעגט פון אונדז האבן גענוג צרות. מיט דעם וואס מיר קליינע לאבוסעס פלעגן ניט שטענדיק זיין דיסציפלינירט, פלעגן צומאל שרייבן אויף די ווענט אין קארידאר און ניט איינער פון אונדז פלעגט דערפאר שטרענג באשטראפט ווערן, אויב מ'האט אים דערביי געכאפט. ספעציעל דורכן דירעקטאר פאגעל.

אין ווינטער פלעגט מען מיטאג־צייט אין א

ספעציעל צוגעגרייטן זאל אויסטיילן פאר די ארעמערע קינדער מיטאגן. דאס האט געקאכט א געניטע קעכין, מעני מינדעלעס, וועמענס יינגלעך זענען מיט אונדז צוזאמען געגאנגען אין שול. איינער פון אירע זין, איציק הערש האט זיך גאר גוט געלערנט. די שול־פארוואלטונג האט אים נאכן פארענדיקן די שול געשיקט צו א שניידער זיך לערנען און ער איז טאקע ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען א גוטער מענער־שניידער אין בורשטין, ווו ער איז פארגאזט געווארן ווי אלע בורשטינער יידן דורך די היטלעראווי־צעס און זייערע ארויסהעלפער ימ״ש.

יעדעס יאר צום קיסר פראנץ־יאזעפ׳ס געבורסטאג (דעם 18טן אויגוסט) פלעגט פאר אונדז קינדער זיין א יום־טוב. מיר פלעגן קומען יום־טוב׳דיק פארפוצט. די „טלוזמיזשלעך״ אדער שטיוועלעך אויסגעפוצט א־דער אנגעשמירט מיט טראן (וועלכן מ׳פלעגט קויפן פאר א גראיצער ביי איצעלע שאפירא, אדער קאפל הענעך). אין שול פלעגט מען אויפן ארון־קודש פאר־ציען דאס יום־טוב׳דיקע פרוכת. אלע חשובע באלע־באטים מיט זעליג האמער פלעגן שוין ווארטן אין שול. דער רב ווי אויך דער מורה־הוראה פלעגן האלטן א רעדע פאר׳ן קיסר און מיר האבן צו ענדע געזונ־גען ניט אין פויליש נאר אין דייטש „גאט ערהאלטע״. איינמאל, געדענק איך, איז אויך אין שול געקומען דער בירגערמייסטער בודני, אן עלטערער אוקראינער, פון פאך א מויערער.

ס׳פלעגן זיך אויך פארזאמלען אין שול די יידישע אינטעליגענץ, אדוואקאטן, דאקטוירים און אויך זייע־רע קינדער, וועלכע זענען געקומען אויף וואקאציעס פון דער גימנאזיע אין די גרויסע שטעט ווי לעמבערג און סטאניסלאוו.

דער יידישער אפטייקער טירהויז פלעגט קומען מיט זיין פרוי און 2 זין. נאכן ענדיקן דעם גע־בורטסטאג פונעם קיסער האט מען זיך שוין אנגע־הויבן ווידער צוצוגרייטן צום שול־יאר (דעם 1־טן סעפטעמבער). שוין צוויי וואכן פארן אנהויב פונעם שול־אונטערריכט פלעגן די לערער זיצן א פאר שעה אין טאג אין דער שול־קאנצעלאריע און פארשרייבן די קליינע 5—6 יאריקע, וועלכע האבן אנגעהויבן צו בא־זוכן די שול.

„בעסערע״ און „מינדערע״ און דאס גרויסע געשלעג

א גאנץ יאר, ווי אזוי מ׳פלעגט זיך לערנען, איז פארן שול־יינגל געווען נישטקשה, אבער א פאר וואכן פארן ענדיקן דאס שול־יאר (ענדע יולי) האבן זיך דאס רוב געסטארעט נאכצוכאפן דאס פריערדיקע וואס מ׳האט אפשר לייכטזיניק פארלוירן. מיט הארץ־ציטערניש האט מען געווארט אויף די צייגענישן. ניט איינער האט געלעכצט ס׳זאל שוין זיין א „דאסטאטע־טשני״ אבי אריבער אין א צווייטן קלאס. ווער שמועסט די בעסטע, וועלכע האבן באשטימט געוווסט אז זיי וועלן אריבער, האבן מיט הארץ־ציטערניש געווארט אויף דער „נאגראדע״ פון א רויט ביכעלע מיט שיינע מעשיות פאר זייער בעסטן צייגעניש. אין יעדן קלאס האבן זיך געפונען א 2—3 אזעלכע יינגלעך.

דאס ערגסטע איז געווען פאר יענעם יינגל, וועל־כער האט זיך ניט שלעכט געלערנט, נאר איין גרוי־סער פעלער איז געווען זיין אויפפירונג. דאס איז געווען א ספעציעלער קעגנשטאנד אין צייגעניש, וואס האט געשטערט אין פאל פון א שלעכטן אפמערקן אריבערצוגיין אין א העכער קלאס. (מיר אליין איז אויסגעקומען אין ערשטן האלבן יאר אין 2־טן קלאס צו האבן אזא „נאגאנני״ אבער איך האב זיך געס־טארעט (מיט דער הילף פון מיין מוטער ז״ל, וועלכע האט מיר א גאנץ האלב יאר מסביר געווען די שלעכ־טע פאלגן דערפון) דאס צו פארריכטן. און מיט „אביטשאיעס״ איז געווען גאר ניט קיין לייכטע זאך. קינדער פלעגן זיך טיילן צווישן זיך „בעסערע״ און „מינדערע״. עס פלעגן פארקומען קריגערייען מיט צונעמען און דאס פלעגט אפט פירן צו געשלעגן אין הויף אויף דער „פאוזע״.

אזוי דערמאן איך זיך א פאל. ביי אונדז איז גע־ווען א יינגל א גרויסער שלעגער. מ׳פלעגט אים רופן שמואל רעטשקי (וואלף קאַניאַרס א יינגל. נאטירלעך פלעגט ער האבן זיינע חברים שטארקע קאניארס). איז איינמאל האט ער זיך פארטשעפעט מיט סומער קליינ־פעלד, עזריאל קליינפעלדס א שטארקער בחור פון קאראסטעוויטש. ס׳איז פונקט געווען ביי דער פלומפ (ווו מ׳האט אין א טעפעלע אנגעהאנגען אן א קייטעלע אנגעפלומט וואסער צום טרינקען). שמואל מיט זיינע

חברים האבן זיך שוין לאנג געגרייט דעם שטארקן בחור (וועלכער איז כאטש ביי זיינע 12—13 יאר געווען א שילער אין 4־טן קלאס) מיט אים זיך פארטשעפען, אבער סומער, א פעסט געבויטער הארעפאשנער דארפס־יינגל. וועלכער פלעגט העלפן אין דארף צוזאמען מיט זיינע ברידער באארבעטן די פעל־דער פון זייער ווירטשאפט, האט ניט געוואלט ליידן פון אט דעם קליינעם שמואליקל, און ווען יענער האט אונטער דער פרעטענזיע פון זיינע חברים געוואלט ביי סומערן ארויסרייסן דאס טעפעלע מיט וואסער, האט סומער לאנג ניט געטראכט און האט מיט דעם טעפעלע שמואלן געשפאלטן דעם שטערן.

אין א מינוט זיינען אלע לערער געווען ארום. מ'האט געבראכט א דאקטאר. פארבאנדאזשירט שמואלן דעם קאפ. אבער בליץ־שנעל זענען שמואלס פאטער וואלף דער קליינער און אויך אנדערע יינגלעך, גרויסע פון די קאניארעס, געקומען דערטאפן דעם דארפס־יינגל. אבער סומער איז שוין געווען אויף יענער זייט פלויט און דורכן פירשט יאבלאנאווסקיס גארטן אנטלאפן צו זיך קיין קאראסטעוויטש. פאר חדשים לאנג האט זיך סומער ניט געוויזן אין שטאט. א־בער א יאר שפעטער אין זומער אוועק קיין אמעריקע. מענטשן האבן געשמועסט, אז דורך די קאניארעס האט ער עוקר געווען.

אט אזעלכע א סך געשלעגן אין קלענערע מאס־שטאבן פלעגן זיך אפשפילן אפט צווישן אונדז קליינע „לאבוסעס". איז קיין חידוש ניט, וואס יעדעס יאר פלעגט זיין כאטש ניט קיין גרויסער פראצענט אבער דאך א פאר מיט „אביטשאיע נאגאנני".

אין אלגעמיין אבער, איז די באראן־הירש־שול געווען א ברכה און א הילף פאר די קינדער און פאר אונדזערע עלטערן אין שטעטל. אפילו די פרומסטע ידן אין שטעטל, וואס פלעגן אין אנהויב פאר דער באראן־הירש־שול ניט זיין גענויגט (אויס מורא פאר שלעכטן יידישן דרך) צו שיקן זייערע קינדער אין שול, פלעגן דאך מיט רעספעקט צו אונדזערע לערער ברענגען די קינדערלעך צו פארשרייבן. א שאד, פלעגן די זאגן, וואס ס'איז ניטא א באראן־הירש־שול פאר מיידלעך.

*

רעדנדיק וועגן דער באראן־הירש שול וועלן מיר אויך דערמאנען די אזוי גערופענע באראן־הירש בענק. אין שטעטל זיינען געווען 2 אפיציעלע פריוואט בענק. איינע אברהמעלע באבאר'ס באנק און די צווייטע. אויב איך מאך ניט קיין טעות נייבערגערס. א חוץ דעם זיינען געווען די אזוי גערופענע „חשטערס" וועלכע פלעגן רייסן גאר גרויסע פראצענטער. אן ארעמער בעל־מלאכה אדער א קליין־סוחר האט קיינמאל ניט געקענט צוקומען דארט צו בארגן. ווייל ערשטנס האט מען געמוזט האבן גוטע אונטערשרייבער און צווייטנס ווי וויט מעגלעך זיין אויף הויכע פראצענטער אפצוצאלן. זיינען אט די „איקא" באראן־הירש בענק געווארן א דערלייזונג פארן ארעמען בעל־מלאכה און קליינע־סוחרים. מ'פלעגט דארט בארגן ביז 200 קראנען אויף א יאר אויסצוצאלן מיט א גאר מינימאלן פראצענט. אט דער פראצענט איז גענומען געווארן כדי צו דעקן די אדמיניסטראציע קאסטן, און ביים אונטערשרייבן האט מען ניט אזוי בודק געווען. מ'פלעגט אויך קאנען בארגן אי דער מאן, אי די פרוי. דאס האט געקענט זיין ביז 400 קראנען אין דער פאמיליע, און יעדע וואך פלעגט מען אריינטראגן די ראטע. די בענק האט אנגעפירט דער דירעקטאר פאגעל און עמיצער פון די לערער. דאס רוב איז געווען אונדזער לערער פישל ראטענשטרייך. די שול און אויך די באנק זענען געווען טעטיק ביזן אויסברוך פונעם ערשטן וועלט־קריג אין 1914. נאך דער מלחמה, ווען עסטרייך איז זיך צעפאלן האט די געביידע פון דער באראן־הירש שול געדינט דער קהילה. ס'איז דארט ביז 1939 געווען די פרץ־ביבליאטעק, אן ערך 20 יאר זייט 1919.

אונדזערע לערער

די אָס זענען געווען מענטשן, וועמענס ווילן און טאַט איז געוואָרן געטריבן פון אַ טיפן אחריות־געפיל און פון גרויסער ליבשאַפט צום יידישן קינד. זיי האָבן פאַרמאָגט אין זיך דעם סינטעז פון אַלט־יידישקייט און מאָדערנע וויסנשאַפט. הויך־מענטשלעכע אידעאַלן און מאָראַלישע שיינקייט. זיי האָבן געטרוימט און געגלויבט, אַז די העכסטע און שענסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט וועלן מקויים ווערן און דאָס יידישע פאָלק וועט באַקומען זיין נאַציאָנאַלע אויפריכטונג. דערפאַר האָבן זיי און זייער לערע אַזוי טיף איינגעקריצט זיך אין אונדזער זכרון.

אַנשעל פאַגעל

אַנשעל פאַגעל איז געווען די נשמה פון דער באַראָן־הירש שול. תמיד ערנסט, אַפילו שטרענג. מ׳האָט זעלטן געזען אַ שמייכל אויף זיין פּנים, אַפילו אין דער געזעלשאַפט פון די אַנדערע לערער. האָבן ניט נאָר די שול־קינדער נאָר די גאַנצע שטאָט פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ. ער פלעגט ביים לערנען די קינדער יעדן קעגנשטאַנד אַזוי קלאָר־מאַכן, אַז די קינדער פלעגן אַרויס פון דער שעה לערנען ביי אים ווי ביי־געבוירענע. ער פלעגט דאָס רוב לייגן געוויכט, ביי וואָס ער האָט געלערנט, איינצופלאַנצן ביים קינד ליבע צו פיזישער אַרבעט. ער פלעגט האָסן פּוסט־און־פּאַסניקעס. ס׳פלעגט זיך אַמאָל מאַכן, אַז אין שטעטל פלעגן אַראָפּקומען די אָרעמע לייט מיט פורלעך; זיי פלעגן זיך באַלד מיט די קינדער אויף די הענט צעלאָזן איבער די טירן. אָבער אויב איינער פלעגט וואָגן אַריינקומען אין שול האָט זיך פאַגעל שרעקלעך אויפגערעגט. סיידן אויב ס׳איז געווען אַן אַלטישטקער פלעגט ער אים געבן אַ נדבה, מיט אַזאַ כעס האָט ער איינמאָל געזאָגט צו אונדז קינדער: אַט אַזעלכע פּאַראַזיטן וועט פון אייך ווערן אויב איר וועט ניט לערנען אַ מלאָכה. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון ערד־אַרבעטער־פּויערים. ער פלעגט אויך צורעדן קינדער, וועלכע פלעגן וועלן זיך עפּעס לערנען, צו פאָרן אין דער איקאַ־שול אין סלאָבאָדקאַ־לעשניאַ נעבן קאַלאָמיי. אָבער ביי אונדז אין שטעטל האָבן זיך ווייניק געטראָפן בעלנים. אויב שוין לערנען אַ פאַך, טאָ פלעגן זיי לערנען סטאָליאַרס; בלעכערס, אינסטאַלאַטאָרס און זייגערמאַכערס. פאַגעל איז ניט געווען שטרענג רעליגיעז. מיטן מנין פלעגט ער גיין דאַווענען נאָר ימים־טובים און ימים נוראים. אָבער ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן האָט ער ערשט צו שלושים זיך ראַזירט און אַ גאַנץ יאָר טאָג־טעגלעך, דריי מאָל געגאַנגען אין שול זאָגן קדיש.

דבורה פאַגעל

זיין פרוי איז געווען אַ מוכר־ספרים׳ס אַ טאָכטער. יעקב ערנפרייז האָט ער געהייסן. ער האָט געהאַט 3 טעכטער און אַ זון, ד״ר מרדכי ערנפרייז; דער אָבעררבינער פון זאַמפּרע און דאַן פון שטאָקהאָלם. דריי טעכטער פון יעקב ערנפרייז האָבן געוווינט אין בורשטין. דאָס זענען פאַגעלס פרוי, ד״ר דוד מאַלץ פרוי און איינע אַ ניט פאַרהייראַטע, האָט פאַרוואַלטעט מיט דער אַדוואָקאַטן־קאַנצעלאַריע פון איר שוואָגער דוד מאַלץ, דעם באַקאַנטן ציוניסטישן פירער, וועלכער האָט צוויי מאָל קאַנדידירט צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט. די פרוי פאַגעל האָט אָנגעפירט מיט דער געווערק־שול פאַר מיידלעך. זיי האָבן געהאַט צוויי טעכטער. איינע, די יונגע, איז געשטאָרבן קליינערהייט. די צווייטע, כאָטש דערצויגן ביי פּויליש

רעדנדיקע עלטערן, איז געווארן שפעטער די גוט באַקאַנטע יידישע דיכטערין דבורה פאַגעל. אַנשעל פאַגעל איז באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אוועק קיין לעמבערג, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס קהילה־סעקרעטאַר. ער איז געשטאָרבן אין די 30־ער יאָרן.

איך האָב באַזוכט דבורה פאַגעל אין 1937. זי איז געווען פאַרהייראַט מיט אַן אינזשיניער. זיי האָבן געהאַט אַ צוויי יעריק ייִנגעלע אַנשל. אויך די אַלטישקע מוטער איז געווען מיט זיי. זיי האָבן געהאַט אַן אייגן הויז. דאָס צווייטע מאָל האָב איך זי באַזוכט אין 1940, ווען די סאָוויעטן זיינען שוין געווען. זי איז געווען פאַרביטערט פון דער אָרדנונג. אַלס איבערגעגעבענע ציוניסטקע, האָט זי געזען צו וואָס פאַראַ טאָלק דאָס וועט פירן. זי האָט אַלס באַקאַנטע שרייבערין געקענט האָבן די פּריווילעגיע, ווי אַנדערע יידישע שרייבער, צו געהערן צום אוקראַינישן שרייבער־פאַריין. זי האָט עס נישט געוואָלט. זי, איר מאַן און קינדער זענען אומגעקומען ווי אַלע לעמבערגער יידן דורך די היטלער־רוצחים און זייערע מיטהעלפער ימ״ש.

פישל ראַטנשטרייך

זיין אידל פנים איז געווען אַרומגערעמט מיט אַ שיינער פעך־שוואַרצער באָרד. אין זכרון איז ער מיר געבליבן מיט דעם פידל אין האַנט. גלייך ווי ער האָט זיך באַוויזן פאַרן פולט זענען אפילו די טומלדיקסטע קינדער אַנטשוויגן געוואָרן. מיט אַ שטראַלנדיק פנים האָט ער געשפּילט „גאָט ערהאַלטע, גאָט בעשיצע אונזער קעניג, אונזער לאַנד". מיר אַלע האָבן נאָכגעזונגען מיט גרויס יראת הכבוד

פישל ראַטענשטרייך איז געווען אַ קוזין פונעם באַקאַנטן ציוניסטישן טוער און סענאַטאָר אין פּוילן מיטן זעלבן נאָמען. פישל און זיין פרוי האָבן געשטאַמט פון קאָלאָמיי. חוץ זינגען האָט ער מיט אונדז געלערנט אויך רעדן פּויליש און דייטש. מיט די שילער זיינע האָט ער גערעדט נאָר פּויליש. מיט די דערוואַקסענע אויף די אָוונט־קורסן האָט ער גערעדט פּויליש און דייטש.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער נאָך אַ קורצן איבעררייס צוריקגעקומען צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע קיין בורשטין, ווו עס איז זיי געבליבן דאָס אייגענע הויז און געווען אַ לערער אין דער מלוכהשער שול.

ער איז געשטאָרבן אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן. זיינע צוויי טעכטער זענען געווען לערערינס ערגעץ אין אַ שטעטל אויף וואָלין.

פּרץ גראָס

דער סאַמע גוטמוטיקסטער לערער, וועלכן איך געדענק. ער האָט מיט אונדז גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש און פלעגט מיט אונדז האָבן לענגערע שמועסן, אין וועלכע ער האָט זיך באַמיט איינצופלאַנצן אין אונדז שיינע מידות און נייגונגען צו גוטע טאַטן. אויך אויף די עקסקורסיעס, וועלכע ער פלעגט מיט אונדז מאַכן אין די בערג און וועלדער, האָט ער אונדז אַלע אויפקלערונגען געגעבן אין יידיש.

ער איז געווען אַ הייסער ציוניסט און גלייכצייטיג אַ רעליגיעזער מענטש. יעדן טאָג איז ער געגאַנגען צום דאַווענען מיט טלית און תפילין. אין די שבתים און ימים־טובים האָט ער געדאַוונט אין נייבערגערס מנין.

צו זיינע באַליבסטע טעמעס אין זיינע שמועסן מיט די שילער האָבן געהערט די מעשיות וועגן ארץ ישראל, וועגן דער שיינקייט פון לאַנד און גרויסקייט פון די יידישע העלדן.

אין שטעטל איז אַמאָל אַראָפּגעקומען אַ שליח פון ארץ ישראל. ער האָט געטראָגן אַ רויט קאָפּל, ווי די טערקן, און גערעדט נאָר העברעאיש. ער איז געקומען זאַמלען געלט און האָט אויך פאַרקויפט ערד פון ארץ ישראל. פרומע יידן האָבן עס געקויפט אין קליינע זעקעלעך און באַהאַלטן עס אויף אונטערצולייגן צו קאָפּנס נאָכן טויט אין קבר.

אונזער דירעקטאָר פאַגעל האָט געקוקט קרום אויף דער גאַנצער זאַך, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אָפּנאַ־

רעריי. גראס אבער איז געווארן אזוי מיטגעריסן מיט דעם יידס שיינעם העברעיש, אז ער האט אים כמעט יעדן טאג איינגעלאדן צו זיך אויף מיטאג און פירן מיט אים לאנגע שמועסן וועגן הייליקן לאנד.

אין זכרון איז מיר געבליבן אזא בילד: אין קלאס איז א גערודער, וואס דערגייט שנעל צו א געשלעג צווישן צוויי קינדער. דעמלט קומט צו דער לערער, רופט צו די צוויי צעהיצטע קינדער צום טיש און פרעגט זיי גוטמוטיק, פאוואס זיי האבן זיך געשלאגן. חיים, א צעהיצטער, דערציילט ווי ער האט נעכטן פארשפילט ביי משה׳ן אלע קנעפלעך, האט ער אים פארן אוועקגיין אפגעריסן די קנעפלעך פון די הויזן און רעקל. איצט טשעפעט ער זיך ווידער צו אים.

דער לערער האט זיך געווענדן צו די קינדער: „איז עס שיין אזוי" אלע אין כאר האבן געענטפערט: „ניין!" שפעטער האבן אלע קינדער צוגעהערט זיך צו זיין לעקציע וועגן מאראל און עטיק ביי קינדער און דערוואקסענע.

דאס איז פארגעקומען אין דער 3־טער קלאס פון דער באראן הירש־שול. דער נאמען פון לערער איז געווען פרץ גראס.

אויף די עקסקורסיעס, וואס מיר פלעגן מאכן הונטער דער שטאט, פלעגן די לערער געבן אויפקלערונגען אין פויליש. פרץ גראס האט זיינע אויפקלערונגען שטענדיק געגעבן אין יידיש.

פרץ גראס האט אין דער באראן הירש־שול געלערנט פון י. 1900 ביז 1914, ווען עס איז אויסגעבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה. זיין ספעציאליטעט איז געווען העברעיש און מאטאמאטיק. אויב עמעצער פון די לערער איז קראנק געווארן האט ער אים פארטרעטן אויך אין אנדערע לימודים.


ווען די רוסן האבן זיך דערנענטערט צו אונדזער שטעטל איז ער אוועק קיין ווין צוזאמען מיט זיין גאנצער משפחה.

אין 1936 האב איך אין לעמבערג באזוכט די יידישע דיכטערין דבורה פאגעל, די טאכטער פון אונדזער שול־דירעקטאר. איך האב דארט געטראפן אויך אונדזער אמאליקע לערערין פערל סיגעל, וועלכע איז שוין געווען אין טיפן עלטער, ביי די 80־קער. פון איר האב איך באקומען די אדרעס פון פרץ גראס. איך האב צו אים געשריבן א בריוו אין יידיש, אבער זיין ענטפער איז געקומען אין דייטש. ער האט זיך געפונען אין א זקנים־הויז. ער האט מיר געשריבן, אז זיין זון העברי געפינט זיך אין אמעריקע.

יעקב ביגעל

פאר יעקב ביגעל איז געווען כאראקטעריסטיש, וואס ער האט פון זיינע פריסטע יארן אן געשטרעבט צו לערנען זיך און אנדערע. ער האט זייער פרי אנגעהויבן צו חלומען פון שטודירן. ביזן לעצטן טאג פון זיין לעבן געקלאמערט זיך אין דעם ציוניסטישן אידעאל פון באפרייען דאס יידישע פאלק פון זיין צוויטויזנג יאריקן גלות. אין די ווערטער פון די נביאים האט ער ארויסגעלייענט די אידעען פון סאציאלער גערעכטיקייט, דורך דערווערבן זיך העכערע בילדונג האט ער געוואלט זיין נוצלעכער און ווערטפולער אינעם קאמף פאר דער אויסלייזונג און קיום פון יידישן פאלק.

ער האט דעראברט העכערע בילדונג, אבער נישט דערלעבט צו זען מיט די אייגענע אויגן די פארווירקלעכונג פון ציוניסטישן געדאנק.



יעקב ביגעל

י. פענסטער

ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין בורשטין

אין אונזער שטעטל האט זיך אנגעהויבן אנטוויק־לען דער ציוניסטישער געדאנק און אריינדרינגען צווי־שן די מאסן מיטן באוועגן זיך פונעם ד״ר דוד מאלץ, בערך אין יאר 1900. אין יענע יארן, דאס הייסט פאר דער ערשטער וועלט מלחמה איז געגרינדעט געווארן דער ציוניסטישער פאריין „חובבי ציון", דער פאריין האט שוין דעמלט צוגעצויגן די פארגעשריטענע שיכטן פון די יידן אין שטעטל.

די אקטיווע אנהענגער און מיטקעמפער פארן ציו־ניסטישן געדאנק אין יענער צייט זענען געווען: בונעם שפירא, דער בוכהאלטער פון פרידלענדערס מיל, א. טויבער, זלמן שטערן, מאיר רעדיש, משה שומער, וואווע וואלף דוד פרענקל, ישראל יאמפעל און מינע טאביאס.

עס איז ווערט צו הערמאנען דעם כאראקטעריסטישן עפיזאד (איבערגעגעבן פון יצחק ראהער, לעבט אין אמעריקע), וועלכער וויזט ווי מוטיק, אנטשלאסן און קעמפעריש די ערשטע ציוניסטן אין בורשטין זענען געווען.

בערך אין יאר 1908 זענען פארגעקומען וואלן צום עסטרייכישן פארלאמענט. די ציוניסטישע באווע־גונג האט שוין דעמלט גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער וואל־קאמפאניע ווען דער באקאנטער ציוניס־טישער עסקן אדאלף שטאנד ז״ל איז געקומען קיין בורשטין כדי צו רעדן אויף א וואהל־מיטינג, האבן אים די דעמלטיקע גבאים, וועלכע זענען געווען מאש־קעס (פערקויפטע צום פריץ) נישט געוואלט ארייגלאזן אין שול ווו עס האט געדארפט אפגעהאלטן ווערן די פאלקס־פארזאמלונג.

די יונגע חברה האבן די שול געעפנט און דער עולם איז אריין, פאר וועלכן א. שטאנד האט געהאלטן א פייערדיקע רעדע.

אויף א צווייטער וואל־פארזאמלונג, וועלכע איז פארגעקומען אין פוילישן פאלקס־הויז, האט גערעדט דער דאמלסדיקער בירגערמייסטער פון בורשטין — דער מאיאר דילץ, ער האט זיך שטארק געבייזערט אויף די ציוניסטן, וועלכע האבן די חוצפה ארויסצושטעלן יידישע קאנדידאטן צום עסטרייכישן פארלאמענט און האט דראענדיק אויסגרופן: „רופט נישט ארויס דעם וואלף פון וואלד"! — דארויף האט אים ד״ר מאלץ געענטפערט: „מיר האבן נישט קיין מורא, שרעקט אונז נישט".

באלד נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ווי־דער געגרינדעט געווארן א ציוניסטישער פאריין אונ־טער דעם זעלבן נאמען — „חובבי ציון". דער פאריין איז געווען טעטיק אונטער דער אנפירונג פון ד״ר וואלף שמאראק ז״ל.

דאס איז געווען א צייט ווען די יידישע יוגנט אין בורשטין האט גייסטיק אויפגעבליט און צוזאמען מיט דעם זענען ענטשטאנען אלע ציוניסטישע שאטירונגען.

עס איז געגרינדעט געווארן א „פועלי ציון" גרו־פע, וועלכע האט יארנלאנג געווירקט אויפן יידישן קולטורעלן און פאליטישן לעבן פון בורשטין.

כמעט אין דער זעלבער צייט איז געגרינדעט גע־ווארן די ציוניסטיש־סאציאליסטישע פארטיי — „התאחדות", וועלכע האט שפעטער געהאט א גרויסן איינ־פלוס אויף א טייל פון דער יוגנט און איז געווען איינע פון די שטארקסטע ארגאניזאציעס אין שטעטל.

די אנפירער פון דער „התאחדות" זענען געווען זייער טעטיק און האבן געפירט א ברייטע אויפקלער־רונגס־ארבעט צווישן דער יוגנט. האבן איינגעארדנט קורסן פאר די, וועלכע האבן זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. האבן געשאפן הכשרה פונקטן, האבן געלערנט די העברעישע שפראך און אזוי ווייטער.

איך וויל דערמאנען 2 פון די אנפירער:

א. ד״ר דוד בעזען איז געווען א שטיק צייט אד־וואקאט אין בורשטין, א טייערער ליבער מענטש, ער האט א סך מיטגעווירקט אין דער „התאחדות", א קענער פון דער יידישער ליטעראטור, האט ער געהאלטן לי־

טעראַרישע רעפּעראַטן און שטענדיק געזאָרגט פאַרן קולטורעלן ניווע פון דער פּאַרטיי.


2. שלמה האַנדשוה־סעגאַל ז״ל, אַ שיינע געשטאַלט. א חוץ דעם חדר האָט ער דאַכט זיך נישט פאַרמאַגט קיין שום סיסטעמאַטישע בילדונג, דערפאַר האָט ער פאַרמאַגט אַ שטאַרקן ווילן צו וויסן און פאַרשטיין. אַליין געלערנט — אַ סך געלעזן, ער האָט געקענט אַ גוטן העברעאיש, געווען קלאָר אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור, געווען אַ גוטער רעדנער. ער האָט פאַנאַטיש געגלויבט אין ציוניסטישן סאָציאַליזם און איז געווען באַהאַוונט אין לאַ גריבלעך און קנייטשלעך פון דער תורה.

און אַנגעזעענעם פּלאַץ האָט פאַרנומען דער בית״ר, וועלכער האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע אַרבעט. אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון זיי אַ טייל חברים, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען צו די גראָסמאַניסטן — טראָצדעם איז בית״ר געבליבן איינע פון די שטאַרקסטע פּאַרטייען אין שטעטל.

אין אונזער שטעטל האָבן נישט געפעלט קיין אַנהענגער פון אַלע עקזיסטירנדיקע ציוניסטישע פּאַרטייען אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן: „מזרחי״, „הפועל המזרחי״, „נוער עובד״ א.א.וו.

אַלע, אַלע האָבן געלעבט מיט האָפענונג דערלייזט צו ווערן פונעם גלות און צו לעבן אַ מאָל אַ פריי יידיש און מענטשלעך לעבן אין אייגענעם לאַנד — — —

— עס איז אָבער געשען אַנדערש —
ווי שרעקלעך אַנדערש.



חברי „התאחדות״ אין בורשטין
צווישן אַנדערע די חברים: יעקב נאַכוואַלגער, לייב הערש קימעל, גדליה קיטנער, שלמה האַנדשוה, שלמה מאַנדעלבערג.

ישראל פענסטער

I העברעישע שולן

די, וועלכע ווערן דא דערמאנט, האָבן דורך זייער איבערגעגעבענער ארבעט פארדינט זיך א סך מער ווי די דאזיקע קארגע ווערטער, פונקט אזוי האבן עס פארדינט א סך אנדערע, וועגן וועלכע עס איז דא נישט געשריבן געווארן בלויז צוליב דעם, ווייל מיר ווייסן אזוי ווייניק פרטים וועגן זייער לעבן און טעטיקייט.

די עטלעכע, וואס ווערן דא דערמאנט, זענען א ביישפיל פון דעם יידישן נאציאנאלן באוווסטזיין און נישט־געשטילטן דורשט צו העברעישער קולטור, מיט וועלכן די דאזיקע יידן פון אונדזער שטעטל האבן געפירט זייער עקשנותדיקן קאמף פאר דער דערציונג פון יינגן דור.

איך געדענק נישט קיין גענויעס וועגן לערנען העברעיש אין בורשטין פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, עס זענען אבער זיכער געווען פרווון פון גרינדן העברעישע קורסן און ברענגען מאדערנע העברעישע לערער, א חוץ דעם האט אין דער באראן הירש־שול געלערנט רעליגיע דער לערער גראס, עב־רית בעברית.

באלד נאך דער 1־טער וועלט־מלחמה, בערך אין יאר 1919, האט אנגעהויבן לערנען העברעיש דער ד״ר גלאזער. ער האט שפעטער חתונה געהאט מיט דער זעמאן און געווארן לערער אין דער העברעישער גימנאזיע אין סטאניסלאוו.

נאך אים איז געקומען מיכאל שווארץ. אין זיין צייט איז דאס לערנען עברית שטארק פאפולער געווארן.

ער איז געווען א פעאיקער ארגאניזאטאר, א גוטער רעדנער. ער האט געגרינדעט די התאחדות, וועמענס מיטגלידער האבן כמעט אלע געלערנט עברית.

מ. שווארץ איז געווען אין בורשטין א פאר יאר. ער איז אויך געווען געזעלשאפטלעך טעטיק.

ווען מ. שווארץ האט פארלאזט בורשטין און זיך באזעצט אלס אדוואקאט אין לעמבערג איז גע־קומען דאס פריילין סאבעל, זייער א פעיקע און ענ־ערגישע. זי האט אויסער העברעישע קורסן אויך איינ־געפירט צום ערשטן מאל אין בורשטין א קינדער־גארטן.

שפעטער איז געקומען האליטשער. ער האט זיך באזעצט מיט זיין משפחה אין איינעם פון די צימערן אין דער באראן הירש־שול. האליטשער איז געווען א רעליגיעזער מענטש מיט א סך בילדונג און אינטע־ליגענץ, מיר, א גרופע שוין דערוואקסענע מענטשן, האבן ביי אים געלערנט תנ״ך. פון דעם אלעם האט ער קיין פרנסה נישט געהאט, ווי דער שטייגער, ווען עס איז נישטא קיין פרנסה, קריגט מען זיך מיטן ווייב, פלעגט ער זאגן: איך רעד מיט מיין ווייב און קינדער נאר עברית, אבער ווען איך קריג זיך מיט איר „גיי איך איבער אויף יידיש“ עס האט אן אנדערן טעם.

II די ביבליאטעק א. נ. פון י״ל פרץ

בישטא מער די ברוויזנדיקע ייִנגען, די מורדי במלכות, וואס האבן געוואַגט צו ברענגען אין דעם פרומען שטעטל דאס ערשטע שענקל מיט ביכער און א נאמען געבן עס ביבליאטעק. פון די ביכער זענען אפילו קיין שמות נישט געבליבן. דעמאלט, ווען דער טויט איז מיט אלע גרוילן אויף אלע וועגן אלעמען אקעגנגעלאפן, האבן די שמות פון די ביבליאטעק־ביכער געפלאטערט אין ווינט, ווי נאקעטע שאטנס פון א ווייטער וועלט, געווארן פארשוועכט און געטרעטן אונטערן שטיוול פון שונא.

ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער חדר און בית־המדרש געווען כמעט דער איינציקער מקור פון וואנען יידישע קינדער און יוגנט האבן געצויגן זייער גייסטיקע יניקה אין שטעטל. ביז צו דער צייט האט אויך עקזיסטירט די 4־קלאסיקע באראן־הירש־שול פאר ייִנגלעך. יחידים האבן געלייענט א יידיש בוך, און זייער א קליינע צאל, פון די וואס זיינען אנגעגאנגען אלס די „אינטעליגענטן״ האבן געלייענט דייטש.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די צייטן ווען פעטלורישע און פוילישע באנדעס האבן געמאכט פאגראמען אויף יידן אין אונדזער געגנט, פון וועלכע בורשטין האט אויך שטארק געליטן. די יידישע יוגנט איז געווען זייער פארביטערט. א סך פון זיי האבן דעמאלט אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע און דייטשלאנד, אבער נישט אלע האבן געהאט די מעגלעכקייטן און נישט אלע האבן געקענט עמיגרירן.

נאך די פאגראמען, ווען עס האט זיך פארפעסטיקט די פוילישע מאכט אין מזרח־גאליציע מיט א מער ווייניקער ליבעראלן קורס פאר יידן, האט זיך אויך אנגעהויבן געשטאלטיקן דאס געזעלשאפטלעכע און פאליטישע לעבן פון די יידן. אין אונדזער שטעטל בורשטין האבן זיך דעמלט געשאפן די פארטייען „פועלי־ציון״ און „התאחדות״. די גרינדער פון פועלי־ציון זיינען געווען פישל שניידער און יוסף שווארץ; פון התאחדות — מיכאל שווארץ (דער העברעאישער לערער).

די פועלי־ציון האבן פארגעשטעלט מיט זיך דעם פראלעטאריאט פונעם שטעטל. אין התאחדות האבן זיך גרופירט די באלעבאטישע עלעמענטן.

עס האבן זיך געשאפן קרייזלעך פאר שפילן טעאטער. דער ערשטער רעזשיסער איז געווען אייזיק ברייטער. ער איז געווען א שילדן־מאלער. די ערשטע „אקטיארן״ זענען געווען בעלי־מלאכות. פאר די אריינגעפלאסענע געלטער האט מען געקויפט יידישע ביכער.

די ערשטע יידישע ביכער האט געקויפט און געבראכט אין שטעטל יוסף שווארץ. אין אן אלט קליין שענקל האט מען זיי אויסגעשטעלט אין הויז פון נחמן געלער. דארט האט זיך געפונען דער פאריין פועלי־ציון אונטער דעם פארשטעלטן נאמען אויף יידיש; „פראפעסיאנעלער פאריין פון נישט־פראפעסיאנעלע ארבעטער אין בורשטין״. דעם מאדנעם נאמען האט מען אויסגעפונען, ווייל די פועלי־ציון איז געווען

פאַרבאָטן פון דער פּוילישער מאַכט אין יענע צייטן.

די יוגנט האָט מיט זעלטענעם און אויסערגעוויינלעכן נייגער און ברען געלייענט. מען האָט געלייענט יידישע ליטעראַטור און איבערזעצונגען. מען האָט „געשלונגען" די ביכער : בעלעטריסטישע, פּאָליטישע און וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור. בערך אין יאָר 1923 האָט זיך געשאַפן אונטער דער לייטונג פון מינע טאַביאַס א דראַמאַטישער קרייז, וועלכער איז געשטאַנען אויף אן ערנסטן ניוואָ. עס זיינען געשפּילט געוואָרן פּיעסן פון ליטעראַרישן באַטייט „טוביה דער מילכיקער" פון



אנפירער פון י. ל. פּרץ־פאַריין און א גרופּע יוגנטלעכע אַקטיוויסטן אין בורשטין

שלום־עליכם, „דער דאָרפס־יונג" און דער „איבעריקער מענטש" פון פּרץ הירשביין, „דער ווילנער בעל־הבית׳ל" פון מאַרק אַרנשטיין א. א. וו.

אַדאַנק דער אינטעליגענץ און גוטן געשמאַק פון אונדזער לערער און פריינט מינע טאַביאַס, איז יעדע פאָרשטעלונג געוואָרן א קולטור־געשעעניש אין שטעטל און פאַר די אָנטיילנעמער אן ערנסטע שול און א גייסטיק פאַרגעניגן. פאַר די געלטער, וואָס זיינען אַריינגעפלאָסן פון די אויפפירונגען, האָט מען געקויפט ביכער, יידישע ביכער. זייער צאָל איז געוואַקסן פון חודש צו חודש. מען האָט איבערגעטראָגן די ביכער אין בנין פון דער באַראָן־הירש־שול. אויך דער פאַריין התאחדות, וועלכער האָט פאַרמאָגט א געוויסע צאָל ביכער, האָט זיי געשטעלט צו דיספּאָזיציע.

עס איז רעאַליזירט געוואָרן דער געדאַנק פון שאַפן אן איבערפּאַרטייאישע אינסטיטוציע, ווו עס זאָל זיך גרופּירן די גאַנצע יידישע יוגנט, אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. עס איז געגרינדעט געוואָרן די „ביבליאָטעק אויפן נאָמען י. ל. פּרץ" אין בורשטין. די גרינדער זיינען געווען : פון די לינקע גרופּן : פישל שניידער, יצחק לאַנדנער, יהושע יאַמפּעל, דער שרייבער פון די שורות און אַנדערע. פון דער התאחדות : שלמה האַנדשוה, שלמה מאַנדלבערג, יעקב נאַכוואַלגער און אַנדערע. פון ביתר : מוניע כהן ; וועלוול אַסטראָווער א.א. פון אַלגעמיינע ציוניסטן : מינע טאַביאַס, אליה פישמאַן א. א.

ביי דער ביבליאָטעק איז געשאַפן געוואָרן א לייען־זאַל. עס איז געפירט געוואָרן אן אינטענסיווע קולטור־אַרבעט. מען האָט אָרגאַניזירט רעפעראַטן און פאָרלעזונגען. מען האָט געלערנט אָפּגעשטאַנענע יוגנטלעכע שרייבן און לייענען יידיש. עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן ליטעראַרישע אָוונטן. די באַרימטע „קעסטל־אָוונטן", וועלכע זענען אָפט פאָרגעקומען, פלעגן צוציען הונדערטער אָנטיילנעמער. מען האָט זיי גערופן „קעסטל־אָוונט" דערפאַר, ווייל פון דעם פאַרזאַמלטן עולם פלעגט מען שטעלן געשריבענע פראַגן. די צעטלעך פלעגט מען אַריינלייגן אין א קעסטעלע. איינער פון דעם ועד האָט דורכגעלייענט יעדעס צעטל. זיי האָבן אַמיינסטן אַנטהאַלטן אינטערעסאַנטע פראַגן וועגן ליטעראַטור, וויסנשאַפט, פּאָליטיק. אויף יעדער פראַגע האָט געקענט ענטפערן איינער פון די פאַרזאַמלטע. עס האָבן זיך אָפט אַנטוויקלט אינטערעסאַנטע

דיסקוסיעס, וועלכע זיינען געווען באלערנדיק און דערציעריש פאר דער יוגנט.

די צאל מיטגלידער פון דער ביבליאטעק איז פערמאנענט געוואקסן. מיט זיי אויך די צאל פון די ביכער. מען האט געמאכט נייע גרויסע שאפעס מיט א באריערע ארום. נייע טישן. שיין געמאלן די ווענט. די פרץ־ביבליאטעק איז געווארן א ציכטיק קולטור־ווינקל. די פראפעסיאנעלע אינטעליגענץ אין שטעטל, וועלכע איז אין איר גרעסטן טייל געווען ווייט פון יידיש און יידישער ליטעראטור, האט אנגעהויבן קוקן מיט דרך־ארץ אויף דער ארבעט פון דער פרץ־ביבליאטעק. זיי זיינען געווארן מיטגלידער און אנגעהויבן העלפן ביי פארשיידענע פאראנשטאלטונגען, וואס די ביבליאטעק פלעגט איינארדנען. אין משך פון א לאנגער צייט איז געווען טעטיק אלס פארזיצער פון דער פרץ־ביבליאטעק דעם אפטייקער גרינהויט.

צום דערנענטערן די אינטעליגענץ האט אויך מיטגעווירקט דער שטארקער אנטיסעמיטישער קורס אין פוילן, וועלכער האט אפגעשטויסן יעדע דערנענטערונג פון יידן אין אלגעמיינעם געזעלשאפטלעכן לעבן. די יונגע יידישע אינטעליגענץ, וועלכער עס איז שווין געלונגען נאך מאטערנישן און רדיפות צו ענדיקן א פוילישע הויכשול, האט צוליב דער יידן־שנאה נישט



פרעזידיום פון י"ל פרץ־פאריין מיטן דיכטער יואל מאסטבוים, אלס גאסט

באקומען קיין שום ארבעט. אין די לעצטע יארן פון פאר דער 2־טער וועלט־מלחמה, זיינען כמעט אלע פון אט דער יונגער אינטעליגענץ געבליבן זיצן ביי זייערע טאטע־מאמע אין שטעטל. זיי אלע האבן זיך גרופירט ארום דער פרץ־ביבליאטעק.

עס האבן א סך מיטגעווירקט, געהאלטן רעפעראטן, מיטגעהאלפן ארגאניזירן ליטערארישע אוונטן, פארשטעלונגען: די ברידער הערץ און סיולע ווײנערט, לאבציע לאנדנער, הערש ברייטער, גאלדווערט און אנדרע. אלץ פארשטייט זיך אין דער יידישער שפראך. עס האבן גענומען אנטייל אין יידישע פארשטעלונגען מענטשן, וועלכע האבן אין זייער שטוב קיינמאל קיין יידיש ווארט נישט גערעדט. העלא לאנדוי אין „פאליש אויף דער קייט" פון י. ל. פרץ, גאלדווערט אין די רעציטאציעס פון פרץ, וואס זיינען געגעבן געווארן אין א רייכן פראגראם אויף א ספעציעלן אוונט, געווידמעט דעם גרויסן יידישן שרייבער, און וועלכן דער שרייבער פון די שורות האט רעזשיסירט.

די אנפירער פון דער ביבליאטעק האבן זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט בעסערן יידישן טעאטער. מען האט געבראכט קיין בורשטין דאס ווארשעווער יידישע קונסט־טעאטער, מיט דער קינסטלערין אידא

קאמינסקי בראש. עס איז געקומען אויף אן איינ־לאדונג יאנאס טורקאוו און דיאנא בלומענפעלד, ווי אויך דאס קליינקונסט־טעאטער „אררט".

דער פרץ־פאריין איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט דעם באקאנטן דראמאטישן קלוב „גאלדפאדן" אין סטאניסלאוו, וועלכער האט אויפגעפירט אין בורשטין זיינע בעסטע שאפונגען: „ביינאכט אויפן אלטן מארק" פון פרץ, רעזשיסירט דורך דעם בארימטן דוד הער־מאן פון דער ווילנער טרופע, דעם „גולם" פון לייוויק, „200 טויזנט" פון שלום־עליכם א. א. וו.

דער פרץ־פאריין האט געהאט א שם אין דער גאנצער סביבה. די צאל ביכער איז דערגאנגען אין די טויזנטער, אלץ פון בעסטן און אידלסטן. די ביב־



דאלעק וואהל

דאלעק וואהל איז געקומען פון סטאַניסלאַוו. א צייט לאנג האט ער געארבעט אין בורשטין אלס דענטיסט. ער איז געווען אן אקטיווער ציוניסט. מיטגעארבעט אין פרץ־פאריין. ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פידל שפילן און פלעגט אנטייל נעמען אין א סך אימפרעזעס.

ליאטעק איז געווען אפגעהיט פון יעדן שונד און פוסטע ראמאנען־שרייבעכצער. אין איר האבן זיך דערצויגן א סך בורשטינער יונגע מענטשן, זיך גע־לערנט פארשטיין בעסערע און ערנסטע ליטעראטור.

די ביבליאטעק אויפן נאמען י. ל. פרץ אין בור־שטין האט אונדז געלערנט גלויבן אין דער וועלט און מענטש, אין יושר, גערעכטיקייט און אמת. אין די לעצטע יארן פון פאר דער 2־טער וועלט־מלחמה, ווען א סך פון די גרינדער און פירער פון דער ביב־ליאטעק זיינען אוועק פון בורשטין, ווער ווייט איבער ימען, ווער אין אנדערע מקומות אין פוילן, האבן די, וועלכע זיינען פארבליבן אין בורשטין — כאטש זיי זענען געווארן עלטער און פארנומען מיט דאגות פרנסה — די פרץ־ביבליאטעק נישט פארנאכלעסיקט. פאר דער פרץ־ביבליאטעק האט מען שטענדיק געפונען צייט.

דעם 18־טן סעפטעמבער 1939 האט אריינמאר־שירט די רויטע ארמיי קיין בורשטין. שפעטער א 2—3 וואכן האט מיך גערופן צו זיך דער קולטור־קאמיסאר, א יונגער אוקראינער, וועלכער איז אויך געווען דער פירער פון קאמסאמאל (יוגנט־ארגאני־זאציע) אין בורשטין. דער יונגער שגץ האט געהייסן קריוואנאס און האט געשטאמט פון בערדיטשעוו. ער האט געוואלט זען די קאטאלאגן פון דער ביבליאטעק און אויך דעם קאסע־צושטאנד. ער איז געווען צופ־רידן פונעם ביכער־מאטעריאל. זיי זענען געווען כשר. נאר איך זאל אים געבן די שליסלען פון דער ביבליא־טעק האט ער פארלאנגט. דאס איז געווען דער סוף פון דער טעטיקייט פונעם פרץ־פאריין אין בורשטין. שפעטער האט מיר דער זעלבער בחור געזאגט, אז מען טראגט איבער די ביכער „דערוויל" אין דער אוקראינישער „פראשוויטא", מען וועט שאפן א גרויסע ביבליאטעק אין דריי שפראכן: אוקראיניש, פויליש און יידיש. ער האט די ביכער ארויפגעווארפן אויפן בוידעם פון דער „פראשוויטא" אבער מער האט מען זיי פון דארט נישט אראפגענומען. זיי זיינען דארט געווארן צעפרעסן און צעפוילט.

די פוילישע מאכט האט שטארק גערודפט די פרץ־ביבליאטעק אין דער לעצטער צייט פון איר עקזיסטענץ. אין די יארן 1937־38 איז די ביבליאטעק צוויי מאל פארמאכט געווארן דורך דער פוילישער פאליציי אונטערן פארדאכט פון קאמוניסטישער טעטי־קייט. דאס לעצטע מאל איז זי געווען געשלאסן דריי חדשים. נאך פיל מאל אונטערוועגירן, איז די ביבליא־טעק געעפנט געווארן — אבער דער ד״ר אברהם

צירינג און איך האבן געמוזט אונטערשרייבן א פראָ־
טאקאָל, אין וועלכן מיר האבן באשטעטיקט, אז עס
געפינען זיך נישט קיין קאמוניסטישע ביכער אין
דער ביבליאטעק.

דעם 24־טן יוני 1940 האט מיך די נ.ק.וו.ד. א־
רעסטירט. איך בין א טראצקיסט און א ציוניסט! —
האבן זיי מיר געזאגט. זיי האבן א „דאקומענט" אז
איך בין געשטאנען אין דינסט פון דער פוילישער
מאכט. זיי האבן מיר דעם „דאקומענט" נישט
געוויזן, האבן, גלויב איך, געמיינט די דערמאנטע
דעקלאראציע, וואס איך מיט ד"ר צירינג האבן אונ־
טערגעשריבן. זיי האבן מיך א סך געפרעגט וועגן

פארמאגט א זעלטענע ליבע צו דער יידישער קלאסי־
שער ליטעראטור. צו מענדעלען, שלום־עליכם און פרצן.
ער פלעגט פאר אונדז מיט גרויס התלהבות לייענען
זייערע שאפונגען, ווי אויך ח. נ. ביאליק אין יידיש.
ער איז געווען א פרעכטיקער פארלייענער און מיט
זיין טיפער פארשטענדעניש פלעגט ער אינטערעסאנט
אינטערפרעטירן. אליין א ציוניסט מיט גאר רעכטע אנ־
שויאונגען, אבער אלס פאלקס־מענטש איז אים נאענט
געווען די יידישע שפראך און ליטעראטור און זיינע
תלמידים זיינען דווקא געווען כמעט אלע פון לינקע
גרופירונגען.

מינע טאביאס האט געזען אינעם אנטשטיין פון



א גרופע בורשטינער מיידלעך אויף געזעגענונגס־אוונט פאר זייער
חברטע זעלדע פאמעראנץ צו איר אפפארן קיין ארגענטינע

ד"ר צירינג. ער איז באלד אוועק פון בורשטין ווען
די רוסן זענען אריין. (ער האט זיי גוט געקענט, זייענ־
דיק א סך יארן אונטער דעם סאוויעטישן רעזשים).
מיך האט מען פארשיקט אדמיניסטראטיוו
(אן א משפט) אויף 8 יאר „אויסבעסערונג־לאגער" אין
סיביר פאר דעם גרויסן חטא.

זאלן דא דערמאנט ווערן די חברים, וועלכע האבן,
לאנגע יארן מיטגעארבעט אקטיוו אין פרץ־פאריין און
זיינען אומגעקומען אויף קדוש־השם און קדוש־העם.

מינע טאביאס

אונדזער רבי און מדריך, ער האט אונדז א גרופע
יוגנטלעכע געלערנט פארשטיין א יידיש בוך. ער האט

דער פרץ־ביבליאטעק א וויכטיקן קולטורעלן און נאַ־
ציאנאלן פאקטאר פאר דער יידישער יוגנט אין יענע
צייטן אין בורשטין. ער פלעגט זיך פרייען מיט יעדן
נייעם בוך וואס מען האט געקויפט. אין די ערשטע יארן
איז ער געווען דאס הארץ און דער מוח פונם פרץ־
פאריין.

איטשע לאנדנער

איז געווען צווישן די ערשטע גרינדער פון דער
ביבליאטעק. דער איבערגעגעבנסטער און פלייסיקסטער
מיטארבעטער. ער איז יארנלאנג געווען דער ביבליא־
טעקאר. ער האט איינגעפירט די ערשטע מאדערנע קא־
טאלאגן און אריינגעבראכט ארדנונג און ריינקייט אין

פרץ־פאריין. ער האט מיטגעשפילט אין דראמאטישן קרייז. איז געווען א געפילפולער און געטרייער חבר.

ד״ר אברהם ציר׳ינג

האט באלד נאכן באזעצן זיך אין בורשטין זיך פארבונדן מיטן פרץ־פאריין און א לאנגע צייט גע־שטאנען אין איר שפיץ. א שטאלצער נאציאנאלער ייד און א תלמיד־חכם, פלעגט ער אפט האלטן רעפעראטן, אנגעפירט מיט די קעסטל־אוונטן. אנטיילגענומען אין ליטעראַרישע אונטערנעמונגען. ער איז זייער באליבט געווען ביי דער יוגנט פאר זיין פאלקסטימלעכקייט און צוגעלאזנקייט צו מענטשן.

הערש קויפמאן

ביז צו איר פארניכטונג איז ער געווען דער ביב־ליאטעקאר, איר לעצטער ביבליאטעקאר. ער האט א סך צייט געווידמעט דער ביבליאטעק. ערלעך און אי־בערגעבן געארבעט פאר איר אנטוויקלונג.

קאפל בערנשטיין

אין די לעצטע יארן פארן חורבן האט ער אקטיוו מיטגעארבעט אין דער ביבליאטעק, בעיקר אין די יער־לעכע באריכטן. אלס פעאיקער צייכנער פלעגט ער מאכן טאבעלעס און דיאגראמעס, וואס האבן געגעבן א באגריף פון דער טעטיקייט און וווּקס פון דער ביב־ליאטעק.


חסידות און רבנים

הרב ר׳ זיידעלע אייכנשטיין
ניו־יארק

חסידות אין בורשטין

באורשטין איז געווען א מין חסידישע הויפט־שטאט, פונוואנען עס האט געשטראלט מיט ליכט אויף די ארומיקע שטעטלעך. „דעם רבינס הויף" איז נישט געווען בלויז א פיזישער באגריף, נאר איז אויך געווען אַן אייגענער דרך אין עבודת הבורא. א ייד דארף דינען דעם אייבערשטן מתוך אהבה. מער רחבות הייסט אויך מער ליכט. מיט גוטס טון ווארצלט מען אויס דאס שלעכטס. וואס מער גוטס טון אלץ מער וועט דער מענטש אנגעלאדן ווערן מיט דער פולער פרייד, מיט דער עקזאלטאציע פאר דער שיינקייט פון לעבן.

דעם בורשטינער רבינס הויף



הרב ר׳ ז. אייכנשטיין
אייניקל פון בורשטינער רבין ר׳ נחומטשע זצ״ל

אין יאר תר״ל (1870) האט אין בורשטין זיך באזעצט דער רבי ר׳ נחומטשע זצ״ל, וואס איז געקומען פון סטרעטין. אין בורשטין איז רבי נחומטשע געווען א בארימטער גוטער ייד און געהאט חסידים אין די טויזנטער, וועלכע פלעגן קומען צו אים פון אלע ארומיקע שטעט און שטעטלעך ביז סטאניסלאוו. כדי צו דערמאנען די יידישע קהילות לזכר עולם רעכן איך דא אויס די נעמען פון די דאזיקע שטעט, ווו ר׳ נחומטשע האט געהאט זיינע חסידים: ראהאטין, בוקאשעוויץ, באלשוועץ, העליטש, אזיפאליע, מאראמפאלע, אושציעזשיעלאנע, טיסמיניץ, ניזנאוו, נאדווערנע, טישמיטשאן, ליסיץ, כאדאראוו, קאלאמי, סטאניסלאוו און פאדהייץ. עס זענען געווען נאך פיל אנדערע, וועלכע זענען אבער מיר ארויס פון זכרון. הונדערטער חסידים האבן אויך געוווינט אין די שטעטלעך, וואס האבן אמאל געהערט צו אונגארן.

דעם רבינס הויף איז געווען דער צענטער פון אונדזער שטעטל. אלע שמחות, וועלכע פלעגן דארט פארקומען, זענען אויך געווען די שמחה פונעם גאנצן שטעטל. די הונדערטער חסידים, וועלכע פלעגן זיך צונויפפארן דא אין די ימים־טובים, האבן געשאפן אין שטעטל א געהויבענע שטימונג. זיי פלעגן אויך איינברענגען א שיינעם פדיון אין די געוועלבלעך און זענען דעריבער געווען אנגעלייגטע און באליבטע געסט.

בכלל איז דעם רבינס הויף געווען דער כבוד פון אונזער שטאט בורשטין. אזוי איז דער רבי זצ״ל, געזעסן אין בורשטין 44 יאהר. ביז תרע״ד 1914, ווען דער הויף איז פארברענט געווארען אין דער גרויסער שריפה, אין וועלכער דריי פערטל שטאט איז פארברענט געווארען, איז דער רבי געווען געצוווּנגען זיך צו באזעצן אין סטאניסלאוו. ווייל עס איז נישט געווען קיין גרויס הויז אין שטאט, אז דער רבי מיט זיין גרויסער משפחה זאלן קענען זיך צוריק באזעצן

אין בורשטין. ווען נישט די ערשטע וועלט־מלחמה, וואס האט באלד אויסגעבראכן אין זעלבן יאר, וואלט דער רבי זצ״ל זיכער געווען אויפגעשטעלט זיין הויף אין בורשטין.

דער רבי איז געווען א גרויסער צדיק און א גרויסער בעל מקובל. ער האט איבערגעלאזט נאך זיך 4 חבורים. 1) אמרי טוב; 2) אמרי חיים; 3) אמרי



ספר

אמרי חיים

על תרי״ג מצות התורה וז׳ מצות דרבנן

לעמבערג

אורי זאב סאלאט

תרנג

Imrei Chaim

Verlag des N. Brandwein

Druck von U. W. Salat

Lemberg 1893

ברכה; 4) אמרי רצון — אלע על פי דרך הקבלה.

דער רבי האט געהאט 1 זון און 4 טעכטער. דער זון רבי אליעזר׳ל איז געבליבען ממלא־מקומו נאך זיין פאטער אין סטאניסלאוו. די איידעמס זענען געווען דער רבי ר׳ אייזיקל זצ״ל פון פודהייץ דער אישציער רב ר׳ אפרים הורוויץ. דער בילקער רבי ר׳ לייביש. דער שאצער רבי ר׳ משה לייב. דאס בורשטינער חסידות האט זיך צעטיילט אין צווייען צווישן רבין ר׳ אליעזר׳ל, און צווישן פאדהייצער רבין ר׳ אייזיקל זצ״ל. אזוי איז עס אנגעגאנגען ביז דעם צווייטן וועלט קריג. אבער אונזער שטאט בורשטין איז געבענטשט געווארן מיט א רבין ר׳ משה׳ל זצ״ל א זון פון רבי ר׳ אליעזר׳ל אן אייניקל פון רבי ר׳ נחומטשע זצ״ל. ער האט צוריק אויפגעשטעלט זיין גרויסן יידענס הויף. און ער האט צוגעצויגן טויזנטער חסידים פון כמעט גאנץ אסט גאליציע, וועלכע זענען געקומען טאג־טעגלעך פון נאנט און וויט. ווייל ער איז געווארן א גרויסער חכם און יעדער איז געווען צופרידן פון זיינע עצות, וועלכע זענען פיל מאל באטראכט געווארן ווי מופתים. דער רבי ר׳ משה׳ל זצ״ל פון בורשטין איז געווען א גרויסער מפורסם אין גאנץ פוילן. ער האט געפירט זיין הויף אין בורשטין לערך 15 יאר. אין דער אויסראטונג פון

גאליציאנער יידן איז ער מיט זיינע 3 זין און רביצן אומגעקומען הי״ד, זכרונם ברוך.

דער רבי ר׳ משה׳ל זצ״ל איז געווען באליבט אין דער גאנצער שטאט. עס איז געווען א הויז ווי יעדער האט געפונען טרייסט נאך זיין פארלאנג. א דאנק די בורשטינער רביים איז אונזער שטאט בורשטין געווען באקאנט אין דער וועלט און דאס זאל בלייבן לזכרון עולם צווישן אלע בורשטינער מענשן אין אלע צייטן ווו זיי זאלן זיך נישט געפינען.


ליידער איז פון דער גרויסער הייליקער משפחה געבליבן א קליינער זכר. על פי נס, איז דעם פאַ־דהייצער רבינס ר׳ אייזיקלס זוהן הרב הצדיק ר׳ זיידאלע שליט״א ניצל געווארען קיין אמעריקע. ער הייסט בורשטינער רבי אין ניו יארק. ער איז געבוירן אין בורשטין. און איז דערצויגן געווארן אין גייסט פון זיין גרויסן הייליקן פאטער רבי ר׳ אייזיקל זצ״ל. ער זעצט פאר ווייטער די הייליקע קייט פון די בורשטינער רביים און פון זיין גרויסן פאטער. דער בורשטינער רבי אין ניו יארק האט א גרויסע אנהענ־גערשאפט. ער איז בארימט פאר א גרויסן עסקן, חכם ונבון ובכלל א איש חסידות.

בורשטינער און פאדהייצער לאנדסלייט אין ניו־יארק זענען זיינע שטארקע שטיצערס.

די יארצייט פון ערשטן בורשטינער רבין ר׳ נחום׳טשע זצ״ל איז ט״ו אלול — נפטר תרע״ה; די יאהרצייט פון פאדהייצער רבין, ר׳ אייזיקל זצ״ל איז י״ג אדר א׳ — נפטר אין פאדהיצע תש״ג.

די סביבה ארום דעם רבינס שטוב

נאך פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז בורשטין שוין געווען א יידיש שטעטל. ס׳רוב האבן



ר׳ לייזערל, דער סטאניסלאווער רבי, זון פונעם בורשטינער רבין רב נחומטשע

די יידן זיך פארנומען מיט האנדל. עס זענען געווען גרעסערע און קלענערע סוחרים פון מאנופאקטור, לעדער, תבואה, אייער, בהמות, פערד א. א. עס זענען אויך געווען בעלי־מלאכות פון פארשידנערליי פאכן: שניידערס, סטאליארעס, בלעכערס, שוסטערס, קיר־זשנער. קיין גרויסע גבירים זענען אין שטעטל נישט געווען. פון די ניינציק פראצענט סוחרים האבן נישט אלע געהאט פרנסה בריוות. צו דעם צענדליק מער פארמעגלעכע משפחות האבן געהערט די האמערס, ברייטערס, געלערנטערס, הארניקס, שומערס. די קהּ־לשע אינסטיטוציעס זענען נישט געווען קיין גרויסע. די איינציקע ערנסטע קולטור־אינסטיטוציע איז געווען די שול א. נ. פון באראן הירש, ווו די ארעמע קינדער האבן יעדן טאג באקומען א צוויית פרישטיק און צוויי מאל אין יאר מלבושים. די שול א. נ. פון באראן הירש איז טאקע אויסגעהאלטן געווארן פון דער באראנס פאָנדן, מיט א געוויסער סובווענץ פון דער עסטרייכישער רעגירונג. די למודים זענען געווען די זעלבע ווי אין אלע פאלקס־שולן, נאר מיט א צוגאב פון יידישער רעליגיע. די לערער אין שול זענען געווען יידישע. זייערע נעמען: פאגעל, ראטע־נשטרייך, גראס און אויך א פרוי, א לערערין.

אין שטעטל זענען געווען דריי, אדער פיר יידישע אדוואקאטן, איין, אמאל צוויי יידישע דאקטוי־

רים, אן אפטייקער און אייניקע באאמטע אויף רע־גירונגס־פאסטנס.

עס איז געווען א קליינע ציוניסטישע גרופע, צו וועלכער עס האט אויך געהערט ד״ר דוד מאלץ, אן אדוואקאט, וואס האט אמאל קאנדידירט אויף א ליסטע צום עסטרייכישן פארלאמענט אין וויען.

חוץ דער שול און קליינעם שילעכל איז אויך געווען א בית־המדרש, א טשארטקעווער קלויז, א סטרעטינער, העליטשער און א חברה תהלים. עס זענען אויך געווען באזונדערע מנינים,ביים שטאטישן רב, ביי נייבערגערן, ווו מען האט געדאוונט בלויז אין די שבתים און ימים־טובים. א בית התפילה איז אויך געווען ביים רבין אין שטעטל.

בכלל איז עס געווען א חסידיש שטעטל. 95 פראצענט פון דער באפעלקערונג האט זיך געפירט חסידיש, געדאוונט און אנגעטון זיך חסידיש סיי שבת,



הרב ר׳ יצחק אייזיק מנחם אייכענשטיין זצ״ל
האדמו״ר מפודהייץ

נולד בעיר זידיטשוב (גאליציא־פולין) בשנת תרל״ט לאביו האדמו״ר הרה״ק ר׳ שלמה יעקב זצ״ל, בן אדמו״ר הגה״ק רשכבה״ג ר׳ יצחק אייזיק מזידיטשוב זצ״ל. נתחנך אצל זקנו אבי אמו האדמו״ר הגה״ק ר׳ אברהם הורוויץ זצ״ל אבד״ק שענדישוב. התחתן בשנת תרנ״ר עם הרבנית הצדקניה מרת מרים ע״ה (נפטרה י״ג טבת שנת תרצ״ד) בת האדמו״ר הרב הצה״ק ר׳ נחום מבורשטין זצ״ל (מאדמורי״ם המפורסמים בדורו) מחבר סה״ק „אמרי טוב״ עה״ת, „אמרי חיים״ על תרי״ג מצות, „אמרי ברכה״ על מס׳ ברכות ושבת, „אמרי רצון״ על טעמי התורה. כהן באדמו״רות בעיר בורשטין משנת תרכ״ה עד תרע״ה, ומנ״כ בעיר סטאניסלוב, נפטר ט״ו אדר תרע״ה), בן האדמו״ר הצה״ק ר׳ אליעזר מסטרעטין בן האדמו״ר הצה״ק המפורסם ר׳ יהודא צבי מסטרעטין זצ״ל. אשת הרה״ק ר׳ נחום מבורשטין זצ״ל, הרבנית הצדקת המפורסמת בלימא ע״ה היתה בת האדמו״ר הרה״ק ר׳ צבי האגער אבד״ק פיטשיניזשן, בן האדמו״ר הצה״ק ר׳ דוד מזאבליטוב (חתן הגה״ק רבי ר׳ משה ליב מסאסוב), בן הגה״ק המפורסם ר׳ מנחם מענדל מקאסוב זצ״ל.

האדמו״ר מפודהייץ זצ״ל שמש באדמו״רות משנת תרס״ט עד תש״ג בעיר פודהייץ, הי׳ צדיק חסיד וקדוש, מפורסם בכל מדינת גאליציא וכמה מאות חסידים הלכו לאורו. נפטר י״ג אדר א׳ שנת תש״ג בעיר פודהייץ.

סיי אינדערוואכנס.

דעם רבינס הויז האט פארנומען אן אנפירנדיקע ראל. אין די שבתים און ימים־טובים איז ביים רבין געווען פול געפאקט. ווער שמועסט אויב אין הויף איז פארגעקומען עפעס א שמחה, איז זי גלייכצייטיק געווען די שמחה פונעם גאנצן שטעטל. חוץ דעם וואס ער איז געווען א מאראלישע אויטאריטעט, האט ער אויך ארייגעברענגט פרנסה אין שטעטל צוליב זיינע הונדערטער חסידים, וועלכע זענען געקומען אהער פון די ארומיקע שטעטלעך.

דער רבי הצדיק הקדוש ר׳ נחומטשע ז״ל איז געווען פון די עלטסטע רביים אין זיין צייט. ער האט איבער־גענומען די פירונג פון זיין זיידן דעם ערשטן סטרעטינער רבין ר׳ יודא הערש ז״ל; פון זיין פאטער ר׳ לייזעריל זצ״ל פון סטרעטין, וועלכער איז געווען א זון פון רבי ר׳ יהודה הערש. דער בורשטינער רבי ר׳ נחומטשע איז געווארן רבי זייער יונג, ביי אכצן יאר. אין יאר תרכ״ה האט ער ממלא מקום געווען נאך זיין פאטער אין סטרעטין. נאך עטלעכע יאר, וווינענדיק אין סטרעטין, האט ער אויפגעבויט זיין רעזידענץ אין בורשטין. ער איז געווען רבי פולע פופציק יאר. חוץ דעם וואס ער איז געווען א גרויסער למדן און בעל מקובל, און ער האט אפילו ארויס־געגעבן פיר ספרים אין קבלה, איז ער אויך געווען פאררעכנט פאר א גרויסער חכם.

ער האט געפירט די רביסטווע מיט א ברייטן פארנעם, איז געווען איינער פון די בעסטע מתפללים, נאטירלעך, אויף סטרעטינער נוסח. אין זיין בית־המדרש זענען תמיד געווען יושבים, וועלכע זענען דורך אים אויסגעהאלטן געווארן. זיין הויז איז געווען אפן פאר יעדן ייד. מיט עסן טרינקען און שלאפן. ביי אים איז תמיד געווען א באוועגונג פון חסידים, וועלכע פלעגן קומען פון נאענט און ווייט נאך ישועות און עצות. ער האט ליב געהאט יידן און געהאלפן יעדן מיט וואס ער האט געקענט. אלע קינדער זענען ביי אים לאנגע יארן געווען אויף קעסט. אויך די פארהייראטע אייניקלעך זענען געווען ביי אים אויף קעסט. די חסידים זיינע זענען געווען איבערגעגעבענע בלב ונפש. זיין השפעה אויף זיי איז געווען זייער א ג־רויסע. און די דאזיקע השפעה האט זיך געלאזט פילן אין אלע שטעט און שטעטלעך ווו זיינע חסידים האבן זיך געפונען. צו זייערע שענסטע מדות האט געהערט פרייד, פריידיקע נגונים און טענץ. זיינע חסידים זענען געקומען פון די פארשידנסטע שיכטן: רבנים, שוחטים, מלמדים, גבירים, סוחרים און בעלי מלאכות.

בורשטינער קלויזן זענען געווען אין פארשידענע שטעטלעך.

יעדן זומער פלעגט דער רבי מיטן גאנצן הויז־געזינד ארויספארן אין די בערג, מיטנעמענדיק טייל פון די גבאים און זיין שוחט. אין די בערג פלעגט ער פארברענגען פון נאך שבועות ביז האלב אלול. אפילו דארט, אין דעם דארף דארא, נעבן דילעטין פלעגן קומען אויף יעדן שבת חסידים פון נאענט און ווייט.

אזוי האט זיך געפירט דעם רבינס הויז ביז עס איז פארגעקומען א גרויסע שריפה אין שטעטל. דאס איז געווען אין חודש תמוז אין יאר 1914. דריי־פערטל פון שטעטל איז אוועק מיטן רויך. און אויך דעם רבינס הויז. דער רבי איז דעמלט נישט געווען אין שטעטל, נאר אין דארף, ווי אלע יאר. אזוי איז חרוב געווארען דאס מלכות בורשטין, וואס האט עקזיסטירט פולע פופציק יאר.


ספר

אמרי ברכה


לעמבערג

תרנ"ח

רבנים און שוחטים

זיי זענען געווען פיל מער, די דאזיקע שיינע און גרויסע יידן, וועמענס אנדענק צינדט אָן אונדזערע הערצער. די שורות זענען געווידמעט נאר איין צייט־אפשניט, וועלכן איך האב איבערגעלעבט. די צייט, פונקט ווי די מענטשן, איז געבליבן וואַך אין מיין געמיט און גיט מיר נישט קיין רו. די דאזיקע מענטשן האבן ארויסגערופן צו זיך טיפע באציונג און ווארעמקייט ביי יעדן, וואס האט זיי נעענטער געקענט.

בורשטין האט פארמאגט רבנים, וועלכע זענען געווען בארימט מיט זייער גאונות וויט אויסער די גרענעצן פון שטעטל. פון די וואס איך געדענק, איז געווען דער גאון ר׳ מאיר סגל־לאנדוי ז״ל. נאך אים



ר׳ וואווע שוחט ז״ל


האט איבערגענומען זיין זון ר׳ משה דוד סגל־לאנדוי ז״ל. ביידע זענען געווען גרויסע גאונים און האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ענערגישן אנפירן מיטן שטעטל. ווען עס האט זיך געהאנדלט אין רעליגיעזע ענינים האבן זיי קיינעם נישט געשוינט, נישט גע־מאכט קיין חילוק צווישן ארעם און רייך. זיי זענען דערפאר געווען באליבט צווישן אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג.

די שוחטים זענען געווען חסידים, פרומע, אפ־געהיטענע יידן. דריי שוחטים זענען געווען: ר׳ שלום, וועלכער איז געווען דער ספעציעלער שוחט פאר דעם רבינס הויף, און איז במילא געווארן איינער פון די 3 שטעטישע שוחטים. יעדער שוחט האט געהאט זיין וואך, אין וועלכער ער פלעגט שחטן עופות און אויך בהמות. ר׳ שלום שוחט איז געווען א גרויסער ייד און אויך א גוטער בעל תפילה, נאטירלעך א פייער־דיקער חסיד פונעם רבין. זיין הויז איז געווען אפן פאר אלע אורחים, וואס זענען פארבייגעגאנגען דאס שטעטל.

שיינע געשטאלטן זענען אויך געווען: ר׳ וואווע שוחט, א ייד א חסיד, מיט גרויסע מענטשלעכע מע־לות; ר׳ יאנקל שוחט, א למדן און גרויסער מומחה אין זיין פאך. זיי זענען געווען אנגעזעען און באליבט ביי אלע יידן אין שטעטל.

שמואל שפירא
ניו־יארק

הרב ר׳ יואל גינזבורג



שמואל שפירא און זיי פרוי

ער איז געקומען קיין בורשטין ארום י. 1910.

עס איז געווען נאך דער פטירה פון ר׳ לייבעלע יופיטער, וועלכער האט איבערגעלאזט 3 זין און 2 טעכטער. דער יינגסטער איז געווען ישעיה. מען האט אים גערופן „שייע דעם מורה־הוראה׳ס“. ער איז טאג און נאכט געזעסן אין בית המדרש און געלערנט. די יינגערע בחורים פלעגן זיך צו אים ווענדן מיט שווע־רע קשיות, אויף וועלכע זיי האבן נישט געפונען קיין ענטפער. ישעיה האט זיי גערן געענטפערט און אויפ־געקלערט. קיין שום שאלה, אדער קשיה איז פאר אים נישט געווען צו־שווער.

דאך האבן די יידן אין בורשטין געזוכט זיך א רב א גדול בתורה, און איינגעלאדן ר׳ יואל גינזבורג, וועלכער איז דעמאלט געווען ראש־ישיבה אין ברעז־שאן. די ישיבה איז געגרינדעט געווארן דורך דעם גאון שלום מרדכי הכהן שוואדראן, און ר׳ יואל גינז־בורג האט דעם פאסטן באקומען זייענדיק נאך גאר יינג. ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געוואלדיקער בקיאות און פעיקייט עס ארויסצוברענגען.

איך בין דעמלט געווען איינער פון זיינע תלמידים און האב געזען די פארערונג און ליבשאפט צו אים פון אלע תלמידים. איך בין אויך געווען דער, וואס האט אים איינגעלאדן אויף דעם אמט פון מורה־הוראה אין אונדזער שטעטל און קומען האלטן זיין ערשטע דרשה.

דער שבת, ווען הרב יואל גינזבורג האט געהאלטן זיין ערשטע דרשה, וועט ביי מיר, ווי ביי אלע אנדערע בלייבן אומפארגעסלעך. זי האט אין זיך גע־האט עפעס דערהויבנדיקס, וואס האט באגייסטערט: אלע לומדים פון שטעטל האבן אויסגעדריקט זייער באוואונדערונג פאר ר׳ יואלס שארפזיניקייט און גע־וואלדיקע בקיאות.

ער איז געבליבן אויפן דאזיקן פאסטן דינענדיק דער שטאט ערלעך און געטריי ביז צום טאג פון גרויסן חורבן. דער גרויסער גייסט האט מיטגעמאכט דעם גאנצן צער און צארן, וואס האט זיך אויסגעגאסן אויף אונדזער פאלק און ווי אלע אכזריותדיק אומגע־קומען.

אין אנהויב פון די 20קער־יארן, דאס הייסט באלד נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט די יוגנט פון אונזער שטעטל, פונקט ווי אין גאנץ פוילן, אויפגע־כאפט יעדע נייע אידיעע, יעדע נייע לעזונג. אומ־שטארקסטן האבן געווירקט און בעאיינפלוסט די יוגנד די סאציאליסטישע און ציוניסטישע־סאציאליסטישע פארטייען. באלד נאך דער מלחמה איז פארגעקומען ביים יינגן עולם א רעוואלוציע פון באגריפן און ווי ביי יעדער רעוואלוציע, איז מען אמאל צו ווייט פאר־גאנגען, איבערגעכאפט די מאס.

א טייל פון דער בורשטינער יוגנט זענען געווען סימפאטיקער פון קאמוניסטן, לינקע פועלי ציון און בונד, געקעמפט, פארשטייט זיך, קעגן דער פאנאטישקייט פון די „כניאקעס“. מען האט מחלל

שבת געווען בפרהסיא. און אזוי ווייטער. זייער האנד־לונג האט ארויסגערופן ביי די פרומע יידן צארן און פארביטערונג.

אין א באזונדערס שווערער לאגע האט זיך געפונען און דעם פאל, דער מורה הוראה ר׳ יואל ז״ל. אגב, זענען די 3 קינדער פון ר׳ יואלין — אין די אויגן פון א טייל פרומע — אויך נישט געווען ריין פון זינד.

די קינדער, באקומענדיק א שטרענג רעליגיעז דערציונג, האבן אלע עקסטערנירט, האבן אריינגעווארפן זיך מיט ברען אין לערנען, כדי צו דערווערבן וועלטלעכע בילדונג, זיי זענען אנגעקומען אויפן אוני־ווערזיטעט און ספעציאליזירט זיך און פארשידענע געביטן.

אלע 3 האבן געווירקט אין יידישן נאציאנאלן לעבן, 2 זענען געווען לערער אין העברעאישע גימנאזיעס. אבער לויט די באגריפן פון א טייל פרומע לייט, זענען די קינדער פונעם מורה הוראה „אראפ פון גלייכן וועג״.

ווי געזאגט אלס דיין האט ר׳ יואל געדארפט ארויסטרעטן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט קעגן דער אפיקורסות פון דער דעמעלטיקער יוגנט. עס פלעגט אבער א סך טרעפן, אז ווען ער האט גערעדט אין בית המדרש וועגן דעם ענין, האבן יידן אים געמאכט פארווורפן און געזאגט, אז זיינע קינדער זענען אויך גויים.

ר׳ יואל גינזבורג האט גוט געוווסט, אז זיינע קינדער זענען נישט קיין גויים. דער גרעסטער שטאלץ זענען ביי אים געווען זיינע קינדער. אליין א טיף־גלויביקער און ציוניסט, האט ער זיך געפרייט מיט זייער אקטיווקייט אינעם יידיש געזעלשאפטלאכן לעבן. זיין טאכטער זיסעלע און עלטערער זון חיים ז״ל זענען געווען טעטיק אין „התאחדות פועלי ציון״.

דער יינגסטער זון, גרשון ז״ל אין בית״ר. פארשטייט זיך, אז כאטש זיי זענען געווען געבילדעטע מענטשן האבן זיי פונדעסטוועגן אפגעהיט יידישקייט און געווען רעליגיעז.

דער מורה־הוראה פלעגט דאך פאדערן, מאנען, און בעטן די ייגנט, זיי זאלן נישט אוועק גיין צו ווייט.

ביי זיין שטארקער פרומקייט און פליכטן אלס מורה הוראה, האט ער טראץ אלעם געהאט גרויס פארשטענדעניש פאר דער יונגען דור. באזונדערס בולט איז עס געווען אין די לעצטע יארן פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די יוגנט האט שוין אויפגעהערט צו אנאנסירן זיך מיטן פריידענקעריי, וועלכעס האט אין א גרויסער מאס געשטאמט פון עם־הארצות.

אינטערעסאנט איז, אז ר׳ יואל פלעגט ליב האבן צו כאפן א שמועס מיט מינע טאביאס, דעם רבין פון דער אויפגעוואכטער יוגנט. די דאזיקע צוויי געשטאלטן האבן ארויסגעלויכטן פון דער שרעקלעכער פינצטערניש, עלנטקייט, פחד און מענטשלעכער געפאלענקייט, וואס האט געהערשט אין דער צייט פון אומקום און פערטיליקונג אין אונזער ליב שטעטל.

מינע טאביאס דער ערשטער פארזיצער פון יודנראט אין בורשטין, ווען ער האט באקומען א פאדערונג פון די דייטשן ארויסצוגעבן די ערשטע יידן צום אומברענגען, האט ער זיך אפיציעל אפגעזאגט פון זיין אמט.

אונדזער מורה הוראה ר׳ יואל גינזבורג זצ״ל, וועלכער האט דאס גאנצן לעבן אויסגעזען צו זיין נישט שטארק ענערגיש, נישט געקענט פאדערן הויך, דאס וואס אים איז געקומען. דער מענטש האט בעת דעם אונטערגאנג פונעם שטעטל, ארויסגעוויזן איבערמענשלעכן כוח און דערהויבנקייט.

ר׳ יואל גינזבורג האט געטרייסט און דערמוטיקט די אויסגעמאטערטע, פארפייניקטע בורשטינער יידן. א שטאלצער און אן פחד איז ער געגאנגען צום טויט.

דאס איז געווען אין בוקאטשאוועצ, דעם טאג ווען מען האט אוועקגעפירט א גרויסן טייל פון די בורשטינער יידן קיין בעלזשעץ, איז דער מורה הוראה ארומגעגאנגען צווישן די בורשטינער יידן און מיט זיי ווידוי געזאגט. דאמאלט האט א קויל פון א דייטשן מערדער דורכגעלעכערט זיין הארץ.

ער האט זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל אויפן בוקאטשעוויצער בית עלמין.

ביי אונדז רעשטלעך פון די בורשטינער יידן וועט זיין הייליגע געשטאלט, אויף אייביק בלייבן איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער.

בונטשע פאמעראנץ
מאזעסוויל (ארגענטינע)

ר׳ יאנקל שוחט

וויפל מארלישע גבורה האט עס פארמאגט דער דאזיקער ייד פון הכנעה און יראת שמים. גלייכצייטיק האט ער געבראזט מיט מרידה קעגן אלע, וואס האבן געוואלט אנרירן זיינע באגריפן פון די לאוו׳ן און הן׳ס, ארויפגעצוואונגענע פון בארג סיני, אבער אזוי קוואלנדיקע פון זיין אייגן יידיש־מענטשלעכן געמיט, פון זיין וואַכער ליבשאַפט צו גאט און פון זיין נישט ווייניקער וואַכער אהבת הבריות, אזוי ווי ער האט זי פארשטאנען, ווילנדיק די מענטשן פארהיטן פון אן עבירה.


בונטשע פאמעראנץ

דאס האט פאסירט אין בורשטין אין די יארן 1912/13. זייענדיק צו יענער צייט א צעניעריק ייִנגל, האב איך נישט באנומען וואס עס קומט פאר גאר נאענט ארום מיר, אבער שפעטער געפינענדיק זיך עטלעכע יאר אין שטוב פון מיין פעטער יאנקלען, האב איך זיך פיל אנגעהערט וועגן דער פארשונג, וואס האט געהאלטן געשפאנט גאנץ מזרח־גאליציע.

צוליב די גרויסע רעגנס, וואס זיינען אויסגעפאלן אין יענע יארן זיינען די פאשע־פעלדער געווארן פארטרונקען און די בהמות זיינען ארומגעגאנגען טעג און נעכט אין די טיפע בלאטעס, און דאס האט ביי די בהמות פאראורזאכט א נייע קראנקהייט, וואס מען האט געקרוינט מיטן קלינגענדיקן נאמען „נקודות אדומות״. אויף די לונגען האבן זיך באוויזן רויטע פינטעלעך. און ווי עס ווייזט אויס איז אין די ספרים וועגן דער קראנקהייט נישט דערמאנט. און דא האט זיך געשטעלט פאר די שוחטים א גאר הארבע קשיא, כשר אדער טריף? ווי געוויינלעך איז מען אוועק צום רב, באטראכט די לונגען, געטאפט זיי, געקוועטשט. ליידער, אזא מין מחלה איז נישט דערמאנט. איז וואס טוט מען? די שוחטים, מיין פעטער וואווע און ר׳ שלום שוחט קוקן אויפן רב און אלע צוזאמען אויף יאנקל שוחט. אויב ס׳דערמאנט זיך עמעץ אין יענער צייט, דאס דעמלטיקע לעבן אין בורשטין, דער וועט קענען אפשאצן די ראל, וואס עס האט געשפילט יאנקל שוחט. אויסער זיין איינגעבוירענע אינטעלי־גענץ, האט ער זיך גערעכנט אלץ איינער פון די גרעסטע שוחטים. און איז אויף דעם געביט געווען אן אויטאריטעט. מיט זיין מיינונג האט מען זיך גערעכנט נישט נאר ביי אונדז אין שטעטל. צו אים איז מען געקומען מיט שאלות וועגן הלכות שחיטה פון ווייטע, ווייטע ערטער און אויב א יונגערמאן האט געוואלט זיין א שוחט פון ערשטער מדרגה, האט ער זיך אנ־געשטרענגט צו קריגן די קבלה אדער הודעה פון יאנקל שוחט.

אויך איז יאנקל שוחט געווען א ייד א חכם. מענטשן פלעגן קומען צו אים נאך עצות און אפילו נאך רפואות בשעת א קראנקהייט. ווייל מ׳דארף

נישט פארגעסן, אז רופן א דאקטאר איז אין יענער צייט געווען נישט פון די געוויינלעכע זאכן, פלעגט מען אין פיל פאלן זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון יאנקל שוחט. ער פלעגט אהיימקומען צום חולה, באט־ראכטן אים, טאפן דעם שטערן, אויסהערן דעם דופק און אויב ער האט געזאגט, אז עס איז נישט נויטיק האט מען דעם דאקטאר נישט גערופן.

שטייט מען און מען טראכט וואס צו טאן, דאס פראבלעם איז זייער א שארפס. מען האט געדארפט לעבן אין יענער צייט אין די יידישע שטעטלעך אין גאליציע, אין דער סביבה פון שוחטים און קצבים, אלע ארעמע לייט, איבערהויפט די לעצטע, וואס זייער גאנצע חיונה האבן זיי געצויגן פון דעם קעלבל, וואס זיי פלעגן ברענגען פונעם דארף, אפטמאל טרייבנדיק צופוס, אין די רעגנס און בלאטעס, און אז גאט האט געהאלפן, מען האט דאס געשחטן און ס'איז ארויס כשר, האט מען דאס פלייש פארקויפט אין יאטקע און מען האט געמאכט א שיינעם שבת. ביטער, גאר ביטער, איז געווען אז דער שוחט האט ארויסגעזאגט דאס ווארט טריף און לײדער פלעגט אין מערסטע פאלן ארויסזאגן דאס שרעקלעכע ווארט יאנקל שוחט.

ווי דער סדר איז אין אזא סיטואציע, הייסט מען דעם קצב ארויסגיין און עס הויבט זיך אן די דיס־קוסיע. איין שוחט זאגט אזוי, דער צווייטער זאגט אנדערש, דער רב קנייטשט דעם שטערן און לסוף זיגט יאנקל שוחטס פסק... טריפה!

און פון דאן הייבט זיך אן א סדרה פון טריפענע בהמות מיט „נקודות אדומות". די בורשטינער קצבים גייען נעבעך ארום מיט געבויגענע קעפ, און ליידיקע קעשענעס. זיי זיינען געווארן יענעם יאר בדיל־הדלות.

עס זיינען אנגעקומען שאלות פון די ארומיקע שטעטלעך, ווייל דארט האבן זיך אויך באוויזן די „רויטע פינטעלעך" אין די לונגען און ס'איז געווארן אן אלגעמיינער אומגליק אין דער גאנצער געגנט.

עס מאכט זיך א מעשה, אז משה קצב פארט אין א שיינעם טאג קיין לעמבערג און ווי דער שטייגער א קצב, גייט אין די יאטקעס און ווי דערציטערט ווערט ער, ווען ער זעט ווי עס הענגען לונג און לעבערס, מיט די אים טרויעריק באקאנטע „רויטע פינטעלעך". רעדנדיק מיט די קצבים, פרעגט ער זיי צי די בהמות מיט די „רויטע פינטעלעך" אויף די לונגען שטעלען פאר א גרויסן פראצענט, ווייל אין בורשטין האט דער גרעסטער טייל בהמות, וואס מען האט דאס יאר געשחטן, געהאט די „רויטע פינטעלעך" און די קצבים זיינען געווארן בדיל־הדלות. זיי האבן געהויבן מיט די אקסלען און געפרעגט אים, וואס עס אַרט אים, אז דאס פלייש האט רויטע פינטעלעך. מאכט ער אויף זיי אויף א פאר גרויסע אויגן און זאגט: וואס הייסט, ווו זאלן מיר אהינטאן אזויפיל טריפה פלייש? לאכן זיי זיך פון אים גוט אויס, ביי אונדז זאגן זיי איז דאס כשר, ווי אלע כשרע בהמות. פארט אהיים און טרייבערט זיי דורך די שוחטים אייערע, מיטן רב צוזאמען. און ער משה קצב שטייט און דאס בלוט רינט אים פון הארץ, אזויפיל הארעוואניע פארלוירן געגאנגען צוליב די שולד פון די שוחטים, און פאר די אויגן שטייט אים די פיגור פון יאנקל שוחט, דער הויפט־שולדיקער אין אלעם.

אהיימקומענדיק האט משה קצב מאביליזירט די גאנצע קצבישע משפחה און אין אוונט האט מען געפילט, אז די לופט שמעקט מיט פולווער. גלייך האט מען זיך א נעם געטאן צו יאנקל שוחט. די געשרייען זיינען געווען אויסערגעוויינלעכע, אזוי ווייט, אז עס איז שיעור נישט געקומען צו קיין קלעפ.

דער פעטער יאנקל האט שוין דעם אוונט קיין ווערטשערע נישט געגעסן. אזוי ווי ער איז געשטאנען און געגאנגען מיט לונג און לעבער אונטערן ארעם, איז ער נאך דעם זעלבן אוונט מיטן באן אוועק קיין לעמבערג, ווו ער איז גלייך אוועק צום רב מיט דער שאלה, דער רב באטראכט די לונג. „איך זע אויף דער לונג גארנישט" — איז געווען דעם רב'ס ענטפער — די לונג איז כשר. יאנקל שוחט בלייבט שטיין געפלעפט, ווייל מען דארף נישט פארגעסן אז ס'איז דער לעמבערגער רב. „נו, און די „נקודות אדומות" זעט איר נישט?" רופט זיך אן יאנקל שוחט אן אויפגערעגטער? „יא, איך זע זיי. ס'איז גארנישט, ס'איז כשר". מען הויבט זיך אן צו אמפערן. דער רב האלט זיך ביי זיינעם און זאגט כשר און יאנקל שוחט שרעקט זיך נישט איבער און שרייט טריף. דער רב זעט, אז ער האט צו טאן מיט א שוחט נישט פון די געוויינלעכע שוחטים, מיט א קענער א געוואגטן און נישט קיין איבערגעשראקענעם און

ועל כולם מיט א גרויסן קענער, האט מען געשיקט רופן די איבעריקע שוחטים. אבער נישט קוקנדיק אויף אלע ראיות, אלע ארגומענטן, וואס יאנקל שוחט האט געבראכט, אז די „נקודות אדומות" זיינען טריף, האט זיך דער לעמבערגער רב מיט די שוחטים געהאלטן ביי זייערן, אז דאס איז כשר. און נאך א גאנצן טאג דיסקוטירן, איז מען צו קיין הסכמה נישט געקומען, יאנקל שוחט איז געבליבן מיט זיין מיינונג און דער לעמבערגער רב מיט די שוחטים ביי זייער מיינונג.

דער בארימטער אין יענער צייט עפיזאד, האט זיך מיט דעם נישט געענדיקט. אין יענער צייט איז דערשינען אין לעמבערג א רעליגיעזע צייטשריפט מיטן נאמען „מחזיקי הדת" און אויף די שפאלטן פון דער צייטונג האט זיך אנגעהויבן לופטערן די פראגע, רבנים און שוחטים האבן פאלעמיזירט וועגן דעם ענין און עס האבן זיך געשאפן צוויי צדדים, יעדער צד האט פארטיידיקט מיט ברען זיין שטאנדפונקט, און ס'פארשטייט זיך, אז דעם אויבן אן האט פאר־נומען די פיגור פון יאנקל שוחט, און אזוי ווי די צדדים האבן זיך נישט געקענט אייניקן, ווייל יעדער צד האט פארטיידיקט מיט אייפער זיין שטאנדפונקט, איז אויפגעקומען דער פראיעקט צונויפצורופן א קאנגרעס פון רבנים און שוחטים פון גאנץ גאליציע, וואס זאל ארויסטראגן דעם דעצידירנדיקן פסק.

מען האט זיך שוין גענומען אינטענסיוו גרייטן צום דאזיקן קאנגרעס. גאר שטארק האט זיך געגרייט יאנקל שוחט. ער האט אנגעזאמלט א שלל מיט מאטעריאלן, וואס האבן געדארפט באווייזן פאר דער וועלט זיין גערעכטיקייט.

צום קאנגרעס איז נישט געקומען. עס איז אויס־געבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה, וועלכע האט גלייכצייטיק א סוף געמאכט צו דער גאנצער מחלוקת.

י. פ.

ר' שלום שוחט

ר' שלום איז געווען דער ספעציעלער שוחט פון רבי נחומטשען. אים האט מען אראפגעבראכט קיין בורשטין בעת א גרויסע מחלוקה צוליב שוחטים. דעם רבינס הייסע חסידים האבן אים אונטערשטיצט און ער איז געבליבן דער אנגעזעענסטער שוחט אין בורשטין און די קצבים האבן פון אים געהאלטען א וועלט.

ראש השנה אין יום כפור האט ער געדאווענט אין בית המדרש פארן עמוד. זיינע צוויי זין, יידל און מאיר, זענען געווען די משוררים. זיין „כל נדרי" האט גערירט הערצער. צו זיין „ונתנה תוקף" איז מען געקומען הערן אפילו פון שול.

צו ר' שלום שוחט האבן געהערט די מוספים און נעילה. שחרית האט אין בית המדרש געדאווענט ר' יצחק יידל משהס לאסבערג. אויף מנחה האט געהאט א חזקה ר' דוד ברייטער.

חזנים און מלמדים

ר' דוד'ל איז א גאנצע וואך געווען מלמד, און די שבתים און ימים־טובים איז ער געווען חזן אין שול, געדאוונט מיט גרויס מתיקות.

ר' איציק דוד איז געווען חזן פון בית המדרש, א ייד א פיקח. ס'איז געווען א תענוג צו הערן אים דאווענען. די ווערטער, אויסגעזונגענע מיט א סך פשטות, האבן זיך אליין אריינגעגאסן אין הארצן.

דער מלמד ר' הערשל סטרעליסקער איז געווען א בעלזער חסיד און געלערנט מיט יינגלעך גמרא, א גמרא־מלמד איז אויך געווען ר' הערשל אזיפאליער. נפתלי ליסיצער, ישראל און וואוועלע זענען געווען דרדקי־מלמדים.

ביים רבין אין הויף זענען געווען ספעציעלע מלמדים פאר דעם רבינס קינדער און אייניקלעך.

ר' יידל, דעם רבינס גבאי, איז געווען א גרויסער בעל־מנגן. דערביי איז ער אויך געווען זייער קלוג און א כתבא רבה. ער איז געווען א באליבטע געש־טאלט ביי די טויזנטער חסידים, וועלכע זענען גע־

קומען צום רבינס טיש. הערן זינגען ר׳ יידל גבאי האט געהערט צו די גרויסע תענוגים.

אפרים שניידער — דער בריוו־טרעגער. איז א סך יארן געווען א באאמטער פון דער דעמלטיקער



בעריש מעלער, זון פון וואווע שוחט
געשטארבן 22 אויגוסט 1958

עסטרייכישער רעגירונג. א חסיד א לערנער. מיט א לאנגער בארד און פאות. אין די וואכן־טעג, ווען ער האט צעטיילט די פאסט אין שטעטל, איז ער געגאנ־גען אין קייסערישען היטל. אבער שבת האט ער נישט געטראגן קיין פאסט מחמת חילול שבת, און אנגעטון א שיין שטריימל מיט א זיידענער בעקעשע. געווען א הייסער חסיד פונעם רבין. ער איז אלע יארן געווען א בעל תפילה און בעל קורא ביי נייבערגערס מנין. אזוי האט ער זיך געפירט ביז צום אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג.

חוץ אים האבן געטראגן מונדירן די 3 שטעטל־דיקע פאליציי־לייט. איך געדענק זייערע נעמען: קארל דער פאליציימאן און אנטאני דער פאליציימאן. דעם דריטן געדענק איך נישט. אלע האבן גערעדט יידיש. און אויף יידישע שמחות פלעגן זיי קומען אלס מחותנים.

אזוי האט זיך געפירט דאס שטעטל דורות לאנג ביז צום ערשטן וועלט־קריג. מען קען זאגן אויף דעם שטעטל בורשטין אזוי ווי רש״י זאגט אויף יעקב אבינו, ווען ער האט פארלאזט באר שבע „בזמן שהצדיק בעיר — הוא הודה, הוא זיוה, הוא הדרה. יצא משם — פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה״.

פון נאך דער גרויסער שריפה, ווען דער רבי זצ״ל האט פארלאזט דאס שטעטל, האט זיך אפגעטון דער אייגנארטיק יידישער און חסידישער לעבענס־שטייגער. די מלחמה האט געענדערט דעם גאנצן אויסזען פון שטעטל. נייע מנהגים זענען אויפגעקומען. נייע אידעען, פארטייען, רעכטע און לינקע.

דאך איז יעדן געבליבן אין זכרון דאס אמאליקע שטעטל אויפן גאנצן לעבן.

דער ליסיצער מלמד און זיין חדר

מעכל דער ליסיצער האט מען אים גערופן אפשר דערפאר, ווייל ער האָט געשטאַמט פונעם שטעטל ליסיץ. אבער אין בורשטין איז ער געווען דער על־טסטער דרדקי־מלמד. ס׳רוב קינדער פון שטעטל זענען דורכגעגאנגען זיין חדר. ווי נאר זיי זענען אלט גע־ווארן דריי יאר האבן זיי די טאטעס אפגעפירט צום ליסיצער און דערביי דערמאנט זיך אין די אייגענע קינדער־יארן, ווען מען האט זיי אויך געבראכט אין זעלבן חדר.

דאס חדר האָט זיך געפונען אין א גרויס הויז, צו וועלכן הערשעלע טרוד, פון פאך א שניידער, איז גע־ווען א שותף. עס איז געווען א גרויסע שטוב מיט אן אלקער, ווו די שויבן זענען שטענדיק געווען צע־בראכן, פארשטעקט מיט שמאטעס. צוזאמען מיט מעכלען און זיין ווייב חיה־שרה האבן דארט געוווינט אויך זייערע זין זלמן־בער, כאסקל און די טאכטער זעלדע. די עלטסטע טאכטער שיינדל־רבקה מיט איר מאן אשר בלעכער האבן געוווינט באזונדער אין א צווייטער גאס.

די דריי־יעריקע תלמידים פלעגט שאיע, דער בעלפער ברענגען אין חדר אויף די פלייצעס. אין דער גרויסער שטוב זענען געשטאנען צוויי לאנגע טישן, ביי איינעם פון די טישן איז אויבן־אן געזעסן ר׳ מעכל און געלערנט מיט די עלטערע קינדער דאס דאווענען פונעם סידור. ביים צווייטן טיש האט זלמן בער געלערנט מיט די גלענערע קינדער אלף־בית מיט נקודות. מיט דער יינגסטער גרופע, די דריי־יעריקע, האט זיך פארנומען שייע בעלפער. אין דער

האנט האט ער געהאלטן א ריטל ארויסגענומען פון א בעזעם. ר׳ מעכל און זלמן־בער האבן שוין געהאלטן אין די הענט לעדערנע קאנטשיקעס, אזעלכע ווי מען פלעגט מיט זיי שלאגן מלקות רב יום כפור.

ער שטייט מיר פאר די אויגן ווי אמאל מיט פופציק יאר צוריק, ווען איך האב ביי אים געלערנט, ער איז געווען א הדרת־פנימדיקער ייד מיט א לאנגער גרויער בארד. נישט געקוקט אויף דער גרויסער צאל תלמידים, האט ער אפט נישט געהאט אויף שבת. נישט איינמאל האט די קראנקע רביצין אין א דאנערשטיק פארנאכט אומגעקערט זיך פון דעם געוועלבל מיט ליידיקע זעקלעך. דער קרעמער איטשעלע שאפירא האט שוין מער נישט געוואלט געבן אויף בארג.

זי איז געשטארבן אין גרויס נויט. ר׳ מעכל האט ווייטער געלערנט מיט די קינדער, אבער עס פלעגט אים שוין ארויסהעלפן די עלטסטע טאכטער שיינדל־רבקה. איר מאן אשר דייקסלער איז געגאנגען אביסל בעסער און האבן געהאלפן דעם פאטער, חתונה־געמאכט די ייִנגערע שוועסטער זעלדע פאר וועלוועלע בעלפער. כאסקלען האט דער דירעקטאר פון דער באראן הירש־שול, אנשל פאגעל אוועק געשיקט קיין קראקע לערנען זיך בלעכעריי. זלמן־בער איז אוועק קיין אמעריקע און פלעגט פון צייט צו צייט ארויס־העלפן דעם טאטן, וועלכער איז מיט יעדן יאָר געווארען אלץ שוואכער.

די גאס, וווּ עס איז געווען דאס חדר, האט זיך געפונען אין א טאל. נישט געקוקט דערויף, וואס אין שטעטל איז געווען א „פאסע", דורך וועלכער עס איז אפגעגאנגען דאס שמוציקע וואסער, איז דער טאל פול געווען מיט אלערליי שמוץ. אין רעגנדיקע טעג האבן די קינדער נישט געקענט ארויס פון חדר שפילן זיך אין גאס. דערפאר אבער זומער, ווען דער רבי פלעגט איינשלאפן א מידער, א הונגעריקער, זענען די ייִנגלעך זיך צולאפן איבער די גאס, געטאפטשעט און געוואלגערט זיך אין די מיסטן. עס פלעגט טרעפן, אז א ייִנגל האט מיט אמאל באקומען „נישט ווילנדיק" א קלאפ און עס האט אים אונגעהויבן צו רינען בלוט, פון קאפ, פון דער נאז, אין דער זעלבער מינוט האט זיך עס שוין דערוואוסט זיין מאמע, צי א באבע, וואס איז גלייך געקומען צו לויפן מיט געוואלדן אויפן רבין, געכאפט דאס קינד אהיים. אבער אויפצומארגנס האט עס שאיע בעלפער ווידער געברענגט.

ר׳ הערשעלע סטרעליסקער

גערופן האט מען אים „דער סטרעליסקער מלמד". די אלע עלטערן, וואס האבן געוואלט, אז זייער זון זאל אויסוואקסן א לערנער, האבן זייער קינד געשיקט לערנען צו ר׳ הערשעלען. דאס מלמדות איז פאר אים געווען א בארוף, וועלכן ער האט זיך אפגעגעבן מיט דער גרעסטער געטרייקייט. דורכגעדרונגען מיט דעם שטארקן באגער איבערצוגעבן די קינדער וואס מער און גרינטלעכער תורה־וויסן.

דערביי איז ער געווען א פאנאטישער בעלזער חסיד, האט שטארק ליב געהאט דעם רבין און געגלויבט אין זיין גרויסקייט. געפארן אהין איינמאל אין יאר און צוריקקומען א באפעסטיקטער אין זיין גלויבן.

אין די אוונטן, נאכן אפהארעווען מיט די קינדער האט ער זיך ערשט אוועקגעזעצט לערנען פאר זיך ביז נאך האלבע נאכט. דעמאלט האט א דורכגייער געקענט הערן ארויסרייסן זיך דורך די פארמאכטע לאדנס א שטיל פארשטיקט געוויין. דאס האט הערשל סטרעליסקער געקלאגט איבערן חורבן בית המקדש. אפריכטן חצות.

ער איז געווען דער בעל־קורא אין זידיטשויבער קלייזל, וואס האט זיך געפונען נעבן בית המדרש. מען



ר׳ הערשאלע דער סטרעליסקער ז"ל
דער פאטער פון שמואל שפירא

פלעגט אים בעטן צו דאווענען פארן עמוד, נאר ער האט זיך אויסגעהיטן פון דעם, אחוץ ווען ער האט געהאט יארצייט, אדער ווען די מתפללים זענען שוין גאר שטארק צוגעשטאנען. דאס איז געשען אין זעל־טענע פאלן.

הרב משה דוד לאנדאו פלעגט אים טיילמאל רופן צו זיך, כדי צו באראטן זיך מיט אים איבער פארשידענע וויכטיקע פראגן פון רעליגיעזן לעבן אין שטעטל.

אין זכרון האבן זיך מיר איינגעקריצט די וואכן פון באקן מצות אויף פסח. זיין ארומגיין נאך מעריב איבער די בעקערייען און אפשטעלן דאס באקן מצות אין די אוונטן, ווייל די ארבעטער זענען מיד און קענען דעריבער דערפירן צו חמץ. דאס האט ער געטון מיט דער הסכמה און באפולמעכטיקונג פון רב ר' משה דוד.

צוריקקומענדיק פון דער דאזיקער ארבעט האבן מיר אלע געפילט זיין איבערגענומענקייט מיט דער דאזיקער הייליקער ארבעט, און מיר זענען אנגע־שטעקט געווארן מיט זיין התלהבות.

אסתר, די סטרעליסקער מלמדעכע

די קינדער פלעגן זי רופן: די רביצן. די דער־וואקסענע — די סטרעליסקער מלמדעכע. בלויז די נאענטע מענטשן האבן זי גערופן פשוט ביים נאמען: אסתר.

זי איז געווען א געלערנטע פרוי, האט געדענקט איסנווייניק דינים פון שולחן ערוך. און בלעטלעך גמרא. זיצנדיק פונדערווייטנס ביי איר ארבעט אין דער ווירטשאפט האט זי זיך איינגעהערט ווי דער רבי האט מיט די תלמידים געלערנט דעם שיעור גמרא. אינמיטן פליקן די פעדערן, צי אַן אנדערע ארבעט האט זי דערהערט ווי א חדר־יינגל מאכט עפעס א גרייז, אדער האט נישט ריכטיק פארשטאנען עפעס אין דער גמרא. זי פלעגט זיך דעמלט דערנענטערן און פאריכטן, אדער אונטערזאגן אין דער שטיל, דער „רבי" זאל נישט הערן.

שטענדיק איז זי געווען פארנומען מיט טובת הכלל. דא האט זי געזאמלט נדבות פאר ארעמע אל־מנות און יתומים. אַן אנדער מאל פאר אַן ארעמער כלה. פרייטיק האט זי א טייל פון טאג אוועקגעגעבן אויף זאמלען חלות פאר ארעמעלייט. אין די ווינטער־דיקע טעג האט זי אליין פונאנדערגעטראגן האלץ צום באהייצן די קאלטע שטובן פון נויטבאדערפטיקע.

איינמאל טראגנדיק אביסל האלץ צו אַן ארעמער אלמנה, וואס האט נישט געהאט צו באהייצן די שטוב, האט זי זיך פארקילט, ביז די הויכע טעמפעראטור האט זי אוועקגעלייגט אין בעט אריין. די היץ האט זי פארצערט, האט באקומען שווינדזוכט און איז צוויי יאהר נישט אראפ פון בעט, ביז זי האט אויסגעהויכט איר נשמה.

שטייגער-לעבן

ישראל פענסטער

דאס שניידערשע שולעכל


צ'ריינג איז נאך געווען אונדזער שטעטל, כדי צו געפינען אין אים ראמאנטיק פון היסטארישע אלטערטימלעכקייטן. בורשטין פארמאגט נישט דעם לאנגן רומפולן יחוס־בריוו פון די אלטע יידישע קהילות אין פוילן, איז זיך צעוואקסן ערשט אין די לעצטע צענדליקער יארן פון 19־טן יארהונדערט, האט וועגעטירט אין די יארן צווישןביידע וועלט־מלחמות און אונטערגעגאנגען צוזאמען מיטן חורבן פון גאנצן פוילישן יידנטום. אבער טייער און אויף שטענדיק איינגעבאקן אין הארצן זענען געבליבן די איינפאך־געבויטע שול און בתי מדרשים מיט זייערע אפגעדראפעטע ווענט, אזוי נאטירלעך אין זייער אלטקייט, אזוי זעלבסטפאר־שטענדלעך אין זייער ארעמקייט.

אזוי איז אויך געווען דאס שניידערשע שולעכל, ווו עס זענען נישט געווען קיין מזרח־ווענט, קיין אויבנאנס, פשוט און איינפאך, ווי די מתפללים, אָן אריסטאקראטישן יחוס און אָן ביטערקייט, אָן פאטעטישע אויסגעשרייען און חסידישער דבקות, אבער ערלעך און נשמהדיק, ווי די פסוקים פון תהלים, וואס זיי פלעגן מורמלען שטיל, עקשנותדיק־געטריי אין זייער גלויבן.

ביים דורכגאנג פונעם פאליש אין דער גרויסער שול האט זיך אויך געפונען א קליין שולעכל. גערופן האט מען עס: דאס שניידערישע שולעכל. פאקטיש האבן דארט געדאווענט אויך אנדערע בעלי־מלאכות, ווי שוסטערס, סטאליארעס, קצבים און סתם ארעמע מענטשן, וועלכע זענען פונקט ווי אין דער גרויסער שול, געקומען אהער דאווענען נאר אין די פרייטיק־צונאכטסן און שבתים.

אייגנטלעך איז אין דער גרויסער שול געווען געגנוג ארט אויך פאר די דריי מנינים יידן. וואס־זשע איז געווען די סיבה, וואס האט באוויגן די מענטשן אפצוטיילן זיך אין א באזונדער שולעכל?

די הויפט־סיבה איז געווען די, וואס די באלע־באטים פון דער שול האבן געקוקט פון אויבן אראפ אויף די בעלי מלאכות, זיי האבן זיך אוועקגעזעצט אויף די שיינע פלעצער אויף דער „מזרח וואנט". פאר די ארעמע לייט זענען געבליבן די בענק ביי דער טיר. זיי האט מען אויך נישט מכבד געווען מיט קיין שיינער עליה צו דער תורה, דאס האט געבראכט דערצו, אז דער עולם זאל זיך בונטעווען און, ווי מען האט געזאגט: מאכן שבת פאר זיך.



אהרן נוטע גלאסטאל, גבאי פון שניידערשן שולעכל, לאנגיאריקער פרעזידענט פונעם האנטווערקער־פאריין „יד חרוצים" שפעטער פארזיצער פון בורשטינער סאסייעטע אין אמעריקע

דא אין שניידערישן שולעכל איז קיין אויבן אן נישט געווען. דאס הייסט, נישט געווען קיין שענערע און ערגערע פלעצער. דא האבן ניט עקזיסטירט קיין חזקות. מידע, פון א גאנצער וואך שווערע ארבעט, נישט דערעסענע, מיט בלאסע פנימער, אבער אפגעוואשענע, אויסגעצוואגענע לכבוד שבת. זיי האבן געקוקט מיט חשד אויף יעדן „פרעמדן", וואס איז אריינגעקומען אין שולעכל — טאמער וועט יענער אפלאכן פון זייער עברי. ווייל קיין גרויסע לומדים זענען זיי נישט געווען. קיין פירוש המילות האבן זיי נישט געוווסט. און די עברי האט אויך אונטערגעהונקען. אבער דערפאר, טייערע ערלעכע יידן. קיינעם נישט אפגענארט, קיינעם נישט באשווינדלט. תמיד איז אויף זייערע פנימער געלעגן א פארביטערונג, נישט נאר צוליב זייער שווער און ארעם לעבן, דאס איז געווען פארביטערונג, שנאה און ביטול צום שיינעם באלעבאס און „פיינעם ייד". דאס האט מען אמבעסטן געקענט זען אין די ימים נוראים, ווען מען האט נישט געדאוונט אין שניידערישן שולעכל, די מתפללים פלעגן דעמלט קומען אין דער גרויסער שול. פאר זיי פלעגט מען אויסשטעלן טישן און בענק ביי דער טיר.

עס איז געווען א גרויסע צאל שול־באלעבאטים, וועלכע זענען נישט געווען קיין גרעסערע למדנים פון די פונעם שניידערישן שולעכל. דאס זענען אבער געווען יידן, וועלכע האבן זיך מיט געלט, אדער פויסטן דערשלאגן צו „שיינע שטעט" אין שול.

אט די ארעמע, גוטהארציקע, נאיווע יידן פלעגן אין די פארכטיקע טעג שטיין מיט געבויגענע קעפ פארן אלמעכטיקן גאט — אבער טיף אין הארצן האבן זיי געהאט צו אים טענות.

קיין אייגענעם בעל־תפילה האבן זיי נישט געהאט — א חוץ פישעלע שניידער, וועלכער פלעגט דאוונען פרייטיק צונאכטס און שבת שחרית. ער האט זייער ליב געהאט צו דאוונען פארן עמוד. אפילו אין א וואכנטאג אין בית המדרש, פלעגט ער צוגיין צום עמוד און מיט זיין שווערער עברי פלעגט ער גאנץ הויך אויפן קול מתפלל זיין. די לומדים, פלעגן גוטמוטיק שמייכלען און אים פארגעבן די גרייזן.

דער בעל קורא אין שולעכל איז געווען דודזשעלע חזן. און אויך דער בעל מוסף. די לעצטע יארן ווען דודזשעלע האט פארלאזט בורשטין, האט געלייענט דודיק גוטשטיין. ער איז געווען א מלמד און פלעגט אינדערוואכן לערנען מיט קינדער און שניידערישן שולעכל.

יידישע פרנסות

עס ווײנט דאס הארץ אויף די פארפײניקטע, פארלוירענע, אבער זייער ליבטיקער אָנדענק פאדערט פון אונדז א שטארק און געמוטיקט הארץ, כדי זייער טויט זאל קריגן א תיקון אין אונדזער ווייטערדיקן ליכטיקן איבערבוי. דערציילנדיק וועגן די דאזיקע געשטאלטן און טיפן זענען אונדזערע הערצער דורכגעדרונגען מיט ליבשאפט און בענקשאפט צו יענע אלע, וואס זענען געווען און זענען מער נישטא. רעדנדיק וועגן זיי זעען מיר דאך אויך די פנימער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, פון די אלע, וואס זענען א טייל פון אונדזער לייב און נשמה.

מיר, וואס האבן זוכה געווען אפגעראטעוועט צו ווערן פון דער גרויסער שריפה, האבן שטענדיק פאר די אויגן דעם אור־אלטן געבאט, וואס איז געבליבן פאר אונדז אויסגעקריצט מיט אותיות פון פייער און בלוט : „זכור את אשר עשה לך עמלק" — דער עמלק פון צוואנציקסטן יארהונדערט.

דאס איז אייגנטלעך די ראל און באשטימונג פון דאזיקן בוך ; נישט סתם זכרונות פון דער ווייטער און נאענטער פארגאנגנהייט, נישט בלויז אן אנדענק־ליכט פאר די לויטערע און הייליקע נשמות, וועלכע זענען אומגעקומען דורך אלערליי שוידערלעכסטע טויטן. פארצייכענענדיק אונדזערע זכרונות האבן מיר געפילט די באדערפעניש ארויסצוברענגען די באזונדערע ליכטיקייט פון די יידישע פאלקס־מענטשן אין אונדזער שטעטל. זאל עס די קומענדיקע דורות געבן די טיפע אנונג פון דער אומגעברענגטער שיינקייט.

דער גרעסטער טייל פון די בורשטינער יידן האט געלעבט אין גרויס ארעמקייט. שווער, זייער שווער זענען געווען די דאגות פרנסה.

80 פראצענט פון זיי האבן זיך פארנומען מיט מסחר. אלץ האט מען גערופן „מסחר". קודם די געשעפטן אין און ארום רינג־פלאץ, פון וועלכע אן ערך 10 פראצענט פון דער יידישער באפעלקערונג האבן זיך מפרנס געווען בכבוד. דאס זענען געווען : שפייז־געשעפטן שטאף־האנדל, אייזן־בראנזשע, גאַלאנטעריע, תבואה און רעסטאראנען. די קונים אין די געשעפטן זענען געווען אוקראינער און פאליאקן פון בורשטין און אומגעגנט ווי אויך יידן, וועלכע האבן זיך פארנומען מיט אנדערע פרנסות.

דערנאך זענען געווען סוחרים : „פאָרערס". זיי זענען ארומגעפארן אויף ירידים. עס זענען געפארן יידן מיט שטאפן, מיט פארטיקע מלבושים, מיט לעדער, מיט געשיר, מיט פעלצן. יעדן טאָג זענען זיי



פערל קלירספעלד מיט איר טאכטער שטייען פאר זייער קראָם אין מאַרק

געפארן אויף א צווייטן פלאץ אין א צווייט שטעטל, ווו עס איז פארגעקומען דער וואכן־מארק.

דערנאך: דארפס־גייערס, יידן, וועלכע זענען געגאנגען אין דערפער האנדלען. זיי האבן געקויפט א ביסל תבואה, א קעלבל. אמאל געטוישט פאר סחורה, וועלכע זיי האבן געבראכט מיט זיך און וועלכע זענען געווען נויטיק פאר די פויערים.

א היפשע צאל יידן האט זיך פארנומען מיט בהמות־האנדל, ווי אויך מיט פי־צוכט, אדער מאסטן, ווי מען האט עס ביי אונז גערופן. א טייל פלעגן קויפן די בהמות שוין פעטע און זיי שיקן אין די גרויסע שטעט אין פוילן.

זומער פלעגן איינצלע יידישע משפחות פאשען די בהמות אויף לאנקעס, ביז זיי זענען געווארן פעט.

טייל האבן געהאנדלט מיט פערד, זיי האבן געהאנדלט מיט די פויערים, ווי אויך מיט פריצים און גוט־בעזיצער — פון דער געגנט און אויך ווייט פון בורשטין.

עס זענען געווען טעטיק איניקע בעקערייען, וועלכע האבן פארקויפט געבעקס אין שטאט און אויך געפירט אין די דערפער.

יידישע קצבים האבן פארקויפט כשר פלייש פאר יידן און טרפות פאר נישט־יידן.

עס האבן געלעבט אין שטעטל יידישע בעלי מלאכות: שניידערס, שוסטערס, בלעכערס, קירזשנערס און אנדערע.

פון די שניידערס זענען געווען א טייל גוטע פאכלייט, מענער־ווי אויך דאמענשניידער. די לעצטע צייט האבן זיך פארנומען מיט דאמען־שניידעריי כמעט אויסשליסלעך פרויען. אויך גויאישע שניידערס זענען געווען, אזוי האט מען גערופן די, וועלכע האבן גענייט פאר די פויערים. א טייל פון זיי פלעגן ארומגיין אין די דערפער און באדינען זייערע קליענטן אויפן פלאץ. דער אלטער טיפ שניידער, וועלכער האט געקענט אויפנייען א יידיש בגד, א בעקעשע, א זשאקעט, איז אין די לעצטער יארן אינגאנצן פארשוווּנדן.

די שוסטערס האבן צומיינסטן געארבעט פאר פויערים, אדער פאריכט אלטע שיך.

די כלי קדש, וועלכע האבן צוגעשטעלט די צרכי הדת: דער רב, דער דיין, די שוחטים, דער חזן, די שמשים און אנדערע, האבען געלעבט פון דעם קליינעם געהאלט, וואס אזא ארעמע קהילה האט זיי געקענט געבן.

אין די אלטע עסטרייכישע צייטן זענען געווען יידישע באאמטע אויף פארשידענע רעגירונגס־פאסטנס: אין געריכט אויף דער פאסט, אפילו אין דער פאליציי. פאר די פוילישע צייטן זענען געבליבען נאר די אלטע. קיין שום ייד אויף קיין שום פלאץ האט



פריילין קימעל מיט אַ גרופע בורשטינער אויפן מאַרק

מען נישט אריינענומען. דאקעגן איז געשטיגן די צאל יידישע אדוואקאטן אין פארגלייך פון פארן ערשטן וועלט־קריג. כמעט יעדער אדוואקאט האט אויך באשעפטיקט א יידישן אנגעשטעלטן, פארשטייט זיך, אז די באאמטען און אדוואקאטן האט זיך געלעבט א סך בעסער ווי אנדערע יידן אין שטעטל.

ישראל פענסטער

די יידן אין די דערפער ארום בורשטין

צומערשט די גוטספעכטער אדער פאסעסארן ווי מען האט זיי גערופן. זיי האבן גענומען אין ארענדע פון די פוילישע גוטסבאזיצער זייערע פאלווארקעס אין די נאנטסטע דערפער ארום בורשטין: קאראפא־טניק — די פישערס, נאסטאטשין — ברייטבארט און קאניושקי — לויפער, און שוויסטעלניק — די קלא־רייכס.



דז׳וניו ברייטבארט

דער גוט־פאַכטער פון נאסטאַשצ׳ין. האט לאנגע יארן געהאלטן אין ארענדע, נאכן טויט פון זיין פאטער, דאָס גוט נאסטאַשצ׳ין פון גראף ביעלסקי. אין דער צייט פון אומקום האט ער זיך אויסבאהאלטן אין די בורשטינער וועלדער. אַ קורצע צייט פאר דער באפרייונג איז ער דערמארדעט געווארן דורך די ארטיקע פויערים.

איך געדענק שוין ניש די צייטן, ווען אין די דערפער זענען געווען יידישע ארענדארן און קרעטש־מער פון אלטן שניט, און וועלכע זענע געווען דעם פריצס אייגנטום, נאך דער מלחמה־18—1914 איז דער דאזיקער טיפ ייד אינגאנצן פארשוואונדן. עס זענען אין די דערפער מער נישט געווען קיין קרעטשמעס. עס זענען מער נישט געווען קיין איינפארהייזער, פון א סך דערפער זענען די יידן אינגאנצן אוועק. די פארבליבענע יידן אין די דערפער ארום בורשטין האבן זיך אין 80 פראצענט פארנומען מיט פעלדאר־בעט און בהמה־צוכט.

די קלארייכ׳ס אין קוראַב, די שארפס און מאנ־דעלבערג אין סערניק די קימעלס אין קאראסטאוויטש, אין טעניטניק די משפחה נוטעס און א סך אנדערע.

איך מוז זאגן א פאר ווערטער וועגן דער מערק־ווירדיקער משפחה נוטעס. דער אלטער ר׳ הערש ז״ל (דאכט זיך א ברודער פונעם לאנגיעריקן סעקרעטאר פון דער בורשטינער סאסייעטי אין אמעריקע אפעל) איז געווען אן ערשטקלאסיקער לאנדווירט, די פויערים פונעם דארף פלעגן זיך קומען ראטן און לערנען ביי אים.

עס איז געווען א ווונדער און א פערגעניגן צו זעען, ווי די גאנצע משפחה פלעגט שטייך אין פעלד און שניידן די תבואה, אדער גראבן קארטאפל. מען האט געקענט זעען דעם אלטן — נעבן אים זיין טאכטער און איידעם מיט זייערע קינדער, וועלכע זענען שוין דעמלט געווען פלייסיקע אקערבויער.

פארשטייט זיך, די אלע יידן האבן א חוץ דער ארבעט אויך צוגעהאנדלט און האבן געהאט פרנסה בכבוד.

די דארפישע יידן האבן געהערט צו דער בורש־טינער קהילה.

די טייערע הארעפאשנע יידן זענען געווען די ערשטע קרבנות פון די היטלערישע רוצחים, א סך פון זיי זענען אומגעקומען אין דער ערשטער צייט פון דער נאצישער אקופאציע.

שרפות און מגפות

אייגנטליך איז שווער אוועקצושטעלן א גרענעץ פאר די יידישע געשעענישן אין אונדזער שטעטל. נויט, זארג און פחד זענען שטענדיק געווען אַן אָרגאַנישער באשטאנד־טייל פון יידישן לעבן. דאך זענען געווען אזעלכע שטורמיש־פאַרזאָרגטע טעג, וולכע האבן מיט זייער גורלדיקייט איבערגעלאזט טיפע שפורן אין לעבן פון שטעטל און אין דער נשמה פון יעדן באזונדער. צו אזעלכע געשעענישן געהערן אויך די מגפות און שרפות, וועלכע פלעגן אננעמען דראַענדיקע פארמען און שטעלן אין סכנה דאס לעבן פון דער גאנצער באפעלקערונג.

ווי אין אלע קליינע שטעטלעך, האט אויך אין בורשטין געברענט זייער אפט. עס זענען געווען קליינע שרפהלעך און גרויסע שרפות. די סיבה איז געווען א פשוטע: דעכער פון שינדלען און אפילו פון שטרוי. א מינדעסטער פונק, האט באלד געברענט, לעשן איז נישט געווען מיט וואס. עס איז געווען אפהענגיק פונעם וועטער. אויב עס איז געווען רואיק, נישט קיין ווינט, האבן אפגעברענט — א 3—2 הייזלעך און דאס פייער האט זיך איינגעשטעלט. ווען עס האט אבער געברענט אין צייט פון א ווינט דעמלט האט דאס פייער פריי געבושעוועט, דעמלט זענען אפ־געברענט געווארן גאנצע גאסן.

פאר אונזערע צייטן איז געווען א גרויסע שרפה אין יאר 1914, הארט פארן אויסברוך פונעם ערשטן וועלט־קריג. אין דער שרפה איז פארברענט געווארן די גרויסע שול מיטן בית המדרש. אלע דערבייאיקע געסלעך, א גרויסער טייל פונם רינג־פלאץ, אויך דאס הויז פונעם רבי ר׳ נחומטשע זצ״ל איז דעמלט אפגעברענט געווארן.

באלד ווי די מלחמה איז אויסגעבראכן, ווען די רוסן זענען אריין, האבן זיי פארברענט א גרויסן טייל פון די יידישע הייזער, דעם רעשט רינגפלאץ, און אראפ, די גאסן, ביז צו דער „גנילא ליפא״.

בערך אין יאר 1921 איז ווידער אין א שיינעם פרימארגן אויסגעבראכן א גרויסע שרפה, וועלכע האט נאכאמאל חרוב געמאכט די ארעמע יידישע הייזלעך.

עס איז געווען אן אפטע דערשיינונג, ווען יידן פלעגן קלינגען אין קלויסטער, דאס איז געשען ווען עס איז אויסגעבראכן א שרפה, פלעגן אריינ־לויפן יידן אין פוילישן קלויסטער, וואס איז געווען ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט יידישע הייזער, און קלינגען אויף אליארם, אויך אין מיטן רינג, אין „גערטנדל״, איז געווען א גלאק צו דעם צוועק.

אין די יארן 1915/16 — די יארן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט געהערשט אין בורשטין די שרעקלעכסטע פון אלע מגפות. די כאלערע, וועלכע האט אנגעמאכט א חורבן צווישן דער יידישער באַ־פעלקערונג אין שטעטל. עס איז כמעט נישט געווען קיין הויז, ווו עס זאל נישט זיין קיין מת. טייל משפחות האבן געגעבן צו צוויי אדער דריי קרבנות.

דאכט זיך אין יאר 1916 האט מען געשטעלט אויפן בורשטינער בית עלמין א חופה. דאס האט געזאלט זיין א סגולה און א האפנונג, אז די מגפה וועט זיך איינשטעלן. דער חתן איז געווען: מאטקעלע, דער זון פון זלמן יוסל יונהס, די כלה, די טאכטער פונם אלטן חזן, זיי האבן געשטאמט פון בוקאטשע־וויץ.

יצחק קורטאש דער איידעם פון דוד שניידער ז״ל האט געבראכט דעם גראמאפאן מיט דער גרויסער טרובע, מען האט געפירט צו דער חופה מיט מוזיק,

מען האט געטרונקען, לחיים! און גאט האט טאקע געהאלפן...

נאך דער כאלעריע איז אבער געקומען דער בויך־און פלעק־טיפוס, די מגפה האט געהאלטן מיט קליינע הפסקות — ביז יאר 1921 בערך. פון דער טיפוס־מגפה זענען געפאלן אין בורשטין א פאר הונדערט יידן.

יא, עס האבן נישט געפעלט קיין שמערצן, אומגליק און טרויער אין דעם יידישן לעבן פונעם שטעטל. אבער די גרעסטע שרפה איז געקומען אויף די בורשטינער יידן, ווען דער גרעסטער אונטערצינדער פון אלע צייטן היטלער האט מיט זיינע מיטהעלפער אויסגעמוטשעט, אויסגעהונגערט און פארטיליקט אלע בורשטינער יידן דורך פארברענען און אנדערע מיתות משונות.

בונטשע פאמערנאץ

א מעשה וואס האט זיך פארלאפן אין דעמיענעוו

אויב עמעץ פון אונדז בורשטינער דערמאנט זיך אמאל, אין מינוטן פון בענקשאפט נאך די פארגאנגענע קינדער־יארן, וואס מיר האבן פארבראכט אין אונדזער יידישלעכן שטעטעלע, פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, מוז ער זיך אויך דערמאנען אין דעמיענעוו, ווייל בורשטין אַן דעמיענעוו איז, למשל, ווי א שטוב און אַ אלקער. אפילו די באַן־סטאציע רופט זיך מיטן נאמען בורשטין־דעמיענעוו, און דער קאנדוקטער פלעגט אויסרופן בנשימה אחת: בורשטינדעמיענעוו.

ס׳געדענקט זיך ווי מיר, קליינע יאטעלעך, פלעגן אין די זומערדיקע שבתים ווען די עלטערן פלעגן זיך צולייגן שלאפן, און מיר פלעגן לויפן בארוועס קיין דעמיענעוו. דער וועג איז א גלייכער, פון ביידע זייטן פעלדער מיט תבואה פארטיק צום שניידן, אבער דא און דארט, האבן זיך געזעען פויערים און פויערטעס שניידענדיק מיט סערפעס, און בינדנדיק אין סנאפעס, דער ריח פון דער געשניטענער תבואה האט אנגעפילט די לופט, ארום איז געווען שטיל, און מיר, קליינע יאטעלעך, גאלאפירן בארוועס בארג־ארויף, און דאן בארג־אראפ, ביז נאענט פארן דארף. נישט ווייט פונעם דארף צעטיילט זיך דער וועג, איינער רעכטס, וואס גייט אוועק קיין מארטינעוו, און דער צווייטער, לינקס, שניידט אריין אינעם דארף. איידער דער וועג צעטיילט זיך איז געשטאנען די קרעטשמע, אין וועלכער ס׳איז געזעסן דער אלטער נפתלי דעמענעווער מיט זיין ווייב בריינע, (קינדער געדענקט זיך נישט). אין צענטער פונעם דארף האט געוווינט אונדזער חדר־חבר בערל. וואס א גאנצע וואך האט ער זאיך אויפגעהאלטן ביי זיין זיידן איטשע גוטשטיין און געלערנט מיט אונדז צוזאמען ביי הערשל סטרעליסקער, און אויף שבת פלעגט ער גיין אהיים קיין דעמיענעוו. אהין צו בערלען פלעגט עס אונדז, יונגע קינדער, ציען צו גיין שבת נאכמיטיק. לײדער איז דאס אונדז נישט שטענדיק געלונגען, ווייל ביז זיין שטוב האבן מיר געמוזט דורכלויפן א גאנצע ריי פויערשע גאסן. און וויפל מיר האבן זיך נישט געהיטן נישט אויפצוּוועקן די דארפישע הינט, איז דאס אונדז נישט שטענדיק געלונגען, און פיל מאל האבן מיר זיך געמוזט אומקערן צוריק פונעם מיטן דארף, כדי נישט אריינצופאלן אין זייערע הינטישע מארדעס, ווייל ווי נאר די הינט האבן אנגעהויבן בילן, האבן זיך געיאוועט שקצימלעך און דאוואי, רייצן זיי אויף אונדז און אלע צוזאמען האבן אונדז אנגעהויבן יאגן. און מיר, נישט טויט, נישט לעבעדיק, האבן גענומען אויף צוריק און נישט איינער פון אונדז איז צוריק געקומען אהיים מיט צעריסענע הויזן און אמאל נאך ערגער... און די שבת׳דיקע וואנטורעם האבן זיך פיל מאל פארענדיקט מיט... קלעפ, וואס מען האט באקומען פונם טאטן.

שפעטער־צו האט פאר אונדז דעמיענעוו געהאט אן אנדערן רייץ. מיר, שוין יינגלעך פון 10—11 יאר, פלעגן נאכלויפן די פארליבטע פארלעך, וואס פלעגן אין די זומערדיקע פארנאכטן שפאצירן ביז צו נפתלי דעמיענעווער, און דארט הינטערן שטוב, אין סאד, ווו ס׳זיינען געשטאנען פשוטע נישט געהובלעוועטע טישן און בענק, האט מען דערלאנגט קאלטע זויער־מילך מיט שווארצראזעווע ברויט מיט פוטער, און מיר יונגע יאטלעך, זיינען געשטאנען פון יענער זייט פלויט, געשלונגען די סלינע, און מקנא געווען.

פאר די קינדער, וואס האבן געדאוונט אין סט־

רעטינער קלויז, איז נפתלי דעמיענעווער גאר טייער געווען אין פארבינדונג מיטן יום־טוב „שמיני עצרת״. א חזקה מקדמונים איז געווען איינגעפירט, אז נפתלי דעמיענעווער פלעגט פארבעטן צו זיך אהיים, דעם גאנצן עולם פון דער סטרעטינער קלויז, שמיני עצרת בייטאג. ער און זיין ווייב ברײנע האבן צוגעגרייט געבראטענע קאטשקעס, מיט מעד, דעם געשמאקן בורשטינער מעד.

ארײנקומענדיק צו נפתלין אין שטוב האבן שוין געשמעקט די געבראטענע קאטשקעס, וואס נפתלי מיט זיין ווייב האבן מיט שיינענדיקע פנימער צעשטעלט אויף די טישן. דער עולם האט זיך נישט געלאזט בעטן. מיר, קליינע חברה, זיינען אויך נישט אפגעשטאנען, און האבן געקייט אויף ביידע באקן. און פארנאכט שוין אביסל פינצטערלעך, איז מען זינגענדיק געגאנגען אין קלויז אריין צו די הקפות. איז מיט דעם, פאר אונדז טייערן נפתלי דעמיענעווער פארגעקומען א מעשה, וואס האט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון.

דעם חמץ, ערב־פסח, פלעגט נפתלי, שוין א סך יארן פארקויפן זיין נאענסטן שכן, אן עלטערן פויער איוואן. ביז אין א שיינעם טאג, איוואן איז געשטארבן. פאר פסח רופט ער צו זיך איוואנס זון סטעפאן און דערציילט אים, אז שוין פיל יארן ווי דאס געשעפט מיטן חמץ פלעגט ער מאכן מיט זיין פארשטארבענעם פאטער און נעמענדיק אין אכט די לאנגיאריקע באקאנטשאפט, וואס פארבינדט זיי, וויל ער איצט מאכן דאס געשעפט מיט אים, דאס הייסט מיט סטעפאנען, און ער רעכנט אים אויס אלע באדינגונגען: ער דארף זיצן אכט טאג אין קרעטשמע און זיין דער גאנצער באלעבאס אין געשעפט. דאס אלץ מאכט מען אויפן פאפיר און דאן, דאס הייסט נאך די אכט טעג, גייט דאס געשעפט אריבער צום פריערדיקן באלעבאס, ד. ה. צו נפתלין.

מען ענדיקט דעם געשעפט. נפתלי איז מכבד סטעפאנען מיט א גלעזל 96קער. סטעפאן פארבייסט מיט נאך א גלעזל און גייט אהיים. אויפן וועג זייענדיק אונטערן איינדרוק פונם צווייטן גלעזל, פאלט אים אײן א געניאלער געדאנק, און ער טראכט זיך, אויב איך בין יא באלעבאס פון דער קרעטשמע, פארוואס זאל איך נישט מכבד־זיין מיינע קומעס מיט א גלעזל ריינעם בראנפן. געטראכט און געטאן. טרעט ער אפ ביי די קומעס, און גלאט ביי גוטע ברודער און לאדט זיי איין אויף מארגן אינדערפרי אין קרעטשמע, אויף א גלעזל בראנפן.

מארגן דער ערשטער טאג פסח אינדערפרי. נפתלי פירט זיך ווי שטענדיק, שטייט אויף און גייט מיט ברײנען אין שטעטל אריין דאווענען. אפגעדאווענט גייען זיי אהיים. קומענדיק נאענט פון דער קרעטשמע, רופט ארויס זייער אויפמערקזאמקייט די אויסערגעוויינלעכע באוועגונג ארום דער קרעטשמע אין א געוויינלעכן וואכן־טאג. אבער נישט פארפילנדיק קיין שום שלעכטס גייען זיי רואיק אהיים. אבער ווי נאר זיי עפענען די טיר איז זיי פינצטער געווארן אין די אויגן. ארום די טישן זיצן צעלייגט אין דער ברייט א האלבער דארף פויערים און סטעפאן דערלאנגט מיט דער ברייטער האנט וואס נאר איינער בעט. בראנפן מיט צובייסן כיד המלך. נפתלי נעבעך רופט אוועק סטעפאנען אן א זייט און צווישן ביידע קומט פאר פאלגנדיקער דיאלאג.

נפתלי: סטעפאן, לויט מיר דאכט זיך, איז ביי איך היינט נישט קיין שום חגא.

סטעפאן: ניין, היינט איז ביי אונדז א געוויינלעכער וואכן־טאג.

נפתלי: וואס זשע זיצן זיי דא אויסגעזעצט און טרינקען?

סטעפאן: דאס האב איך זיי איינגעלאדן צו קומען אויסטרונקען לחיים לכבוד מיין ווערן באַלעבאס פון דער קרעטשמע.

נפתלי: וואס רעדסטו סטעפאן, באלעבאס פון דער קרעטשמע? דו ווייסט דען נישט, אז דאס געשעפט איז געמאכט אויף א שפאס און דו האסט אין אים נישט ארײנגעלייגט קיין 5 גרייצער?

סטעפאן: דו מאכסט א טעות. איך האב די קרעטשמע געקויפט אויף אן אמת און וועגן געלט האבן מיר גארנישט גערעדט, אזוי אז דו דארפסט מיך איצט לאזן צורו, ווייל איך דארף זיך פארנעמען מיט מיינע קומעס.

דער אלטער נפתלי דעמיענעווער איז געבליבן

שטיין מיטן קאפ אראפגעלאזן, מיט א צעוויטיקט הארץ צוזעענדיק ווי זיין פראצע גיסט זיך אומזיסט אין די גויאישע גארגלען.

א לאנגע צייט נאכדעם פלעגט מען שמועסן און דערציילן פון דער מעשה וואס האט זיך פארלאפן אין דעמיענעוו.

ישראל פענסטער

ער האט געוווסט פון פארויס ...

ר' זעליג האמער און ראובן שוסטער

אין „רינעק", ביים סאמע ווינקל פון דער לינקער זייט, איז געשטאנען דאס הויז פון זעליג האמער. עס האט זיך געגרעניצט פון איין זייט מיטן הויז פון לייזער לאנדנער און פון דער צווייטער זייט מיטן הויז פון חיים האכבערג, צו דער גאס צו איז געווען די שענק און פון הינטן די וווינונג.

צו דער שענק האט זיך זעליג האמער נישט געמישט, דאס געשעפט האט געפירט זיין ווייב ביילע און מיט גרויס דערפאלג, „אן אשת חיל, אויף וועלכער מען האט זיך געקענט פארלאזן.


ר' זעליג האמער, א הדרת פנים, א שיינע הויכע געשטאלט — א געפלעגטע בארד, תמיד ריין און עלע־גאנט אנגעטאן.

א קלוגער ענערגישער ייד. ער איז געווען יארנלאנג דער הערשער אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן פונעם שטעטל, ער איז געווען ראש הקהל, מעטריקע־פירער אין שטאטראט, דער הויפט פון די יידישע ראדניקעס און א לאנגע צייט דער פאקטישער בירגערמייסטער פון דער שטאט.

זיינע הויפט־אנהענגער זענען געווען די פשוטע פאלקס־מענטשן, די בעלי־מלאכות, בהמות־סוחרים און פערד־הענדלער. אן ר' זעליגן פלעגן זיי גארנישט אנהייבן צו טאן. מיט אים פלעגן זיי זיך ראטן און ער פלעגט זיי געבן עצות.

דעם עפיזאד, וואס איך ברענג דא, האב איך געהערט אמאל דערציילן פון ר' זעליג האמערן אליין. דער עפיזאד ווייזט אונדז וואס פאר א נאיווער תמי־מותדיקער ערלעכער ייד ראובן שוסטער איז געווען. האט ר' זעליג דערציילט אזוי: איינמאל קומט צו מיר ראובן א פארדאגהטער און דערשראקענער, „ר' זעליג — זאגט ער — איך האב באקומען א צעטל פונעם געריכט. וואס וויל מען פון מיר? איך בין נאך אין מיין לעבן נישט געווען אין געריכט, זאגט מיר ר' זעליג, וואס זאל איך טאן"?

ר' זעליג קוקט אן דאס צעטל און זאגט: „יא, מען רופט דיך אין געריכט, ראובן. מען רופט דיך



ראובן דער שוסטער, לאנגיעריקער צעכמייסטער פון די בעלי מלאכות אין בורשטין

פאר אן עדות, דיינע צוויי גוישע שכנים האבן זיך געשלאגן און דיך אנגעגעבן אלס עדות".

— אבער ר' זעליג, וואס זאל איך טאן? איך בין שוין אריבער א פופציקער און קיינמאל נישט אריבערגעטרעטן די שוועל פונם געריכט. וואס זאל איך טאן און וואס זאל איך רעדן — בעט זיך ראובן.

— שרעק זיך נישט — מאכט צו אים ר' זעליג — גיי אין געריכט א זייגער 8 אינדערפרי, ווערסט קומען אויפן שטאק, זאלסטו גיין אין דער רעכטער זייט,

זאלסט אפציילן 3 טירן, אין דער דריטער זאלסטו אריינגייך, דארט וועסטו זעען דעם שופט זיצן אויף א הויכער שטול. זאלסט גארנישט רעדן, נאר ווען דער שופט וועט דיך פרעגן ווי דו הייסט, זאלסטו זאגן — ראובן דרוקער. נאכדעם וועט ער דיך פרעגן, האסט געזעען זיך שלאגן די שכנים? זאלסטו זאגן — ניין, איך האב גארנישט געזען. דעמלט וועט דיר דער שופט זאגן: גיי אהיים.

אין דעם באשטימטן טאג איז ראובן געגאנגען אין געריכט. ער איז געגאנגען מיט שרעק. אבער זיכערער ביי זיך פון די אנווייזונגען פון ר׳ זעליקן... ער האט אפגעציילט 3 טירן אין דער רעכטער זייט. אריינגעקומען אין דער 3 טער, דערזען דעם שופט אויף דער הויכער שטול אינעם שווארצן קיטל, איז אים באפאלן א פחד, נאר דערמאנענדיק זיך אן ר׳ זעליקס רייד איז אים לייכטער געווארן.

— ווי הייסטו? — פרעגט אים דער שופט.

— איך הייס ראובן דרוקער.

— האסט געזעען דיינע שכנים, איוואן מיט פעטרען זיך שלאגן?

— איך האב נישט געזען.

—אינגאנצן נישט געזען?

— ניין.

— קענסט גיין אהיים.

ראובן דער שוסטער לויפט גלייך צו זעליק האמער. א פארגאפטער פול מיט אנטציקונג, פרעגט ער: „ר׳ זעליג. גענוי ווי איר האט געזאגט, אבער פונקט מיט יעדן ברעקל. ווי אזוי האט איר דאס געוווסט? איך האב איבערגעציילט 3 טירן אין דער רעכטער זייט. איך מאך אויף די טיר, זיצט דער שופט אין א שווארצן קיטל אויף א הויכער שטול — און מאכט צו מיר ווי הייסטו? זאג איך ראובן דרוקער, פרעגט ער ווייטער — האסט געזען זיך שלאגן איוואנען מיט פעטרען? זאג איך ניין, איך האב גארנישט געזען... ווייזט ער מיר די טיר און זאגט: גיי אהיים! אבער פונוואנען און ווי אזוי האט איר, ר׳ זעליק, פון פאריס געוווסט ווי דאס אלץ וועט פאסירן?

ער קען זיין קאפ אויף אים נישט ארויפזעצן

עס זענען געווען אין אונזער שטעטל בורשט־ין יידן, וועלכע האבן געהאנדלט מיט פערד, יידן ברייטפלייציקע, מיט רויטע געזונטע פנימער, פארסמאליעטע פון זון און ווינט.

וואלף דער גרויסער און וואלף דער קליינער, אלי משה דער גרויסער און אלי משה דער קליינער, שמואל הרעטשקע — מאטיע שד — און אנדערע, ריזן געווען, שטארקע ווי דעמבעס, גאנצע ירידים מיט גוים פלעגן ציטערן פאר זיי. זיי זענען געווען גוטהארציקע ביז גאר. אויב זיי האבן נאר געהאט דעם גראשן אין קעשענע, האבן זיי זיך אפט געטיילט מיט אים מיט אן ארימאן.

איך וויל דא דערציילן פון אלי משה דעם גרויסן. א גאנץ ווילער ייד געווען, אבער נישט קיין גרויסער למדן. אלי משה דער גרויסער האט פארמאגט 5 בנים: איציק, שמואל, לוזער, נחמן און לייזערטשע, 5 גיבורים זענען זיי געווען, אבער מיט די לערער אין שול האבן זיי קיין שלום נישט געהאט. דער חדר האט זיי אויך נישט געלאקט, עס האט זיי מער געצויגן צו דער פאשע, צום קנאלן מיט דער בייטש און צום בריקעווען אויף די פערד.

פונעם יונגסטן, פון לייזערטשען האט אלי משה דער גרויסער געוואלט מאכן א לייט, ער האט אים מיט געוואלט געהאלטן אין שול, נישט געזשאלעוועט קיין שכר לימוד דעם מלמד יידל פורים, עס האט אבער גארנישט געהאלפן.

ער איז אלץ אנטלאפן פון דער שול אוך פונעם חדר. אלי משה פלעגט זיך פאר יעדן באקלאגן און פארענטפערן: איר זעט, מענשן גוטע, איך טו אלץ וואס איך קען. איך וויל, דער יונגסטער זאל כאטש קענען, ער זאל ווערן א מענטש. נאר וואס קען איך טאן, ער וויל נאר פערד. נו, זאגט אליין, קען איך דען מיין קאפ אויף אים ארויפזעצן...

דער בורשטינער באַנטשע שווייג

משה לייבאַלע איז געווען אַ צוגעקומענער אין בורשטין, נאָר איך געדענק אים פון מיין פריער קינדהייט אין בורשטין. זיין ווייב ליבע אָדער ליב־קאַלע, ווי מען האָט זי גערופן, איז געווען אַ שוועס־טער פון יאַנקל דעם גוישן שניידער, דאָס פּאָרפאָלק האָט טאַקע געוווינט צוזאַמען מיט יאַנקלען אין איין הויז.

משה לייבאַלע אַ קליינטשיק יידל מיט באָרד און פּאות, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גראָבן שטריק, כאָטש ער האָט אים זעלטן באַנוצט, ווייל די הויפּט־אַרבעט זיינע איז געווען, טראָגן וואַסער אין די שטיבער. ־עם שטריק פלעגט ער אַמאָל באַנוצן צום טראָגן אַ האַלבן צענטן האָלץ פון דער אריה שייכעס צו אַן אָרעמען בעל־הבית.

שווער, זייער שווער איז אים אָנגעקומען משה לייבעלען צענויפצושטיקעווען דעם שבת. ער פלעגט זיך אָבער קיינמאָל נישט באַקלאָגן, פון קיינעם גאָר־נישט פאַרלאַנגען.

פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט ער פון זיך אַראָפּוואַרפן די שמוציקע, פאַרלאַטעטע בגדים און זיך אָנטון די בעקעשע און שטריימל, כדי צו גיין אין שניידערישן שולעכל דאַווענען. אויך דאָ האָט ער נישט געהאַט קיין באַשטימטן פּלאַץ, ער פלעגט זיך שטעלן ביי דער טיר. מען פלעגט אים נישט הערן הויך רעדן, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געדונגען וועגן זיין לוין, וואָס ער פלעגט באַקומען פאַר זיין אַרבעט. שוין אָפּגערעדט פון אויפהויבן דאָס קול אָדער שעלטן, וואָס ס'איז געווען אַן אָפּטע דערשיינונג ביי אַנדערע טרעגער. אינ־דערוואַכן פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין בית המדרש און זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים.

מען האָט דערציילט, אַז שטייענדיק איינמאָל אויפן הויף ביי זעליג האַמער און געשעפּט וואַסער פונעם ברונעם — האָט ער אַריינגעקוקט דורכן פענצטער און געזען ווי ר' זעליג עסט לאָקשן מיט יויך. ער האָט אָוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ, עס איז אים אָפּנים „איבער־געגאַנגען" דאָס האַרץ, נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן און אָוועקגעדרייט די אויגן.

ער האָט געמורמלט צו זיך: וואָס גייט דיך אָן משה לייבאַלע, אַז זעליג האַמער עסט לאָקשן מיט יויך?

איינמאָל האָט ער באַקומען פון אַמעריקע פון אַ קרוב 50 דאָלאַר, ער האָט זיי מורא געהאַט צו האַלטן אין שטוב.

ער איז געקומען צו יאַנקל רודי, וועלכער האָט דעמאָלט געהאַט אַ באַנק און אים געזאָגט: ר' יאַנקל, איך האָב דערהאַלטן 50 דאָלאַר, איך בעט אייך, נעמט זיי אַריין צו אייך אין דער באַנק און פאַר פּראָצענט וועל איך אייך טראָגן וואַסער.

אַ שוועבעלע אום שבת...

דאָס איז געווען בורשטין פון יענע צייטן, ווען קינדער האָבן געפאָלגט טאַטע מאַמע און וואָס גוטע און פרומע לייט זאָגן, יונגע לייט האָבן נישט גע־רייכערט שבת קיין פּאַפּיראָסן, מיידלעך האָבן נישט געטראָגן קיין קליידער מיט נאַקעטע פּלייצעס. פאַר־קערט — מיט אַ קאַלנערל ביז צום האַלדז, לאַנגע אַרבל און הויכע שיך צום שנירן. געהאַלטן שבת און יום טובים, ווי גאָט האָט געבאָטן.

אָט אין יענער צייט האָט דבורטשע באַנער גע־שיקט אַירס אַ זון, משה, קיין לעמבערג זיין אַ משרת אין אַ געשעפט פון גאַלאַנטעריע.

דאָס יונגע בחור'ל איז אָפּגעווען אין דער גרוי־סער שטאָט אַ יאָר צייט — האָט ער זיך פאַרבענקט אַ היים, קיין בורשטין, ער איז געקומען „אויף שבת".

שבת נאָכן עסן איז ער אַרויס אויף דער גאַס. די חברים האָבן אים נישט דערקענט, אויסגעפּוצט אין לאַנגע הויזן און געלע שיך, אַ קאַלנער מיט אַ שניפּס, אַ גאַנצער דייטש, ער איז אַוועק שפּאַצירן מיט דער חברה צום געריכט, ווייט, ווייט אויפן וועג קיין נאָס־טאַשצין. ער האָט זיי דערציילט אַלע וואונדער פון דער גרויסער שטאָט לעמבערג. פון די גרויסע מויערן, פון דעם טראַמוויי, וואָס לויפט איבער די גאַסן. פון די גרויסע געשעפטן, פון די רייכקייטן, פון די וווּנ־דערלעכע מענטשן. ער האָט זיי דערציילט ווי פאַר־געשריטן ער איז געוואָרן. ער גייט אין טעאַטער און דער עיקר ער דאַוונט נישט מער, ער לייגט נישט

מער קיין קריאת שמע, זיינע חברים האבן אים אויסגע־הערט מיט אפענע מיילער, פארגאפט פון די אלע ווונדער.

פלוצלינג איז משה געבליבן שטיין. ער האט ארויסגעכאפט פון דער קעשענע א שאכטל שוועבעלעך און געגעבן א צינד אן איינס, — — — אויסרופענדיק מיט א טריומפירנדיקן קול (א ביסל אונטער דער נאז): אט דאס א קען משה!...

זיינע חברים האבן אלע צוזאמען אויסגערופן מיט שרעק: „אים שבת״! און זענען זיך צעלאפן.

מען ווארט ביי דער פאסט.

איר געדענקט ווי מען פלעגט גיין צו דער פאסט? דארט שטיין און ווארטן אויפן בריווטרעגער?

ביי דער פאסט פלעגן ווארטן אלט און יונג. די אינטעלעגענץ, שיינע באלעבאטים, יוגנטלעכע פלעגן ווארטן אויף די צייטונגען, וואס זענען אנגעקומען אין זייערע פארטיי־לאקאלן, אבער האבן נישט געהאט קיין געדולד צו ווארטן ביז מען וועט זיי ברענגען אויפן פלאץ.

סטאבילע ווארטערס זענען געווען: די פירער פון דער „התאחדות״, וועלכע פלעגן ווארטן אויף פארטיי־ליטעראטור און צייטונגען.

די פירער פון פרץ־פאריין — אויף די „ליטערא־רישע בלעטער״, וועלכע מען פלעגט לערנען ווי א בלאט גמרא, די פארשטייער פונעם „ביתר״ פלעגן ווארטן אויף זייער פאסט.

כמעט שטענדיק פלעגט מען זעען די פרוי וואטנ־בערג און שלמה געלער.

ווארטנדיק פלעגט מען אפט דעבאטירן איבער פארשידענע אקטועלע פראגן.

מען האט ליב געהאט צו גיין צו דער פאסט אינדערוואכן און בפרט שבת. איינער האט אויסגעקוקט אויף א שרייבן פון אמעריקע, דער צווייטער אויף א סערטיפיקאט קיין ארץ ישראל א. א. וו.

געווארט האבן, פארשטייט זיך, נאר יידן, און ווארטנדיק, פלעגט מען כאפן א שמועס וועגן דעם און יענעם. נישט איינמאל פלעגט דער נאטשאלניק באגאכוואלסקי ארויסשרייען דורכן פענצטער, עס זאל זיין שטיל, א פאר מינוט פלעגט שטיל ווערן, ביז מען האט זיך ווידער צעהיצט און צעליארעמט. — נאר פלוצלונג האט זיך געעפנט די טיר, עס איז געווארן שא־שטיל, עס האט זיך באוויזן דער בריווטרעגער, פארשידענע פאסט־פעקעלעך אין ביידע הענט. און אין אויגנבליק איז ער ארומגערינגלט געווארן פון צענד־ליקער מענטשן. דער בריווטרעגער האט הויך און גלייכגילטיק אויסגערופן די נעמען פון די אדרעסן. עס האבן זיך אויסגעשטרעקט ציטריקע און גיריקע הענט. ווען ער האט געענדיקט, זענען געבליבן א סך אויסגעלאשענע אויגן. אלע זענען זיך לאנגזאם פונ־אנדערגעגאנגען.

נישט דערלייענט די מגילה

ווען דודזשע ברייטער ז״ל האט אויפגעבויט זיין גרויס הויז אין מיטן מארק מיטן שטאק, האבן זיך אהין אריינגעצויגן די גרויסע לייט: שופטים, אד־וואקאטן לערער א. א. וו. פונקט אנטקעגן דער דירה, ווו ער, דודזשע אליין, האט געוווינט מיט זיין משפחה, האט זיך אריינגעצויגן א שופט, וועלכער איז נישט לאנג געקומען קיין בורשטין, ער איז געווען א קריסט.

פורים פלעגן באלעבאטים שיקן דעם שמש צו זיך אהיים, ער זאל לייענען פארן ווייב די מגילה.

אזוי האט אויך דאסמאל געטאן דודזשע ברייטער, זייענדיק אליין אין שול, האט ער געשיקט אברהם־איציק דעם שמש, ער זאל לייענען פאר זיין ווייב די מגילה.

אברהם־איציק איז שוין דעמלט געווען אביסל טויבלעך. קומענדיק אין דער גרויסער מויער האט ער פארבלאנדזשעט און אנשטאט צו דודזשע ברייטערס ווייב, איז ער אריין צום שופט׳ס ווייב. אריינקומענדיק, האט ער געזאגט א ברייטן „גוט יום טוב״. ארויסגע־נומען פון דער לאנגער בלעכערנער פושקע די מגילה, אנידערגעלייגט אויפן טיש און... גענומען לייענען.

די פריצעטע, וואס האט נישט געוווסט וואס דא קומט פאר, האט אנגעהויבן פרעגן, פארשטייט זיך אויף פויליש, וואס ער וויל דא. עס וווינט דא נישט קיין ייד. אברהם-איציק האט נישט געהערט און נישט געענטפערט — ער האט ווייטער געלייענט די מגילה...

דו, זשיד, וואס ווילסטו דא? פארנעם זיך פון מיין שטוב — האט די שופטקע געשריגן.

אברהם איציק האט אנגעהויבן באמערקן, אז עפעס איז נישט גלאטיק, האט ער געשריגן:

נו, און, תיכף, תיכף. אשה!

דו גייסט ארויס פון מיין שטוב, דו זשיד פארשיווער — איז זי צו אים צוגעלאפן.

אברהם איציק דער שמש האט אפנים די מגילה נישט דערלייענט, ווייל דער שופט איז אריינגעקומען און אים ארויסגעווארפן פון שטוב.

אנגעהויבן רעדן ...

עס איז אמאל געווען אין בורשטיין א ייד, האט ער געהייסן זלמן בער לויפער, ער איז געווען א גרויסער למדן און זייער קלוג. א מענש מיט פרינציפן. מען האט דערציילט פון אים, אז ער האט געפירט אמאל א פראצעס מיט א בורשטינער ייד, איז ער דערגאנגען ביז צום קייזער פראנץ יאזעף, וועלכער האט אים אויפגענומען אויף אן אודיענץ...

די עלטערע בורשטינער דארפן אים געדענקען. ער איז געווען איינגעטונקען אין יחוס דער זלמן בער. געשטאמט האט ער פון דורי-דורות רבנים און גוטע יידן. אליין אבער איז ער געווען א מתנגד. דאס הייסט ער האט נישט געהאלטן פון קיין חסידים.

איז פלעגט ר' זלמן בער ליב האבן צו דערציילן:

נאך מיין חתונה, ווען מיין פאטער זצ"ל דער נאדווארנער רבי האט דערזען, אז איך בין געכאפט אין דער מעשה און איך קלער שוין פון עפעס אנדערש און נישט פון רבנות. האט ער מיך אמאל אריינגערופן צו זיך אין חדר און צו מיר אזוי געזאגט:

— איך וויל דיך עפעס פרעגן, זלמן בער, און זויל דו זאלסט מיר ענטפערן. דו ווייסט, אז דיין עלטער-עלטער-זיידע, דער אפטער, דער גרויסער בעל מופת — מיט אים האט זיך אנגעהויבן אונדזער רבנישע דינאסטיע?

איך האב געשוויגן.

— דו הערסט?

— איך הער, טאטע.

— און דער עלטער זיידע דיינער, ר' מאירטשע, דו הערסט?

— איך הער, טאטע.

—און דער זיידע דיינער, דער גאון, דו הערסט? וואס שווייגסטו?

—און איך, דיין פאטער, זאל זיך מיט מיר חלילה ענדיקן דאס רבנות פון אונזער משפחה?

רעד! וואס שווייגסטו?

איך האב געשוויגן.

— איך בין אויף דיר גוזר דו זאלסט רעדן.

— אויב דער טאטע וועט מיר מוחל זיין מיינע ווערטער, וועל איך רעדן.

— רעד!!

— אויב אזוי, וועל איך זאגן דעם טאטן, אז עס האט זיך קיינמאל נישט אנגעהויבן...

גלויביקע אין גערעכטיקייט

די משפחה לאנדנער

רבקה און לייזער לאנדנער האבן פארמאגט 5 זין, א געמויערט הייזל און א שפייז-געוועלבל.

ווער עס האט אויסגעטראכט, אז א יידישער סוחר מוז זיין א שווינדלער, א באטריגער, דעם האט מען געדארפט פירן אין געשעפט פון לייזער לאנדנער. געארבעט מיטן פאטער אין דער שפייז-קראם האט דער צווייטער פונעם עלטסטן זון, נונוע.

ביידע, דער פאטער מיטן זון זענען געווען דער מוסטער פון ערלעכקייט און אנשטענדיקייט.

ר' לייזער, א פרומער ייד פון אלטן שניט, איז געווען תמימותדיק ווי א קליין קינד. זיינע 5 זין האבן פונקט אזוי תמימותדיק און ערלעך געגלייבט אין זייערע אידעען פון רעכטס ביז עקסטרעם לינקס, אלע יידישע פארטייען, וועלכע זענען אין יענער צייט

געווען טעטיק און שטעטל, זענען געווען פארטרעטן אין לייזער לאנדנערס שטוב, ר׳ לייזער פלעגט אויס־הערן די אפטע פייערדיקע וויכוחים פון זיינע זין. ער האט נישט געגלייבט אין זייערע תורות, אבער ער איז געווען טאלעראנט.

זיין בכור איטשע האט געזאגט, אז שיין רעדן איז נישט גענוג, מען מוז לעבן ווי א פראלעטאריער, א געבוירענער. מען דארף ארבעטן, ער איז אוועק קיין סטאניסלאוו און געלערנט שלאסעריי. זיין ברודער לאבטשע, וועלכער האט געלערנט אויפן אוניווערזי־טעט יורי, האט גלייכצייטיק געלערנט שניידעריי.

לייזער לאנדנערס זין האבן געגלייבט באמונה שלמה אין וועלט, מענש און זייער גערעכטיקייט.

אט די וועלט, אט דער מענטש, אט די גערעכ־טיקייט האבן אזוי בלוטיק אפגענארט אונז.

איין זון, דער יונגסטער, איז געבליבן לעבן, אירע לאנדנער האט שטודירט אין פאריז. געקעמפט אין שפאניע, געווען געפאנגען ביי די דייטשן. ער לעבט אין פראנקרייך. עס איז אויך געבליבן לעבן א טאכטער פון מיין טייערן יוגנט חבר איטשע, וועלכע געפינט זיך אין ישראל.

ער האט אויסגעפירט

קאפל הענעכס שמאָל איינשטאקיק הויז איז גע־שטאנען ביים עק פונעם רינגפּלאַץ. לינקס איז גע־שטאנען צוגעשפארט אריה שייעכעס הייזל. דערנעבן האט געוווינט ר׳ שלום בוימרינד, א ירא שמים און א הייסער חסיד. דערצו איז ער אויך געווען א גרויסער למדן. נישט געקוקט דערויף, וואס ער איז געווען א ביטערער ארעמאן, האט אים קיינמאל נישט פארלאזט דער בטחון. ער האט געהאט דערוואקסענע און איבער־געוואקסענע זין און טעכטער. א גאנצע וואך האט מען ביי ר׳ שלומען זעלטן געזען אביסל געקעכטס, אבער אויף שבת האט געמוזט אריינקומען אין שטוב א שטיקל פלייש, פיש, פארשטייט זיך, אז נישט חלילה צוליבן פרעס, נאר לכבוד שבת...

אין איינעם א פרייטיק־צו־נאכטס ווען ר׳ שלום איז געקומען פון דאווענען און אפגעזאגט מיט הת־להבות שלום עליכם, געמאכט קידוש און געזעצט זיך צום טיש, האט אים זיין ווייב דערלאנגט באלד די יויך מיט לאקשן. פרעגט ר׳ שלום שטארק פארוווּנ־דערט, וואס איז געשען? ווו זענען די פיש?

זיין ווייב האט אים עפעס שטיל געענטפערט, א־פנים דאס עס איז נישט געווען ווו צו קויפן — אדער אפשר האט זי נישט געהאט פארוואס צו קויפן...

ר׳ שלום איז געבליבן זיצן שטארק פארטראכט, צו דער יויך מיט לאקשן האט ער זיך נישט צוגערירט, עס האט נישט געהאלפן קיין רעדן און בעטן. „עס מוז זיין פיש אויף שבת — האט ער געזאגט — און עס וועלן זיין״.

ווו זאל איך יעצט נעמען פיש, שלום? — האט זיין ווייב געפרעגט. ביזט א יידענע! פארשטייסט נישט. עס וועלן זיין פיש — האט שלום פערגלייזט די אויגן, געברומט ווי פאר זיך, נאכאמאל און נאכ־אמאל: „עס מוז זיין פיש, עס מוז זיין פיש אויף שבת, לכבוד שבת״.

די יויך איז קאלט געווארן. די שבת־ליכט זענען אויסגעגאנגען. דאס בני בית איז שוין געשלאפן — ר׳ שלום איז געזעסן אין דער פינצטער און נאך אלץ געמורמלט מיט בטחון, עס מוז זיין פיש לכבוד שבת... ער האט זיך אויפגעכאפט ווען עס איז שוין געווען טאג. ער איז איבערגעשלאפן די נאכט זיצנדיק, אנ־געשפארט די הענט אויפן טיש, ווארטנדיק אויף די פיש.

ער פלעגט נאכדעם דערציילן, אז ער האט אויס־געפירט: ער האט געגעסן פיש...

די קארוזעלע

זי איז געקומען מיטאמאל, ווי אראפגעפאלן פון הימל. מיר, קינדער, זענען געגאנגען פון דער שול. אויפן וועג אהיים האבן מיר באמערקט, אז אינמיטן רינעק קומט פאַר עפעס אויסערגעוויינלעכס. עס זענען געלעגן אנגעווארפן לאנגע און דיקע סלופעס, ברעטער און פארשידנקאליריקע לייוונטן. דערנעבן איז גע־

שטאנען א גרויסער הילצערנער וואגאן און פון א קליין פענצטערל האט ארויסגעקוקט א מיידל מיט שטארק אנגעפארבטע באקן. די קינדער האבן געזאגט, אז זי וועט גיין אויף א שטריק...

עס האט נישט לאנג געדויערט און עס זענען שוין געשטאנען אייניקע אפטיילונגען: א „צירק", ווו מען האט געקאנט זען פארשידענע קונצנמאכער, א בודע ווו מען האט געווארפן בלעכלעך אויף א טיש מיט נומערן. דארט האט מען געוווּנען וואזשנע זאכן.

דער עיקר אבער איז געווען די קארוזעלע — מיט בריטשקעס און פערד, ווי זיי וואלטן געלאפן אין גרעסטן גאלאפ...

די קארוזעלע האט צוגעצויגן אלע קינדער פונעם שטעטל. די ארעמע האבן געדרייט די רייכע, אט אזוי: עס זענען ארויף אין דער הויך א צען קינדער, וועלכע האבן מיט זייערע הענטלעך געשטופט דאס גרויסע ראד אין איין ריכטונג, דאס ראַד, אויף וועלכן עס זענען געהאנגען די פערדלעך. מיט זייער קראפט האט זיך געדרייט די קארוזעלע. פאר צען מאל דרייען איז אַן אָרעם קינד איינמאל געפאָרן אויף א פערדל.

אפילו דערוואקסענע מענטשן האבן געקוקט אויף דער דרייעניש און געקוואלן פון זייערע קינדערס קונצן.

איך בין געשטאנען מיט מיין מוטער נאך דעם ווי כ'בין שוין געהאט אפגעפארן מיינס. נעבן מיין מוטער איז געשטאנען נאך א יידענע, חיה־פייגע האט מען זי גערופן. זי איז געווען יאנקל רודיס ווייב און האָט תמיד געהאט א בלאס פנים.

זיי האבן ביידע צוגעקוקט זיך ווי די קינדער ש־טייגן איין אין די בריטשקעס און שפרינגען ארויף אויף די פערדלעך און עס האט אויסגעזען ווי די צע־שטראלטקייט פון די קינדער וואלט זיך אפגעשלאגן אויף זייערע מידע פנימער. דער אייגנטימער פון דער קארוזעלע האט געגעבן דעם לאנג־דערווארטעטן ק־לונג און די פערדלעך האבן אנגעהויבן צו יאגן, יאגן וואס אמאל שנעלער. עס האט אזש געשווינדלט פאר די אויגן און די קינדער האבן געשריגן, געקוויטשעט און געלאכט. נאך עטלעכע מינוט האט זיך מיטאמאל ווידער דערהערט א קלונג. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל, אז די קארוזעלע שטעלט זיך אָפּ. דער גאַלאָפּ איז פאר־ענדיקט, די „פארשוינען" קריכן אראפּ ווייל באלד האָט זיך אנגעהויבן א נייע פארטיע און אנדערע האבן פאר־נומען זייערע ערטער.

— איר זעט, מלכה — האט זיך חיה־פייגע אנ־גערופן צו מיין מאמען — אָט אַזאַ פנים האָט דאָס גאנצע לעבן פונעם מענטש. מען זעצט אים אריין אין א וואגן און מען דרייט אים ארום אין א קאָפּשווינדלע־רישן גאלאפּ. עס רעשט און קאָכט זיך. אבער איידער ער קוקט זיך אום, הייסט מען אים שוין ארויסגיין פור־נעם וואגן. זיין אָרט פארנעמט שוין אַ אַנדערער...

מיין מאמע האט צוגעשאקלט מיטן קאפ און מיט א פארטראכט קול געזאגט:

— יא, יא, אזוי זעט עס אויס דאס מענטשלעכע לעבן.

אמאליקע מיידלעך ...

עס פלעגט אפט טרעפן, אז אונדזער טייערער לע־רער מינע טאביאס פלעגט זיינע תלמידים איינלאדן צו זיך אין שטוב. ער האט פאר אונדז געלייענט שלום עליכמען, אדער ביאליקן — זיינע באליבסטע שרייבער. מען האט געמאכט פראבעס פון א פיעסע, וואס מען האט געגרייט צום שטעלן צו עפעס א יומא דפגרא.

א חוץ דעם לייענען פאר אונדז, אדער רעזשיסירן, האט מינע נישט געהאט קיין גרויסן אינטערעס צו פאר־ברענגען מיט אונדז. ער האט נישט געטאנצט און נישט אנטיילגענומען אין קיין שום פארוויילונג פון דער חברה יינגווארג.

מיר פלעגן נאכן לייענען כאפן א שמועס מיט די מיידלעך אדער טאנצן, איינארדנען א קאלעקטיוון שפיל א.א.

מינע האט געהאט קרובים אין דארף לוקע. איינ־מאל איז געקומען זיינע א קוזינע צו גאַסט, זי האט געהייסן רויזע, א יונג מיידל.

מיר זענען דארט געווען שבת. מינע האט געליי־ענט פארן עולם און איז דערנאך אוועק אין גאַס. די חברה איז געבליבן און האט זיך משמח געווען. מיר האבן געשפילט א „זאקאנניק". דער שפיל איז באש־טאנען אין דעם וואס מען פלעגט מאכן אין א ווינקל

פונעם צימער א מחיצה, עס איז ארונטערגעגאנגען א יינגל און דאן פארבעטן אהין א מיידל, דאן איז דער בחור אוועק און דאס מיידל האט ווידער פרבעטן א צווייטן בחור, לויט איר ווילן. מיר די „מאדערנע" און „רעוואלוציאנערע" יוגנט האבן זיך געפירט זייער פיין.

אונטער דער מחיצה פלעגט זיך אפט טרעפן, אז דער בחור מיט דעם מיידל פלעגן זיך נאר פארשעמט אנקוקן און מיט דעם האט זיך געענדיקט. אֶליע פיש מאַן האט פארבעטן אונטער דער מחיצה דעם גאסט, רויזען פון לוקע. עס איז געשען — ער האט זי ארום גענומען און איר א קוש געטאן.

דאס מיידל איז ארויס פון אונטער דער פארהאנג מיט א ביטער געוויין און געשריגן — — וואס וועל איך איצט טאן? וואס וועל איך איצט טאן?...

יוסף שווארץ ניו־יארק.

טיפן און געשטאלטן

פייגע די באבע.

די דאקטוירים, וועלכע האבן געוווינט אין בורשטין, אנהויב פון צוואנציקסטן יארהונדערט, מאנדשיין און מאַך, האבן זיכער געדארפט זיך ברעכן דעם קאָפּ פונוואנען צו נעמען פרנסה. ווייל ווער האט עס דעמלט גענוצט א דאקטאר? סיי די קריסטלעכע, סיי די יידישע איינווינער האבן געהאט זייערע אייגענע אפשפרעכער און אפשפרעכערינס. אין אונדזער שטעטל זענען געווען עטלעכע אזעלכע באבעס. נאר די פאפולערסטע פון זיי איז געווען פייגע די באבע.

זי איז געווען הויך, דאר און אויסגעטריקנט, מיט לאנגע נאכהענגנדיקע הענט, אבער אויפן פנים האט זי שטענדיק געהאט א שמייכל, און יעדן אנטקעגנגעקומען מיט א גלייכווערטל. ביי מיין מוטער האט זי אפגענומען זיבן קינדער, פון וועלכע פיר זענען געשטארבן אינגיכן. ביי מיין באבע רחל האט מען צום געבורט פון איר זון נפתלי גערופן פייגע די באבע. זי האט געהאט אירע רפואות צו אלערליי קראנקייטן. א האניק־טייגל צו א געשווילעכטס, א הייסע צעגעלקע אויב דאס קינד איז ראכיטיש, דארף מען עס באדן אין מילך און האניק.

צו באזארגן א ארעמע קימפעטארין מיט א יאכל דערצו זענען אין שטעטל געווען רחלע האמער, לאהטשע מאיר טעפּערס. זיי האבן שוין געוווּסט, אז מען דארף די ארעמע קימפעטארין באזארגן אויף א געוויסער צייט.

אן ערך פופצנהונדערט קינדער האט פייגע די באבע געהאלפן קומען אויף דער וועלט. ביי א סך קימפעטארינס האט זי קיין געלט נישט גענומען, ווייל אין שטוב איז פשוט נישט געווען אויף קיין שטיקל ברויט. אויף די עלטערע יארן האט זיך פייגעס שטערן אלס באבע גענומען לעשן. עס האבן זיך באוויזן מען געשולטע אקושערקעס, די פרוי נאַדלער, און די לעצטע יארן אשר בלעכערס טאכטער, די פרוי שרה זאמער. בורשטין איז שוין געווארן מער אויפגעקלערט און אויב עס איז געווען גאר נויטיק, האט מען שוין גערופן דעם ד״ר זוסמאן, אדער דעם ד״ר שומער.

פייגע איז נפטר געווארן אין די 30־קער יארן. די לעצטע טעג האט זי פארבראכט ביי איר זון פתחיה רופא.

ליכט-ציערינס

מיט פופציק יאר צוריק האט מען אין שטעטל אוועקגעגעבן א סך מי, אז די יום־כפור־ליכט זאלן געמאכט ווערן פון ריינעם בינען־וואקס און אז ביים ארייַנציִען די קנויטן זאלן דערמאנט ווערן די נעמען פון די געשטארבענע אין דער משפחה. דאס האט געקאסט גענוג טייער, און נישט יעדער האט זיך עס געקענט דערלויבן. באַשעפטיקט דערמיט האבן זיך לאהטשע מאירס און מלכה בערקעס. ביי זיי האבן די ליכט געקאסט א סך געלט. בלויז די אלטיטשקע רחלע האמער האט עס געמאכט אָן געלט, לשם מצוה, אבער נאר פאר אויסדערוויילע.

איר חיונה האָט רחלע האמער געצויגן פון א קליין געוועלבל, וואס זי האט געהאט נעבן פוילישן קלויסטער. צוליב דער און ענלעכע מצוות האט זי פארנאכלעסיקט דאס געוועלבעל.

די מומע ליבציע מיטן קרבן מנחה סידור

זי האט געשטאמט פון פאָדהאָראָדזיע, אַ דארף נעבן ראהאַטין. א גוטהארציקע, תמיד א שמייכלדיקע.

א מוסטער פון ערלעכקייט, תמימותדיקייט און פרומ־
קייט. געלעבט אין ארעמקייט האט זי שטענדיק פון
איר ווינציקן אפגעטיילט פאר נאך ארעמערע פון זיך.

די מומע ליבציע איז געווען א חברטע פון י.
פענסטערס מוטער ע״ה און פון זיין מוטערס שוועסטער
שפרה וועלכע האבן געשטאמט פון ראהאטין.



אלי קצב מיט זיין ווייב ליפציע

די לעבנגעבליבענע יידן פון ראהאטין דערציילן:
ווען מען האט געטריבן די ארטיקע יידן הינטער דער
שטאט (צו דער צעגעלניע) צום אויסמארדן זיי, איז
די מומע שפרה געגאנגען מיט הונדערטער יידישע
כשרע פרויען און קינדער און פון אפענעם „קרבן מנ־
חה“ געזאגט תהילים אויפן קול.

חברה תהלים

שבת בראשית האט די חברה תהלים געהאט א
חזקה צו פארנעמען די אנפירונג אין בית המדרש.
דער גבאי פון חברה תהלים־קלייזל, סאנע יידעלע
קצבס, איז געשטאנען ביים לייענען די ספר תורה און
אכטונג געגעבן, אז זיינע מענטשן זאלן אויפגערופען
ווערן צו די גוטע „עליות“. ס׳איז כמעט נישט געווען
קיין שבת בראשית, ס׳זאלן נישט פארקומען קיין גע־
שלעגן. דער גבאי פון בית־המדרש אברהמטשע בריי־
טער האט געוואלט זיינע מענטשען געבען „שלישי“,
אדער „ששי“. די קצבים זענען געשטאנען אויף דער
זייט פון סאנע און חבר״ה תהלים.

קוים איז אוועק דער שבת בראשית, זענען אויך
פארשוואונדן מחלוקתן. דאס שטעטל איז פארזונקען
אין דאגות פרנסה, אין שווערע טאג־טעגלעכער הא־
רעוואניע.

סוחרים

יעדן דינסטיק איז אין בורשטין פארגעקומען א
יאריד. פון די ווייטסטע דערפער זענען געקומען צו־
פארן די פויערים און פויערטעס. פון די נענטערע
דערפער, ווי נאסטאשטשין, קארופאטניק, דעמיענעוו,
קאראסטאוויטש, מארטינעוו, טשארעוו א.א. זענען די
פויערטעס געקומען צופוס. זיי האבן פארקויפט עופות,
פוטער און סמעטענע, אלערליי תבואות און בהמות.
עס זענען געווען סוחרים, וואס האבן ביי זיי גלייך
צוגענומען אלץ. עס איז אפילו געווען א ייד,
וואס האט געהאנדעלט מיט חזירים.

בורשטינער יידן האבן געפירט געשעפטן מיט
ווין און פראג. עס פלעגן אפגיין אין די דאזיקע שטעט
גאנצע טראנספארטן געקוילעטע קעלבער און פאר־
שידענע עסנווארג. צווישן די צושטעלער זענען געווען
אויך יידישע ארענדארן פון גיטער און אזעלכע, וואס
האבן אליין געארבעט אויף ערד. צווישן זיי זענען
געווען: עזריאל קליינפעלד פון קאראסטאוויטש, אלי
טרייבער, לייבוש־אלי קימעל מיט זיין פאטער שלמה,
משה האבער און נאך אנדערע יידן. צו די אקסנ־
סוחרים האבן געהערט: אייזיק ברייטער, וועלוועלע
יונה־לייבס, יצחק קאַרטאַש, יצחק בערקעס, לייב משה
זיסקינדס און מיין פאטער. דער הויפט־עקספעדיטאר
פון אייער קיין דייטשלאנד איז געווען בעריש הארניק,
ביי וועלכן עס זענען געווען באשעפטיקט אן ערך
צען ייד.

ארום די סוחרים אויף דער טארגאוויצע האבן זיך
געדרייט פארשידענערליי מעקלער ארעמעלייט, וואס
האבן געזוכט צו פארדינען אויף א שטיקעל ברויט. זיי
האבן זיך אוועקגעשטעלט ביים פויערשן קונה און געמאכט
דעם אנשטעל, אז זיי גיבן מער. פון בורשטין איז מען
אויך געפארן אויף יארידן אין אנדערע שטעט.

באלעגאלעס

פשוטע גוט הארציקע מענטשען, שטענדיג גרייט צו געבן דעם לעצטען גראשן פאר א נדבה.

אברהם משה דניאלס האט זיין זון יעקעלע געלאזט שטודירן אויפן ווינער אוניווערזיטעט. יעקעלע איז געווען א הייסער ציוניסט און גענומען אן אקטיוון אנטייל אין געזעלשאפטלעכן לעבן.

אברהמס ברודער מאיר איז אויך געווען א באלעגאלע. אויך זיינע קינדער זענען געווען אקטיוו אין געזעלשאפטלעכן לעבן פון בורשטין.

אברהמטשי „שפיץ", א באלעגאלע, א הארציגער מענטש, מיט א סך איינגעבוירענע איידלקייט.

וואלף פייגעס כעטשוליק האט אין די שווערסטע צייטן שטענדיק גרייט געהאט א וויץ, א גלייכווערטל. איינמאל, שטייענדיק נעבן ר' נחמן ברייטערס געוועלב, האט ער זיך צו אים געווענדן:

ר' נחמן, איר האט אפשר די היינטיקע צייטונג?

— וואס דארפסטו די צייטונג? — האט אים נחמן ברייטער געפרעגט — קענסט דען לייענען?

— חלילה. לייענען קען איך נישט, נאר אזוי ווי איך האב נישט מיינע פערד צו געבן קיין האבער, קיין היי, וויל איך פאר זיי אויפקלעבן די צייטונג, זיי זאן כאטש האבן וואס צו לייענען.

אלע ארומיקע האבן געלאכט. אבער א סך האבן געוווסט, אז נישט בלויז די פערד האבן נישט וואס צו עסן, נאר איך אין שטוב האט נישט וואלפס ווייב קיין שטיקל ברויט פאר די קינדער. דאס איז געווען הארט פארן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

וואלף האט געהאט דעם שענסטן געשפאן. די קינדער, איציק הירש, משה גאַדעלע און בערל האבן צוגעהאלפן, טאג און נאכט מיט צוויי פיאקערס אפגע־היטן די סטאציע דעמיענעוו, אבער עס איז כסדר גע־גאנגען מיט דער פוטער אראפ.

אינעם ערשטן יאר פון דער מלחמה איז נישט ווייט פון זיין הויז געשטאנען אן אפטיילונג פון עסט־רייכישען מיליטער, וואס האט געפירט מיט זיך אויף א וואגען א גרויסע געלט־קאסע. וואלף האט וועגן דעם געוואוסט פון די סאלדאטן, וועלכע זענען געווען ביי אים אויף קווארטיר. מיטאמאל האבן די רוסן אנגעהויבן צו באשיסן די אפטיילונג. צוויי סאלדאטן זענען אויפן ארט דערהרגעט געווארן. די איבריקע זענען אנטלאפן. וואלף מיט זיינע זין זענען ארויס און ארייננגעשלעפט דאס קעסטעלע מיטן געלט צו זיך אין שטוב און שפעטער באגראבן עס אויפן הויף.

מיטן דאזיקן געלד האט וואלף אנגעהויבן צו פירן גרויסע מסחרים. דערביי איז ער געבליבן דער זעל־בער גוטהארציקער מענטש. אין שטעטל האט מען געוווסט וועגן א סך מענטשן, וואס וואלטן אויסגעגאנגען פון הונגער ווען נישט וואלפס הילף. אין די נעכט האט ער צו יענע מענטשן צוגעפירט מיט זיינע פערד גאנצע זעקלעך מעל. חוץ דעם האט ער געהאלפן מיט געלט, און אלץ מיט דער גרעסטער באשיידנקייט און זארג, אז די מענטשן זאלן זיך נישט שעמען, נישט ווערן געפאלן ביי זיך.

די פרידלענדלערס

צום פאטער אברהם הערש פרידלענדער דערגרייכט נישט מיין זכרון. איך געדענק בלויז די צוויי ברידער שמואל מרדכי און יאסל פרידלענדער. זיי האבן אנגעפירט מיט דער גרויסער מיל, וואס האט געארבעט טאג און נאכט.

נעבן דער גרויסער מיל האט זיך געפונען א קליין וואסער־מילעכל, ווו די פויערים פלעגן קומען מאלן פאר היימישן געברויך. אויך שטעטלדיקע בהמות־סוחרים האבן דארט געמאלן דאס גערשטנמעל פאר זייערע בהמות.

אין יאר 1914 איז די גאנצע משפחה פריד־לענדלער אנטלאפן פון שטעטל. די רוסן האבן די מיל צערויבט. די פויערים פון די ארומיקע דערפער האבן זיך צעטיילט מיטן צערויבטן מעל, און די מיל איז אוועק מיטן פייער.

די לעגענדע וועגן נייעם בית עולם

מיט אן ערך הונדערט יאר צוריק איז אין שטעטל אויסגעבראכן די כאליערע. מענטשן זענען געפאלן ווי די פליגן. עס האט אנגעהויבן אויסצופעלן ארט אויפן בית הקברות דעמאלט איז געקומען א גרויסער צדיק און באפוילן צו באשטימען א נייעם בית עולם.

דעמלט וועט גאט העלפען און די מגפה וועט זיך אפשטעלן. וכך הווה. נאך די ערשטע פיר מתים, וואס



די חברה קדישא אויפן בורשטינער בית־עלמין

זענען באגראבן געווארן אויפן נייעם בית עולם, האט די מגפה זיך אפגעשטעלט.

די קוואל

נעבן דעם נייעם בית עולם האט זיך געפונען א קוואל, וועלכע איז יארנלאנג געווען ארומגעצוימט מיט א פלויט. מען האט זי גערופן: די קאלינישע קריניצע.

די גאנצע ארומיגע באפעלקערונג האט געגלויבט, אז דאס באדן זיך אין דער דאזיקער קוואל היילט אויס אלערליי אויגן־קראנקהייטן. אין א סאך שטובן האט מען געהאלטן דאס וואסער פון דער דאזיקער קוואל אין פארמאכטע טעפלעך, גרייט ווי א רפואה אויף עפעס א צרה. ווען א יינגל האט מיר מיט א שטיין געעפנט דעם קאפ האט מיר א יידענע אפגעוואשן די וווּנד מיט יענעם וואסער.

ש. אנסקי אין בורשטין

איינמאל, אין א ווינטער־נאכט פון אנהויב 1915, איז אין דעם בית־המדרש אריינגעקומען א רוסישער אפיצער, א הויכער און פעסטגעבויעטער, מיט באזילבערטע אקסלבענדער און דאס היטל, מעשה קאזאק, פארוקט אויף א זייט און געהאט א שיין־צוגעשוירן גרוי, שפיציק בערדל.

דער עולם אין בית המדרש האט זיך דערשראקן און אויפגעשטעלט זיך פון די ערטער, אבער דער אפיצער האט גלייך אנגעהויבן רעדן מיט זיי... יידיש. ער האט יעדן דער'לאזט די האנט, אריינגעקוקט אין די גמרות, וואס זענען געלעגן אפענע אויף די שטענדערס. שפעטער האט ער ארויסגענומען א נאטיץ־ביכל און זיך געוואנדן צו ר' לייבוש קלעטער מיט פראגן. ר' לייבוש האט אים אויף אלעם געענטפערט, און מיר, יינגלעך, זענען געשטאנען ארום זיי מיט אפענע מיילער.



די ראהאטינער קלעזמארים: משהלע פויסט מיט זיינע זין: דוד, איציק־הערש, מרדכי־שמואל און יענקל א. א.

די ראהאטינער קלעזמארים האבן אין בורשטין אין משך פון צוויי דורות געפירט חתנים און כלות צו דער חופה. די פיר זין זענען אומגעבראכט געווארן דורך די היטלעריסטישע רוצחים.

דער אפיצער האט אים אויסגעפרעגט וויפל יידן עס זענען אוועק פון שטעטל און וויפל עס זענען געבליבן, פונוואנען ציען פרנסה.

ביים אוועקגיין האט ער געזאגט, אז אויב עמעץ פון די רוסן וועט פרוּוון שלעכטס־טון, זאל מען קומען צו אים. ער וווינט אין הויף פון פירסט יאבלאנאווסקי. זיין נאמען איז שלמה ראפאפארט.

דאס איז געווען ש. אנסקי.

די יידן פון שטעטל האבן אויף דעם צווייטן טאג ווידער געווארט אויף דעם אפיצער. אבער ער איז שוין מער נישט געקומען. ווייל נאך אין דער זעלבער נאכט האט דער שטאב איבערגעטראגן זיך אין אַן אנדערער שטאט.

יידישע אינטעליגענץ

ישראל פענסטער

יידישע אינטעליגענץ

אונדזער שטעטל, מיט אזא קליינער יידישער קהילה, האט אבער די לעצטע צענדליקער יארן פון איר לעבן באוויזן אויפצונעמען און איינזאפן אין זיך די געזעלשאפטלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע שטרעמונגען און שטרעבונגען פון דעם גרויסן שעפערישן יידישן קיבוץ אין פוילן. דאס קליינע בורשטין האט אויך געהאט א צאל יידישע אינטעליגענטן און ערנסטע געזעלשאפטלעכע פירער· די אידעען פון נאציאנאלער און סאציאלער באפרייונג האבן דא געשלאגן טיפע ווארצלען. מיט חסידישן ברען און מסירת נפש האט די יידישע יוגנט זיך געווארפן אין קאמף פאר דער פארווירקלעכונג פון די טויזנט־יאריקע חלומות פון ייד און מענטש.

דאס זענען ס'רוב מענטשן, וואס זענען אריבערגעשפרונגען דעם פלויט פון אונדזער שטעטל אין דער ווייטער וועלט אריין, און דערפילט דארט די ענגשאפט, ווייל אין זייער הארצן האבן זיי געטראגן די נשמהדיקע רחבות פונעם שטעטל, און זענען צוריקגעקומען דינען עם און זיין צענטע צום מנין, מיט דער גוטסקייט און פרייד פון יידישער עקשנות, אומרו און באגער צו שעפערישקייט.

ד״ר דוד מאלץ

איך געדענק דעם ד״ר מאלץ ווי אין חלום. ער איז געווען אן אדוואקאט, א מיטלוווקסיקער מיט א שפיציק בערדל. אן אנגעזעענע פערזענלעכקייט אין דער ציוניסטישער באוועגונג פון מזרח־גאליציע. אויב איך האב נישט קיין טעות, איז ער געווען צווישן די דעלעגאטן אויפן ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס.

ער איז געווען אן ערשטקלאסיקער רעדנער. זייער פאפולער און באליבט ווייט ארום בורשטין, ביי יידן און נישט יידן.

מען פלעגט דערציילן אין שטעטל : פאר די עסטרייכישע צייטן, בעת ער האט קאנדידירט צום פארלאמענט א ציוניסטישער פארשטייער, וועלכער איז אויך אונטערשטיצט געווארן פון די אוקראינער קעגן א פוילישן קאנדידאט, האט אמאל ד״ר מאלץ געהאלטן א וואל־רעדע, נאך וועלכער די אוקראינער האבן אים געטראגן אויף די הענט.

ד״ר דוד מאלץ איז געווען א פעיקער זשורנאליסט, זיינע ארטיקלען, צומיינסטן וועגן ציוניזם, פלעגן זיך דרוקן אין דער יידישער צייטונג וואס איז דערשינען אין לעמבערג „דאס טאגבלאט״, ווי אויך אין דער פוילישער ליבעראלער פרעסע.

זיינע קינדער האט ער דערצויגן אין יידישן און ציוניסטישן גייסט. זיין זון עדיק האט ער געשיקט אין דער באראן הירש־שול צוזאמען מיט די קינדער פון די פשוטע פאלקס־מענטשן.

זיין טאכטער איז עולה געווען אין אנהויב פון די 20־קער יארן קיין ארץ ישראל. זי האט געארבעט שווער ביים בויען כבישים און הייזער, זי איז קראנק געווארן און געשטארבן.

דער שוואגער פון ד״ר מאלץ איז געווען ד״ר מרדכי ערענפרייז, דער אבערראבינער פון שטאקהאלם און באקאנטער ציוניסטישער עסקן. די פרוי פון דירעקטאר פון דער באראן הירש שול, אנשל פאגעל, די פרוי פון ד״ר מאלץ און מרדכי ערנפרייז זענען געווען שוועסטער און ברידער. זייער פאטער איז געווען א מוכר ספרים אין לעמבערג.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ד״ר מאלץ נישט צוריקגעקומען קיין בורשטין, ער האט זיך באזעצט אין לעמבערג.

ער האט נישט גענומען קיין שום אנטייל אין דעם ברויזנדיקן פאליטישן לעבן פונעם פוילישן יידנטום צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דאס איז געווען מן הסתם צוליב זיין שלעכטן געזונט־צושטאנד.

ד״ר מאלץ איז געשטארבן פאר דער 2־טער וועלט־מלחמה.

ווילהעלעם ראארט (וואליע ראפפארט)

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה האט געוווינט אין בורשטין א משפחה מיטן נאמען ראפאפארט, עס זענען געווען 2 דערוואקסענע זין און א טאכטער אין דער משפחה. דער עלטערער זון האט געהייסן וואליע. ער איז געווען א לערער אין דער פוילישער שול. דער וואליע האט פערמאגט זעלטענע פעיקייטן צום באאבאכטן אין שילדערן מענטשן. נאך אלס גאר יונגער האט ער געשריבן פעליעטאנען אין פוילישע צייטונגען.

נאך דער ערשטער וועלט מלחמה איז ער ווידער געווען לערער אין בורשטין. ער האט זיך געהאלטן וויט פון יידן און יידישקייט. ער איז געווען א מיטגליד אין דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי פ. פ. ס.

אין דער צייט איז דערשינען זיין ערשט ווערק „פארן קייזערס צייטן" "Za czasów Cesarza" נאך דעם, א קאמעדיע, „מענאזשעריא", וועלכע איז געווען א סאטירע אויפן געזעלשאפטלעכן לעבן פון דער אינטעליגענץ אין בורשטין.

די צוויי ביכער האבן אים באלד געמאכט א נאמען אין פוילן.

די קאמעדיע איז געשפילט געווארן אין אלע גרעסערע פוילישע טעאטערס.

אין יאר 1922 איז ער קראנק געווארן אויף טובערקולאז. (זיין יונגערער ברודער מאציעי איז אויך געשטארבן פון דער זעלבער קראנקהייט).

ער איז געלעגן אין א שווערן צושטאנד, באקומען אין בלוטשטורץ נאכן אנדערן. די דאקטוירים האבן פאררויסגעזען א שנעלן סוף.

איך פלעג אפט צו אים אריינקומען אין יענער צייט, שטארק אפגעגעבן זיך מיט אים. ארום אים איז אומגעגאנגען א קריסטלעך מיידל, וועלכע האט געארבעט אויף דער פאסט.

איינמאל, ווען ער האט זיך געפילט זייער שוואך, האט ער מיך צוגערופן צו זיך און געבעטן: איך זאל גיין אין בית המדרש, זען דארט א פאר יידן — זיי זאלן זאגן תהילים און בעטן גאט, ער זאל געזונט ווערן. איך האב זיין בקשה דערפילט. די יידן האבן געבעטן גאט — און ער איז געזונט געווארן. דערפאר האט ער חתונה געהאט מיט דעם קריסטלעכן מיידל... ער איז אוועק פון בורשטין. געווארן איינער פון די גרעסטע הומאריסטן אין פוילן אונטערן באקאנטן נאמען ווילהעלם ראארט. מען האט געזאגט, ער איז אינגאנצן אוועק פון יידנטום. ער פלעגט אפט קומען קיין בורשטין, לאזן אויפפרישן די קברים פון זיין פאטער און ברודער. דער עיקר, ער פלעגט שטענדיק איבערלאזן געלט, מען זאל צינדן ליכט אין שול און ארעמע יידן זאלן זאגן תהילים.

ד״ר וואלף שמאראק


ד״ר וואלף שמאראק האט זיך באזעצט אין בורשטין בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האט איבערגענומען דאס הויז פונעם דירעקטאר אנשל פאגעל. געשטאמט האט ער פון א באקאנטער ציוניסטישער משפחה אין סטריער געגנט, א הויכער, א שלאנקער, מיט אן אריגינעל יידיש פנים. ער איז באלד געווארן געזעלשאפטלעך טעטיק אין שטעטל.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען א גרויסער טייל פון דער בורשטינער יוגנט איז געווען לינק געשטימט, איז דער ד״ר שמאראק געווען דער הויפט־קעמפער פארן בירגערליכן ציוניסטישן געדאנק.

מיר, יונגע, וועלכע האבן געגלייבט באמונה של־

מה, אז דער סאציאליזם וועט ברענגען גלייכבארעכ־טיקונג און די ישועה פאר די יידן אין גלות, האבן שטארק באקעמפט דעם ד״ר שמאראק.

איך געדענק פאלגענדיקן עפיזאד: דאס איז גע־ווען אין אנהייב פון די 20־קער יארן. דער ד״ר שמאראק ז״ל האט גערעדט אין בית המדרש, וועלכער איז געווען פול געפאקט מיט יידן. ער האט געזאגט פאל־



פרעזידיום פון דער בורשטינער קרעדיט־קאסע. עס זיצן פון לינקס: ד״ר וואלף שמאראק, ישראל לאזבערג און שמואל מוטערמילך.

גענדיקע ווערטער: „פאר די יידן זענען דא צוויי וועגן: אויסוואנדערן קיין ארץ ישראל און דארט בויען א ניי לעבן, אדער... זיך אויסשמדן אלע. עס איז אנטשטאנען א גרויסער טומל אין בית המדרש, פון אין זייט די לינקע, וועלכע האבן געזען אין דעם „שווארצן רעאקציאניזם״. פון דער צווייטער זייט — די פרומע, וועלכע זענען געווען געטראפן פון דעם אפיקורסישן אויסדרוק.

ליידער איז די נבואה מקוים געווארן אין א פיל שרעקלעכערער פארם.

טראץ די קעגנגעזעצטע פאליטישע אנשויאונגען, פלעגט ער זיך גערן צוזאמענטרעפן מיט אונדז, דיסקוטירן. אויף די פועלי־ציון פלעגט ער זאגן: איר זייט ציוניסטן אין „גענזפיסלעך״ די גאליציאנער פועלי־ציון זענען ווי באקאנט געווען אסך ראדיקאלער אין זייער סאציאליזם, ווי די פועלי־ציון אין אנדערע טיילן פון פוילן. זי האט זיך גערופן: יידיש סאציא־ליסטישע ארבעטער פארטיי („פועלי ציון״) אט דאס האט ער גערופן ציוניסטן אין גענזן־פיסלאך.

ד״ר שמאראק האט מיטגעארבעט אין דער ציו־ניסטישער טאגצייטונג „כווילא״, וואס איז דער־שינען אין לעמבערג. ער איז געווען איינער פון די אנגעזעענע ציוניסטן אין דער געגנט. א שארפער פאלעמיקער, אבער תמיד אין אן עלעגאנטער פארם נישט אנגרייפענדיק פערזענלעך.

ער איז געווען איינער פון פאפולערסטע אדוואקאטן אין בורשטין און איז געווען לאנגיעריקער ראדניק אין בורשטינער מאגיסטראט.

איך האב געהאט דעם כבוד מיט אים צו זיצן צוויי יאר אין דער יידישער סעקציע פון מאגיסטראט. זיין יעדער אויפטריט פלעגט מאכן א רושם אויף אלע צוהערער. יידן און קריסטן. ער האט תמיד געקעמפט פאר יידישן רעכט און כבוד. די לעצטע יארן איז ער געווען קראנק ער האט שווער געליטן אויף די פיס. מען פלעגט אים אפט באגעגענען אין דער גאס, אנגעשפארט אין ארעם פון זיין פרוי.

ד״ר ליפא שומער

א געבוירענער אין בורשטין, געלערנט אין חדר און בית המדרש. ער האט שטודירט מעדיצין אין ווין. באלד נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געקומען און באזעצט זיך אין שטעטל.

אין יענער צייט האט געבושעוועט אין דער געגנט א שרעקלעכע עפידעמיע פון טיפוס און ד״ר שומער האט באלד געהאט פולע הענט מיט ארבעט. איך געדענק אים ארומלויפן פון הויז צו הויז. פון איין וואגן אראפ און אויפן צווייטן ארויף ביז ער איז אליין קראנק געווארן אויף פלעק־טיפוס. זיין יונגער געזונטער קערפער האט באצווונגען די קראנקהייט, ער איז געזונט געווארן.

ער איז געווען דער פאפולערסטער מעדיצינער אין בורשטין און אומגעגנט.

די בורשטינער יידן זענען מיט אים שטאלץ געווען, אן אייגענער מענטש. ווען ער פלעגט קומען אין בית המדרש רעדן וועגן ציוניזם, אדער שטע־טישע ענינים, פלעגן יידן קוועלן פון נחת. ער פלעגט די דרשה דורכפלעכטן מיט א פסוק אדער מדרש.

ליידער האט דער ד״ר שומער קיינמאל קיין צייט נישט געהאט זיך אפצוגעבן מיטן געזעלשאפטלעך־קולטורעלן לעבן אין שטעטל. תמיד איז ער געווען פאריאגט, תמיד געלאפן.

ביז ... ביז עס האט אויסגעבראכן די 2־טע וועלט־שריפה. עס זענען אריין די רוסן אין שטעטל. דאס לעבן אין פחד. דאס נישט קענען רואיק איבערשלאפן א נאכט, טאמער קומט מען „נעמען", דער שמערץ פונם צורייבן דאס שווער דערוואָרבענע — האט ד״ר שומער פרי געעלטערט. איך געדענק זייער גוט יענע טעג. אמת, אקעגן דעם וואס עס איז דערנאך פאר־געקומען אין דער היטלער צייט, איז דאס געווען א גן־עדן.

ד״ר שומער און זיין משפחה האבן געהאט דאס גליק צו ראטעווען זיך פון די היטלעריסטישע הענט און זיין צווישן די קליינע רעשטלעך געבליבענע בורשטינער יידן.

דער ד״ר שומער האט נישט דערלעבט צו זען דעם „ספר הזכרון" אונזערן. ער איז נפטר געווארן דעם 10.11.1959, י״ח חשון תש״ך. כבוד זיין אנדענק.

מינע טאביאס

ווען עס האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה האט מינע טאביאס, דער זון פון אברהם אלי טאביאס, שטודירט אויפן לעמבערגער אוניווערזיטעט. ער איז גערופן געווארן צום עסטרייכישן מיליטער, געדינט אלס ארטילעריע־אפיצער, אנטיילגענומען אין די שלאכטן און פאַרוואונדעט געווארן.

נאך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען אין שטעטל. עס איז כדאי צו דערמאנען 2 פאקטן וועלכע האבן אויף טאביאסן שטארק געווירקט — געפארעמט זיין וועלט־אנשויאונג און לעבנסוועג אלס ייד און מענטש.

אין דער צייט פון דער מלחמה האט ער זיך באַ־קענט מיט א רוסישן ייד, וועלכער איז געווען אין געפאנגענשאפט ביי די עסטרייכער. דער ייד, וועלכער איז געווען א גרויסער משכיל און באהאוונט אין דער נייער העברעאישער און יידישער ליטעראטור איז געווארן דער דינער ביים עסטרייכישן אפיציר מ. טאביאס. אט דער דינער, דער פשוטער רוסישער סאלדאט האט אנגעהויבן מיט זיין האר צו לייענען און לערנען יידישע און העברעאישע ליטעראטור, ביאליקן און פרצן, מענדעלען און שלום־עליכמען. דער רוסישער ייד האט אויף טאביאסן געהאט א גע־וואלדיקע השפעה אלס ציוניסט און יידישער פאלקס־מענטש.

נאך א כאראקטעריסטישער עפיזאד, וועלכער ווייזט די באציונגען, וועלכע האבן געהערשט צווישן אפי־צער און זיין דינער. מינע האט עס אליין דערציילט:

איינמאל אין אוונט, האט מיר מיין דינער גע־לייענט פרצן, ווי געוויינלעך מיט הארץ און ברען און איך האב געשלונגען זיין יעדעס ווארט. אין יענעם טאג בין איך זייער מיד געווען, און איך ווייס נישט ווי אזוי עס איז געשען. מיינע אויגן האבן זיך צוגע־

מאכט און איך האב איינגעדרעמלט... מיך האט אויפ־געוועקט דאס הויכע פארמאכן דאס בוך מיט א קלאפ, מיין דינער איז געשטאנען א רויטער פון כעס און געשריגן: — דו ביסט טאקע נישט מער ווי א „יאיעטשניק“. (מינעס פאטער האט געהאנדלט מיט אייער)... טאביאס האט אים איבערגעבעטן און דער רוסישער ייד האט טאביאסן וויטער געלערנט ליב האבן זיין פאלק און זיינע גייסטיקע אוצרות.

אין די יארן 20־1918 ווען עס זענען פארגעקומען אין אונדזער געגנט די אוקראיניש־פוילישע און רוסיש־פוילישע שלאכטן, ווען אונזער שטעטל בורשטין איז איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט, און יידיש האב און גוטס, יידישער כבוד איז געווען הפקר, האט אמאל טאביאס דערזען ווי א פוילישער אפיצער מאכט זיך לוסטיק איבער א ייד און וויל אים אפשערן די בארד. מינע האט דעם ייד פארטיידיקט און געזאגט צום כוליגאן: איך בין אויך אן אפיצער אין רעזערוו... דער ענטפער פון דעם פוילישן אפיצער איז געווען א זעץ טאביאסן אין פנים.

ווען די פוילישע מאכט האט זיך סטאביליזירט, האט מינע געמאלדן דער מיליטערישער מאכט וועגן דאזיקן פאל און גלייכצייטיק זיך אפגעזאגט פון זיינע רעכט אלס פוילישער אפיצער. די פוילישע מיליטערישע מאכט איז פון דעם געווען געטראפן. מ. טאביאס האט דערהאלטן א מעלדונג, דאס ער ווערט בכלל באפרייט פון יעדער מיליטערישער דינסט.

מינע האט נאך דער מלחמה נישט פארגעזעצט זיין שטודיום. ער האט געעפנט א בעקריי און צוזאמען מיט זיין ברודער מענדעל שווער געאַרבעט און מפרנס געווען זיין מוטער און שוועסטער. ער האט חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון משה דעם שטריקנדרייער.

מינע איז געווען אן אריגינעלע פערזענלעכקייט, אינטעליגענט און שארפזיניק. ער האט געהאט א גרויסע השפעה אויף דער יוגנט, באזונדערס אויף דער לינקגעשטימטער, זיי האט אימפאנירט זיין באציונג צו ארבעט. אים האט מען געקענט זען, שלעפן משאות, טראגן וואסער און בכלל טאן די שווערסטע פיזישע ארבעטן. ער איז געווען אן אנטיקלעריקאליסט און גלייכצייטיק א אנטשלאסענער קעגנער פון סאציאליזם. די לעזונג פון דער יידן־פראגע האט ער געזען אין ציוניזם.

די הויפט־סיבה פון זיין צוציונגס־קראפט איז געווען זיינע גרויסע קענטענישן אין דער מאדערנער יידישער ליטעראטור. ער איז געווארן דער מורה דרך פון א גאנצער גרופע יוגענטלעכע. ער האט מיט זיי געלערנט די יידישע קלאסיקער.

ווער פון אונז געדענקט נישט זיינע פארלעזונגען אויף ליטעראַרישע טעמעס? זיין התלהבות ביים לייענען פרצן ש. עליכם און ביאליקן. זיינע טעאטער־אויפפירונגען, ער פלעגט צוזאמען מיט בינעם לעוו פארן קיין לעמבערג, בעת דארט האט גאסטראלירט די ווילנער טרופע, זיך צוקוקן צו זייער שפילן און שפעטער רעזשיסירן און שטעלן אין בורשטין די בעסטע פיעסן פון זייער רעפערטואר.

מינע טאביאס האט נישט געוואלט פירן מיט אונז קיין פאליטישע שמועסן. איבער סאציאליזם פלעגט ער רעדן מיט ביטול, געזאגט: „איר ווילט מאכן אלע מענטשן גלייך? אוממעגלך. זיי ווערן געבוירן נישט גלייך. קוקט מיך אן מיט מיין ווייב הינדע! און קוקט אן דניאל קראנץ מיט פייען“.

דער אונטערשייד איז געווען נישט נאר א פיזישער, נאר אויך א מאראלישער, קיינער האט עס נישט געקענט לייקענען.

מינע האט לאנגע יארן געארבעט אין זיין בעקריי. א פאר יאר פאר דער מלחמה האט ער געקויפט אין דער געגענט פון לעמבערג א לאנדווירטשאפט. ער האט זיך דארט באזעצט און געלעבט אויפן דארף.

סעפטעמבער 1939 ווען די רויטע ארמיי האט באזעצט מזרח־גאליציע, האט מען ביי מינען צוגענומען זיין ווירטשאפט און אים ארויסגעטריבן פונעם דארף.

ער איז אנגעקומען קיין בורשטין א צעבראכענער. ער איז אמאל צו מיר אריינגעקומען אן אנגעשפארטער אויף א שטעקן. די וואונדן פון יענער מלחמה האבן אים געפייניקט. ער האט אויפגעהויבן דעם שטעקן און מיט זיין טיפער שטים געזאגט: „איך וואלט דיר געדארפט געבן מיטן שטעקן איבערן קאפ, נאר, דו ביזט שוין גענוג אויף צרות“.

אין עטלעכע וואכן ארום האט די נ.ק.וו.ד. מיך ארעסטירט אלס „קאנטרעוואלוציאנער“ און פארשיקט קיין סיביר.

די לעבנגעבליבענע בורשטינער דערציילן, אז מינע טאביאס האט באלד דערקענט די נאציש־טייוולא־נישע פלענער קעגן די יידן, ער האט זיך אפגעזאגט

מיטצואַרבעטן מיט זיי — ער איז געשיקט געוואָרן אין ראהאטינער געטא און דארט איז ער געשטארבן.



א גרופע פון דער אינטעליגענץ אין בורשטין

זיצן פון לינקס: ד״ר שמאראק, פרוי רורבערג, ד״ר קלוגמאַן, פרוי ד״ר שמאָראַק און ד״ר האקער. אין דער מיט: דער וועטערינאר אַדאָלף וואטענבערג, (איז אומגעקומען אין די קאטינער וועלדער).

ש. שפירא
(ניו־יורק)

טיפן פון למדנים

ר׳ פייוול פרענקעל

ער איז געווען א טשארטקעווער חסיד. דעם גאנצן טאג איז ער געווען פארנומען אין גלאז־געשעפט, און אין די אוונטן פלעגט ער זיצן ביז שפעט אין דער נאכט אין בית המדרש, און געלערנט צוזאמען מיט אלע יינגעלייט, צווישן וועלכע ער איז געווען אנגעזען מיט זיין לומדות און בקיאות אין תנ״ך. ער איז געווען באקאנט פאר א קלוגן ייד, אויף אלעם געהאט גרייט א וויץ.




ר׳ פייוול פרנקל און זיין ווייב חיה

ער האט דערצויגן פיינע קינדער. איינער פון זיי דוד איז אין די דרייסיקער יארן אוועק קיין ארץ־ישראל. אבער אויך ער לעבט שוין נישט מער. ער איז גע־שטארבן אין יאר 1954.

איינע פון די הויפט־מעלות, מיט וועלכע עס האט זיך אויסגעצייכנט ר׳ פייול פרענקעל, איז געווען זיין קאמפראמיסלאז האלטן זיך ביים אמת. ביי יעדער גע־לעגענהייט האט ער אפילו די נאענטסטע מענשן גע־זאגט דעם אמת אין פנים אריין. אזוי האט ער אויך געלערנט זיינע אייגענע קינדער.

ר׳ דוד פרנקל



א זון פון ר׳ פייוול. זייענדיק א בית־מדרש בחור, האט ער זיך אנגעשלאסן צו די ערשטע ציוניסטן אין שטעטל. ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל, געווען טעטיק אין „מזרחי״, און גבאי פון דער גרויסער שול אין חיפה, די גאנצע צייט געווען א ארבייטער. נפטר געווארן אין סעפטעמבער 1954.

ר׳ לייבוש קלעטער

ער האט געהערט צו יענע פארמעגלעכע יידן, וואס דאס געלט האט ביי זיי נישט געמאכט קיין איבערקערעניש אין קאפ, נישט געווארן גרויסהאל־טעריש. לייבוש קלעטער האט זיך געחברט מיט אלע בית־המדרש־בחורים, געלערנט מיט זיי א בלאט גמרא. שבת, נאך דער סעודה האט ער מיט זיי גע־לערנט פרקי אבות מיט די מפרשים.

פארמאגט האט ער א שארפן קאפ און ליב געהאט צו פערטיפן זיך אין דעם רמב״מס פילאזאפישער שיטה.

אונדז, יינגלעך, האט ער אין א ציגענגלעכער פארם געגעבן צו פארשטיין די לאגישע אויספירן פונעם רמב״ם.

יעדן אינדערפרי האט מען אים געזען זיצן אין בית־המדרש איבער דער גמרא. דעמלט האט ער געלערנט אליין און פלעגט דערביי אסך רויכערן.

ר׳ לייבוש קלעטער איז געווען באקאנט פאר א חכם אויף אלע געביטן. פונקט ווי אין דער גמרא, האט ער אויך אין דער פאליטיק פארמאגט די פעיקייט מסביר צו זיין און איבערצייגן.

דאס לערנען, אליין און מיט תלמידים, האט אים מער פארינטערעסירט ווי דאס מעל־געוועלב, ווו דער הויפט־עול איז געלעגן אויף דעם ווייב און קינדער. צווישן זיינע תלמידים זענען אויך געווען: יאנקל וואווע שוחטס זון, ישראל שנייוויס און איך.

ר׳ בעריש געלערנטער

ער איז געווען רייך, געהאט אן אריסטאקראטישע האלטונג, אבער גלייכצייטיק א סך געלערנט. כמעט יעדן טאג נאכן דאווענען איז ער אין בית־המדרש געזעסן איבער די גמרא. די בחורים אין בית המדרש האבן אין אים געהאט א מענטש, צו וועמען מען קען זיך ווענדן מיט א פראגע איבער א שווער ארט אין דער גמרא. ער האט פארמאגט דעם כוח אויפצוקלערן אויף א פארשטענדלעכן אופן. דאס זעלבע איז אויך געווען אין וועלטלעכע ענינים.

ר׳ איציק־דוד חזן

א ייד א תלמיד־חכם, נישט פארפעלט קיין טאג אין דער וואך, אז ער זאל נישט זיין פון די ערשטע אין בית המדרש, ווו ער איז געזעסן און געלערנט ביזן לעצטן מנין, וועלכער האט זיך געענדיקט ארום עלף אזייגער. מאנטיק און דאנערשטיק, ווי אויך ראש־חודש האט ער ביי יעדן מנין געליינעט די ספר־תורה.

ר׳ איציק חזן האט געזארגט, אז אין בית־המדרש זאל שטענדיק זיין אנגעגרייט לעקעך און בראנפען, מיט וועלכן יעדער, וואס האט געהאט יארצייט פלעגט מכבד זיין די מתפללים.


חוץ די זעקס שעה אינדערפרי פלעגט ער אויך לערנען אין די אוונט־שעהן ביז שפעט אין דער נאכט.

ר׳ אורי קליינפעלד

איך געדענק אים נאך אלס זיידענעם יינגערמאן, ווי ער פלעגט זיך אינמיטן העלן טאג אפרייסן פון זיינע געשעפטן און אריינכאפן זיך אין בית־המדרש לערנען א דף גמרא. שבת נאכמיטיק פלעגט ער קומען צו מיר אהיים און רופן מיך לערנען ביז זמן מנחה. ער האט נישט ליב געהאט צו לערנען אליין און האט זיך נישט גערעכענט דערמיט, וואס עמעץ קען האלטן. אז עס איז אונטער זיין כבוד צו גיין רופן א יינגל, ער זאל מיט אים צוזאמען לערנען. איך האב זיך געפילט געהויבן פון דעם דאזיקן כבוד. אין זכרון איז מיר פארבליבן זיין גרויסע ליבשאפט צום לערנען.

בינעם שאפירא

א מערקווירדיקער טיפ, וואס האט מיט זיך פארגעשטעלט א הארמאניע פון השכלה און חסידות. ער איז געווען א סטרעטענער חסיד און גלייכצייטיק אן אנהענגער פון וועלטלעכער בילדונג. ער האט געארבעט אין פרידלענדערס מיל און איז גאנצע טעג געווען פארנומען און פארהארעוועט. זיין איינציקער רו־טאג איז געווען שבת. גלייך נאך דער שבתדיקער סעודה איז ער שוין געזעסן איבערן תנ״ך. ער האט געליינט די מאדערנע העברעישע ליטעראטור און זיך באגייסטערט מיט די שירים פון ביאליקן און טשערניכאווסקין. די יינגע בחורים, וואס האבן זיך פארנומען מיט העברעאישער ליטעראטור, זענען געווען זיינע אפטע געסט אין די שבתדיקע נאכמיטאגס.



די האנדשריפט פון ר׳ איציק־דוד חזן

ער האט מיט זיי צוזאמען געליינט די העברעישע פאעזיע און דאס העברישע וואכענבלאט „המצפה", וואס ער האט אין יענער צייט אבאָנירט. מיר, יאנקל, וואוע שוחטס און איך, האבן צושטייער געגעבן צו די קאסטן פון אבאנירן דאס וואכענבלאט. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם טיפן באגער צו העלפן דער יוגנט באקומען בילדונג. זיין אידעאל איז געווען: א פרומער ייד מיט מאדערנער בילדונג.

יוסף שוואָרץ
ניו־יארק

ר' קאפל העניך

געשטאמט פון קאלאמיי, פון רבנישן יחוס, און אײדעם פון משה האבער, וועלכער האט פארמאגט אייגענע פעלדער, א צעגעלניע און געהאנדלט מיט מיט צדקה פאר פארבארגענע ארעמעלייט. א סך צייט האט ער אפגעגעבן פאר דער דערציונג פון זיינע קינדער, וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט מיט



די פאמיליע העניך אין אמעריקע (זין און טעכטער פון ר' קאפל העניך)
ערשטע שורה (פון רעכטס): וואלף, די מוטער מאטל, רוחציע, חיים.
צווייטע שורה (פון רעכטס): מאיר, אולע, בראניע, הארי.

בהמות. קאפל האט נאך דער חתונה נישט געוואלט זיין ביים שווער אויף קעסט און זיך גענומען צום האנדלען. געלערנט האט ער אין פארטאגן און אוונטן.

קאפל האט זיך נישט געמישט אין קהלשע ענינים. מען האט אבער געוווסט, אז ער גיט זיך אפ זייער דרך ארץ. דעם פאטערס א ווארט איז פאר זיי געווען הייליק.

אין יאר 1915, ווען די רוסישע ארמיי האט אריינמארשירט קיין גאליציע, האט מען דורך אונדזער שטעטל דורכגעפירט טויזנטער עסטרייכישע געפאנ־ גענע. צופעליק איז דעמלט קאפל געווען ביי זיין

שווער, וועמענס הויז איז געשטאנען ביים הויפט־וועג, ווו די קאזאקן האבן אויף זייערע פערד באגלייט די געפאנגענע. קאפל האט באמערקט ווי איינער פון דער מחנה געפאנגענע איז ארויס פון דער ריי. דער קאזאק האט צוגעגאלאפירט צו אים, אים א קלאפ געטון מיט זיין ראַפּניק און יענער איז אנידער־געפאלן א פאר־בלוטיקטער. קאפל איז ריזיקירנדיק מיטן לעבן, ארויסגעלאפן צו אים מיט א שיסל וואסער און גענומען אים אפוואשן די ווונדן. מיטאמאל האט ער דערהערט, אז ער דער פארוואונדעטער מורמלט עפעס אין יידיש. קאפל האט זיך אומגעקוקט און געזען, אז אז דער קאזאק איז פארנומען מיט אנדערע געפאנג־גענע, האט ער דעם פארוואונדעטן שנעל צוגעשלעפט צום פלויט פון דערנעבנדיקן קריסטלעכן בית־הקברות. די קאזאקן האבן עס שפעטער באמערקט, נאר זענען געווען זיכער, אז דאס שלעפט מען אים צו באגראבן, און האבן נישט רעאגירט.

קאפל האט דעם ייד ערגעץ פארשטעקט און ערשט ווען די גאנצע מחנה איז ארויס פון שטעטל, האט ער אים ארויסגענומען פון באהעלטעניש. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז עס איז א קאלאמייער בחור. קאפל האט אים אויסבאהאלטן ביי זיך די גאנצע צייט פון דער רוסישע אקופאציע.

א יאר שפעטער, 1916, ווען אין שטעטל האט געבושעוועט די כאליערע, איז קאפל געשטארבן. אין דער זעלבער צייט איז אויך געשטארבן זיין שווער ר׳ משה האבער.

זיין פרוי מאטעל געפינט זיך היינט אין אמעריקע צוזאמען מיט אירע קינדער: וועלוועל, הערש, חיים, מאיר, פיניע, אפרים, רחל און שרה.

אילנה משלר־שמורק

ד"ר זאב (וולף) שמורק *).

נולד ב־1881 בעיר בולוכוב, בגליציה המזרחית. אמו, ברטה, אשה משכילה, היתה מסורה לחנוך בניה, שילמדו לפי כשרונם. זאב למד בגימנסיה בסטרי, ובגיל צעיר ניכרה בו סגולה של אומץ־לב ורגש כבוד עצמי. בהיותו תלמיד הגמנסיה, יזם שביתה של כל הכיתה בגלל התנהגותו המעליבה של אחד המורים. התלמידים היו קמים ועוזבים את הכתה כל פעם כאשר נכנס ה־מורה, בעל ההתנהגות הגסה. הנהלת הגימנסיה השיבה על התקרית ללא תקדים, בחריפות רבה, אך נוכחה לדעת שהנערים בני ה־17 עומדים איתן על דרישתם לסלק את המורה השנוא, ובאיומים אין להפחידם. ה־הנהלה נאלצה לנהל משא־ומתן עם „המורדים" וה־מאורע זכה לפרסומת רבה בצבור ובעתונות. לבסוף סולק המורה מן הכתה, והנהלת הגימנסיה התנקמה ב־יוזמי השביתה ומארגניה, שהלשינו עליהם. בין התל־מידים שנדונו לגירוש היה זאב שמורק ושני חבריו והוסכם שיסיימו את הכתה השביעית בסטרי ויעברו לגימנסיה בעיר אחרת. כאשר בא ללמוד בלבוב ערכו לו תלמידי הגימנסיות קבלת פנים נלהבת: עלם יהודי הראה לגויים איך נלחמים על כבוד אנושי.

זאב שמורק למד משפטים בוינה. אכן, את רוב זמנו ומרצו הקדיש לפעילות בתנועה ציונית. התנועה היתה אז בראשית קיומה, ודרך חלוציה היתה קשה מאד ומרובה מכשולים. הם נתקלו באדישות וחשדנות, בלעג ומעשי איבה בתוך עמם וגם בסביבה בהם חיו אולם, מאמציהם נשאו פרי ושורותיהם הלכו וגדלו.

זאב שמורק פעל בוינה ובערי־השדה, ביחוד בעירו סטרי, והיה נואם באספות וחוגים, הופיע באספות של אויבי הציונות והשמיע את דבריו למרות הסתערותו של הקהל, בקריאות־בינים והרמת אגרופים נגדו.

הוא וחבריו יסדו בי"ס עברי בסטרי, שדורות הת־חנכו בו על הלשון העברית ואהבת המולדת.

*) הרשימה נתקבלה במאוחר, אחרי הדפסת המאמרים בעברית, לפיכך היא באה במדור זה.

הסטודנטים היהודיים היו מטרה להתגרות לחב־ריהם האנטישמיים וזאב שמורק היה חבר בקורפורציה אקדמאית־ציונית לוחמת ולמד להגן על כבודו הלאומי באחזו חרב בידו. סניף של הקורפורציה הוקם ביזמתו גם בסטרי, והוא עוד זכה לחוג את יובל 25 שנה להווסדה.

בשובו מווינה לגליציה, עבד כעו"ד והמשיך בפ־עילותו הציונית. בשנת 1911 נשא לאשה את פני פריש, בת מנשה פריש, העסקן הציבורי שאחיה היה הסופר אפרים פריש. במלחמת העולם הראשונה גויס לצבא וחזר לביתו חולה אנוש, ומאז לא שב לאיתנו. אחרי שחרור פולין החליט להשתקע בלבוב כעורך־דין, והת־כונן לעלות ארצה עם משפחתו בעצת חברו, ד"ר דוד



משפחת ד"ר שמורק
משמאל: פני, אשתו של ד"ר שמורק, אמו ברטה
וד"ר ז. שמורק. בנותיו: אילנה ומיליה.
עומד משמאל: אחיו ד"ר אליעזר שמורק ז"ל.

מאלץ, השתקע באופן זמני בבורשטין, עיירה קטנה, שיכול למצוא בה את פרנסתו ולעשות גם למען הציונות.

בבורשטין נתקבל בסבר פנים יפות והחליט להשתקע בעיירה לתקופת־המעבר עד עלייתו, ולא תיאר לעצמו שהיא תארך 24 שנה — עד מותו בידי המרצחים הנאציים.

בהגיעו לבורשטין, שם היה עורך־דין ראשון, התפרסם במהרה בכל המחוז, כבעל כשרונות מקצועיים מעולים, ועבודתו לא מנעה ממנו מלהמשיך בפעילותו הציונית, בין מבוגרים וצעירים, בארגון והכשרה לעלייתם ארצה. מלבד פעילותו בבורשטין היה גם חבר במועצת ההסתדרות הציונית בלבוב, עסק גם בעתונות הציונית וכתב מאמרים בפולנית ויידיש. בבחירות לסיים (בית הנבחרים) הפולני היה מועמד להיות ציר, אך הרופאים הזהירוהו מפני פעולה קשה, שהיתה כרוכה בנסיעות לוורשה, ולפיכך לא הסכים להבחר כציר. אולם בכל המוסדות, ובמיוחד בבית־המשפט, הופיע כיהודי־לאומי ובגאוותו הלאומית רכש לו כבוד גם בין שונאי־ישראל מובהקים. הוא היה מכריח שופטים פולניים להרשות ליהודים, שלא ידעו פולנית, למסור את עדותם ב„מאמע־לשון", ביידיש שצרמה את אוזני האנטישמיים בלשונו השנונה וחוש־ההומור שגילה בהופעותיו נעשה סניגור מבוקש במשפטים פליליים ופוליטיים. התפרסם בלמדו סנגוריה על לאומנים אוקראיניים והוכיח שהשוטרים סחטו הודאות מפי החשודים במלקות ועינויים אכזריים; הנאשמים שוחררו וכמה שוטרים נענשו, והוא קנה לו שם של „אויב מספר אחד" של המשטרה הפולנית.

אכן, המשטרה נטרה לו נקמה כעבור כמה שנים, כאשר נערכו בחירות לסיים באווירה של טרור גלוי. אמנם, לא העיזו לאסור את ד"ר זאב שמורק, אלא העמידו בשער־ביתו שוטר מזויין, שתפקידו היה לאסור עליו ועל אשתו לצאת את הבית עד תום הבחירות. הכוונה היתה שד"ר שמורק יגיב בחריפות על הפרת זכויותיו האזרחיים ויוכלו לאסרו כחוק, אולם, הוא לא הגיב כלל על העמדת „משמר הכבוד", אלא יצא בסתר את הבית בדלת אחורית בלוית אשתו, ודרך גנים ושדות הגיעו לתחנת הקלפי.. במאמץ רב הצליח, בהיותו חולה, לעבור את הדרך מלאת מכשולים, וכשנכנס לתחנת הקלפי התבונן בארשת פניהם של חברי הוועדה שלא ציפו כלל לבואו. הידיעה על מעשהו זה התפשטה בעיר ועוררה צחוק ושמחה בין היהודים ועודדה את



ההססנים והמבוהלים ללכת לקלפי ולהצביע בעד הרשימה הציונית.

מועטות היו השמחות ברחוב היהודים בבורשטין: המצב הכלכלי של רוב התושבים היה קשה מאד, וחנוונים הזעירים, רוכלים ובעלי־מלאכה סבלו מחוסר כסף־מחזור. ד"ר שמורק יזם וייסד סניף של „הבנק הקואופרטיבי לאשראי" והמפעל הצליח ופעל עד פרוץ מלחמת העולם השניה. ד"ר שמורק עמד בראשו, וכל חברי הנהלתו עבדו בהתנדבות, מכולם נשאר בחיים רק אחד, ה' רוהר, המתגורר בארצות־הברית.

ד"ר שמורק קווה שיצליח להגשים את חלומו ו־

יעלה ארצה עם משפחתו, שתי בנותיו למדו עברית. בשנת 1928 רכש אביהן כרטיס־נסיעה לארץ־ישראל בתקוה לרכוש לו בית, ולהביא את בני משפחתו. חוד־שיים לפני מועד־נסיעתו חלה באופן פתאומי, ולא יכול היה ללכת בגלל מחלה ממאירה, והוא נאלץ לוותר על הגשמת חלומו.

בפרוץ מלחמת העולם השניה פלשו גדודי צבא סוביטי לבורשטין וד״ר שמורק סבל תלאות ורדיפות: הוא גורש מביתו ועמד להאסר, אך הצליח להמלט ל־לבוב, הוכנס לבית־החולים ומצב בריאותו הלך והחמיר כשהגיעו הגרמנים ללבוב סבל, יחד עם כל בני עדתו, ענויים ורדיפות קשים מאד. בכבוש הנאצי לא היו לו אשליות בנוגע לגורל היהודים תחת שלטונם והצטער שמצב בריאותו מנע ממנו להמלט ליער אל הפרטיזאנים לחיות או למות שם. לא נראה לו גם התפקיד של חברי „יודנראט" וכשנכבדי הקהלה הציעו לו לכהן ב„יודנ־ראט" — סרב לקבל את התפקיד והסביר, שרק נוכל יוכל לשתף פעולה עם נאצים.

באוקטובר 1942 גורש יחד עם אשתו ואמו ובני עדתם לעיירה בוקצובצה ומשם נשלחו למחנה ההשמדה בבלז'ץ. בפעם האחרונה נראה ד״ר זאב שמורק הולך אל רכבת־המוות יחד עם אמו האהובה עליו. הרוצחים הלקום ובקשו להפרידם, אך הם המשיכו ללכת שלובי־זרוע ובי־דם עד הרכבת. שם הפרידום בכוח והם הוכנסו לקרונות זה לחוד וזו לחוד. ברטה שמורק מתה אחרי שהוכנסה לקרון. אמרו עליה, שזכתה לחסד מותה בעבור נדיבות לבה ומצוותיה, היא פעלה רבות למען עניים ויסדה גם „עזרת נשים" למען חולים ויולדות בעיירה

המרצחים לא רצו לפתוח את הקרון ולהוציא את הנפטרת ועצמותיה עברו עוד את הדרך עד מחנה ההשמדה.

אשתו של ד״ר שמורק לא היתה בבית כשבעלה נלקח על ידי הנאצים. בהגיע אליה הבשורה הנוראה, לא נמלטה על נפשה, לא רצתה לחיות לבדה והשתדלה להצילו במחיר חייה, היא הלכה לתחנת הרכבת ובקשה מן הרוצחים לחפש את בעלה ולקחת אותה במקומו. כמובן, לא הסכימו הרוצחים לשחרר את ד״ר שמורק והכניסו גם אותה לרכבת־המוות.

בתו הצעירה של ד״ר שמורק, יפת־מראה, ציירת, התגוררה בביאליסטוק. בעלה, ד״ר ברנצוויג, היה עורך־דין ועסקן ציוני, והוא היה בין הקרבנות הראשונים. זמן מה אחריו נספתה גם היא בשואה. גם אחיו של ד״ר שמורק, ציוני נלהב, נרצח בשבועות הראשונים לכבוש הגרמני. זכרונם לברכה!

מכל משפחתו נשארו רק בתו הבכירה ובן־אחיו, הם ניצלו ומתגוררים בישראל.

חורבן און אומקום

אין טאל פון יאמער און גרויל

גבית־עדות פון יאנקל פעלדמאן און זיין פרוי דאזיא

אויפגענומען דורך **י. פענסטער,** חיפה

איך וועל נישט איבערגעבן די אלע געשעהענישן וועלכע זענען פארגעקומען אין בורשטין באלד נאכן אריינקומען פון די דייטשן אין שטעטל און וועלכע זענען איבערגעגעבן געווארן דורכן ד״ר שומער און אנדערע. דאס ערשטע וויל איך דערציילן דעם אמת וועגן די בורשטינער יודנרעטלער. פון וועלכע די בלוטיקס־בארימטע זענען געווען פיליפ טאביאס און יהודה הערש פישמאן.

איך וויל אויך פארצייכענען א פאר געשעענישן, וועלכע איך גלייב, זיי זענען ווערט פארשריבן צו ווערן און וועלכע זענען פארגעקומען אין יענע שרעקלעכע צייטן אין אונזער שטעטל.

מיר פלעגן באקומען אויסגעטיילט אונזער ברויט דורכן יודנראט, א פערטל ברויט, דאס האט מען געגעבן די, וועלכע האבן געארבעט שווער, די אנדערע פלעגט אויסגיין די נשמה ווארטנדיק ביים יודנראט אויף א קליין שטיקל ברויט. ווען זיי האבן געוואלט, האבן זיי געגעבן און ווען נישט, דער איז אויסגעגאנגען. באהאנדלט האבן זיי אונז ווי הינט. דער פירער פונעם ארבעטס לאגער איז געווען יהודה הערש פישמאן. ווער עס האט זיך נישט צוגעשטעלט צו דער ארבעט לויט ווי ער האט געוואלט, האט מען אים אזוי געשלאגן, ביז ער איז צוזאמענגעפאלן. און שפעטער האט מען אים געשלעפט קראנקערהייט צו דער ארבעט, זעלטן האט זיך עמיץ אויסגעדרייט פון זייערע הענט, איך אליין האב דאס געפילט אויף מיין לייב.

דער אינזשינער בעראנאווסקי האט געשאפן א ספעציעלע ארבעטס־אפטיילונג וועלכע האט באדארפט בויען דעם וועג פאר מיליטערישע צוועקן. ער האט אויסגעקליבן א צאל געזונטע, שטארקע יידן און פארשטייט זיך, די וועלכע האבן געהאט ביי אים פראטעקציע. די אלע יידן האבן באקומען לעגיטימאציעס פון געסטאפא, בערך 30 מענטשן, איך בין אויך געווען צווישן זיי. דער יודנראט האט מער נישט געהאט קיין רעכט איבער די מענטשן — אבער איינמאל, צוריקקומענדיק פון דער ארבעט האבן אונז די יודנרעטלער פארהאלטן, מיר האבן געמיינט דאס זיי ווילן אונז איבערגעבן אין די דייטשע הענט, כדי אונז אומצוברענגען. זיי האבן אונז גענומען אויף דער מיליץ און אונז געזאגט דאס מען בעדארף די נאכט ארויסגעבן 40 יונגע יידן, וועכע מען האט א לאנגע צייט נישט געקענט כאפן. איך האב באלד, ווען איך האב נאר געקענט צווויסן געבן — געזאגט ער זאל אנטלויפן.

די דאזיקע צייט איז געווען א שרעקלעכע פאר די געפייניקטע בורשטינער יידן — א סך זענען געשטארבן פון הונגער, מען האט דס אָביסל ארעמע זאכן, וועלכע זענען געבליבן נאך אלע רויבערייען פון די דייטשן פארקויפט פאר א שטיקל ברויט, אדער א פאָר קאַר־

טאפל, מען פלעגט גיין אין בורשטינער וואלד א 5־4 קילאמעטער צוזאמענקלייבן א פאר צווייגן, כדי אונטערצוצינדן און א ביסל דערווארעמען זיך — אממיינסטן פלעגן די גוים אויפן וועג די פאר צווייגן צונעמען און נאך באגלייטן מיט גוטע קלעפ. ווען אלץ איז אויסגעגאנגען האבן די בורשטינער יידן אנגעהויבן פאלן פון הונגער, זיי זענען געשוואלן געווארן און געשטארבן. די טויטע פלעגן ליגן א פאר טעג, ווייל עס פלעגט נישט זיין ווער עס זאל זיי באגראבן. אלע זענען געווען אויסגעשעפט פון די כוחות.

בערך פאר יום כיפור 1942 איז פארגעקומען אין ראהאטין אן אקציע. דארט האבן אויסגעפעלט יידן, האט מען צוויסן געגעבן קיין בורשטין דאס מען באדארף געבן אהין 2 וואגאן יידן צום אומברענגען.

איך וועל דעם יום כיפור קיינמאל נישט פארגעסן. דער מורה הוראה ר' יואל גינזבורג זצ״ל האט געוואלט מען זאל נאך מתפלל זיין צוזאמען דעם יום הקדוש. עס זענען זיך צונויפגעקומען ביי שמואל מאסטעל אין שטוב א ביסל יידן. דער מורה הוראה האט א גאנצן טאג מתפלל געווען און געוויינט, ער האט געטרייסט די יידן און זיי געזאגט דאס זיי מוזן אננע־מען דעם גזר הדין, מען זאל קיין מורא נישט האבן, מען זאל אננעמען דעם גורל, מען זאל גיין מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ אנטקעגן דעם טויט. איך ווייס נישט ווי עס האבן זיך צו דעם שוואכן אויסגע־הונגערטן מענטשן גענומען דעמאלט אזויפיל איבער־מענטשלעכע כוחות און מוט.

א טאג נאך יום כיפור זענען אריין די דייטשן אין שטאט און אנגעהויבן שיסן יידן אין די גאסן. א סך געכאפט און זיי אוועקגעפירט קיין ראהאטין. מיין מו־טער פערל איז אויך דאמאלס אוועקגעפירט געווארן. די יידנרעטלער האבן געוווסט פון דער אקציע און זיי האבן באהאלטן זייערע פרויען און קינדער.

כמעט אין דער זעלבער צייט איז בורשטין גע־ווארן יודנריין מען האט אוועקגעפירט די יידן קיין בוקאצשאווצע. פון דארט האט מען זיי פארלאדן אין וואגאנען און אוועקגעפירט קיין בעלזעץ צום פארניכטן. דעם בורשטינער מורה הוראה זצ״ל האט מען גע־שאסן אין בוקאצשאווצע בשעת ער איז ארומגעגאנגען צווישן די יידן און זיי געטרייסט און מיט זיי וידוי געזאגט. מען האט אים מקבר געווען אויפן דארטיקן בית עלמין. אלע רעשטלעך פון די יידן פונעם גאנצן בעצירק האט מען צוזאמענגעטריבן אין ראהאטינער געטא.

אין דער זעלבער צייט האט נאך עקזיסטירט די אר־בעטס אפטיילונג פון בעראנאוסקי. די פאר יידן האט מען געהאלטען צוזאמען ביי יוסיע פעפער אין הויז. איינמאל זענען צו אונז אריין דייטשן — אונז ארויס־געטריבן און אנגעהויבן שיסן אויף אונז. איך בין לייכט פארוואונדעט געווארן און בין אנטלאפן, עס זענען דאמאלס דערשאסן געווארן: שמעון פעפער און שלמה פעפער פון סערנוק.

די זעלבע נאכט האב איך איבערגעלעבט ביי דער סקאלסקי, איך האב ביי איר געהאט באהאלטן זאכן. איך בין דאן אריין אין ראהאטינער געטע, ווו עס האט נאך געלעבט מיין פרוי און קינד. באלד האט מען צוזאמענגענומען אלע געזונטע יונגע מענער און זיי אוועקגעשיקט אין די ארבעטסלאגערן ביי בזשעזשאני און טארנאפאל — פון וועלכע מען איז שוין לעבעדיק נישט ארויס. א סך בורשטינער האט מען דעמלט אהין פארשלעפט, צווישן אנדערע, שלמה מאנדלבערג וועל־כער האט זיך מיט מיר געזעגנט און געזאגט: איך ווייס, איך גיי צום טויט. ווי שרעקלעך דאס איז. איך בין צוריקגעקומען פון ארץ ישראל, כדי צופאלן דא אין די מערדערישע הענט.

די יידישע מיליץ דארט האט מיר פארגעלייגט איך זאל צו זיי אריינטרעטן, אזוי ארום וועל איך האבן שאנסן צו בלייבן לעבן. איך האב זיך קאטעגאריש אפגעזאגט דערפון, פונקט ווי איך האב עס אויך געטאן אין בורשטין, כאטש מען האט מיר דערפאר מערדערלעך געשלאגן — און צוגענומען אלס פון דער שטוב.

דאן האבן זיי מיך אריינגענומען אין דער אפ־טיילונג, וואס האט באשפייזט די מענטשן. די יידישע מיליץ אין ראהאטינער געטא האט זיך בשתיקה פאר־נומען מיט פארקויפן פלייש, פאר דעם האט געדראט טויט שטראף, אבער אויך דא האט מען געוואלט פאר־דינען געלט, ווייל מען האט געגלייבט, דאס מיט דעם וועט מען זיך אויסקויפן. איך האב געארבעט ביים פלייש, איך האב א סך בורשטינער געהאלפן.

איינמאל איז געקומען א פארשטעלטער פאלקס־דייטש, וועלכער האט נאכשפיאנירט און געוואלט דער־גיין ווי מיר האבן דאס פלייש. ווען מיר האבן דער־

זעען, דאס מיר זענען אריינגעפאלן, האבן מיר אים געפאקט און אים געשטאכן און געמאכט אים אויפן ארט די קבורה.

אין עק פון געטא איז געשטאנען א הויז, אין דעם הויז האבן געוווינט בורשטינער: פיציע שנייוויס, פייערס פרוי, רבקה האבער און מיין איצטיקע פרוי דאזיע. עס האבן אויך געוווינט אנדערע מענטשן. אקע־גנאיבער אויף דער צווייטער זייט איז געשטאנען א הויז, אין וועלכן עס האבן געוווינט עס־עס־לייט. איינע פון זיי פלעגט זיך אוועקשטעלן מיט א געווער און עס אנצילן אויפן קעגנאיבערדיקן הויז. ווען עס פלעגט עמעץ ארויסגיין — האט זי באלד דעם מענטש אוועק־געשאסן. איך פלעג ביינאכט אהין אריינטראגן וואס איך האב נאר געקענט.

אין איינעם א טאג האבן די מערדער פארנארט הונדערטער קינדער און זיי אויסגעשאסן. זיי האבן צו־וויסן געגעבן אז מען וועט טיילן אין א געוויסער שעה ברויט די קינדער, זיי זאלן קומען. באקומען א שטיקל ברויט איז דאך געווען א לעבנספראגע, זענן געלאפן הונדערטער קינדער. אויף אזא בעסטיאלישן אופן זענען די אומגליקלעכע קינדער אומגעקומען.

נאכן ליקווידירן פונעם ראהאטינער געטא, האב איך זיך פארשאפט געווער. איך האב זיך געמאכט א בונקער ביי א גוי נעבן בורשטינער וואלד. יאנקיוו האט ער געהייסן. דאן בין איך געגאנגען זוכן מיין פרוי מיטן קינד, וועלכע זענען ארויס פונעם געטא בעת מען האט עס ליקווידירט. זיי זענען אוועק אין די פעלדער, לײדער האב איך זיי נישט געפונען. די מערדער האבן זיי געכאפט און אומגעבראכט.

קומענדיק צוריק אין בונקער האב איך דארט געטראפן דעם ד״ר שומער מיט זיין פרוי. זיי זענען געווען גאנץ צעבראכן. זיי האבן געוואלט באגיין זעלבס־מארד. מיר איז שווער געווען זיי אפצוהאלטן דערפון. מיר האבן צוזאמען אויסגעגראבן א גרעסערן בונקער, מיר זענען דארטן געזעסן צוזאמען ביי א האלב יאר צייט. איך פלעג מיט סכנת נפשות גיין אין די נעכט קיין בורשטין צו לאסעקן און ברענגען עפעס צום עסן. (לאסעק דער פאטאגראפירער) אהין פלעגט אויך קו־מען פאסט פון ד״ר שומערס טאכטער, וועלכע האט געלעבט אויף ארישע פאפירן.

נאכדעם ווי די רוצחים האבן אויסגעפונען א סך באהעלטענישן פון די רעשטלעך, וואס זענען נאך גע־בליבן נאכן אויסראטן די בורשטינער יידן, צווישן אנדערע: מונדזיע פישמאן, וועלוועל אסטראווער, לאטי בערנשטיין, וועלכע זענען העלדיש אומגעקומען, אויך בעראלע לאנדנר. נאכדעם האט אונז יאנקיוו ארויסגעטריבן.

מיר האבן זיך איבערגעטראגן אין דעם פוילישן דארף „לודויקובקא“, עס האט אונז אריינגענומען צו זיך אין שטוב דער פאָליאק קאָכמאן. ביי אים אין שטוב האבן מיר געמאכט א בונקער. דאס האט דעם גוי און זיין משפחה דערנאך געראטעוועט פון טויט, דאס איז געשען פאלגענד: אין פעברואר 1944 איז דאס געווען, די אוקראינישע נאציאנאליסטן זענען בא־פאלן דאס דארף לודויקובקא און עס פארברענט, די מענטשן האבן זיי נישט געלאזט אנטלויפן פון דעם פייער, ווער עס האט געפרוווט, האבן זיי געכאפט דערמארדעט. א קליינע צאל איז געבליבן לעבן פון די מאזורן (ווי מען האט זיי גערופן אין בורשטין). מיר זענען געבליבן אין בונקער, אויך ד״ר שומער און זיין פרוי און די משפחה קאכמאן. עס זענען אנגע־קומען דייטשן און צוזאמענגענומען אלע לעבנגע־בליבענע און זיי אוועקגעפירט. עס איז געווען א שטארקע קעלט, מיר האבן זיך אלע פארבונדן אין שמאטעס, און צוזאמען מיט די לעבנגעבליבענע פאליאקן האט מען אונז ארויסגעפירט פון דארף, מען מען האט אונז נישט דערקענט.

עס איז געווען אונט, מיר האבן זיך אריינגעווארפן אין שניי, געבליבן ליגן. ביינאכט זענען מיר אריין צום גלח מאריצקי אין קאראסטאוויטש, ער האט אונז געלאזט איבערנעכטיקן. נאך שווערע איבערלעבענישן בין איך צוריקגעקומען צו יאנקיוו נישט ווייט פונעם בורשטינער וואלד. אין וואלד זענען געווען באהאלטן אנדערע בורשטינער יידן, מיט וועלכע איך בין געווען אין קאנטאקט.

מיר האבן באקומען א בריוו פון דאזיע האבער מען זאל זי קומען ראטעווען, זי איז געווען באהאלטן אין א חורבה אויפן וועג קיין דעמיאנאוו. די קליידער זענען אויף איר געווען פארפוילט, זי איז געווען אין א שרעקלעכן צושטאנד. דערצו האבן זיך געפונען ארום דעם הויז דייטשע סאלדאטן, אין דער צייט האבן זיי זיך שוין אנגעהויבן צוריקציען פון רוסלאנד.

מיט שווערער מי האב איך זי פון דארט ארויסגענומען. זי איז אנגעקומען צו אונזער גוטן גוי יאנקיוו.

עס האט זיך פאר אונז אנגעהויבן דאס שרעקלעכע לעבן אין פעלדער און וועלדער ביי פארשידענע גוים אויף בוידעמס, נארעס, בונקערס און קעלערס. דאס גיין זוכן ביינאכט עסן, די דראונג יעדעס מאל געכאפט צו ווערן דורך די גוים און איבערגעגעבן צו ווערן אין די הענט פון די דייטשן, דער ווילן אבער צו לעבן האט אלץ גובר געווען.

מיין פרוי דאזיע די טאכטער פון רבקה און פיניע האבער, אַן אייניקל פון אברהמציע יוסל יונה׳ס, איז געבליבן נאכן ארויספירן די בורשטינער יידן פון בוקאצשאווצע צום פערברענען, דארט אין בוקאטשאווצע אויסבאהאלטנדיק זיך. אירע עלטערן, וועלכע מען האט דעמלט ארויסגעפירט אין ראהאטינער געטא, האבן איר איבערגעגעבן געלד און אויך גאלד. זי איז אוועק קיין לעמבערג און זיך דארט פארשאפט אַרישע פאפירן. אין לעמבערג האט מען אין יענער צייט געכאפט קריסטינס און זיי אוועקגעשיקט קיין דייטשלאנד אויף ארבעט. אין א שיינעם טאג האט מען אויך זי געכאפט. — עס איז אבער געפאלן באלד א חשד, אז זי איז א יידישע, מען האט זי געפירט אויף אַן אויספארשונג. עס איז איר געלונגען ארויסצושפרינגען פונעם טראמוויי. זי איז אריין אין לעמבערגער געטא, ווו עס האט נאך דאמאלס געלעבט איר פעטער איציק פעלדבוי. אין דער זעלבער צייט איז געשטארבן אין ראהאטינער געטא איר פאטער. די מוטער האט געשיקט צו איר א מארטינאווער פויער, וועלכער האט זי געבראכט צו איר אין ראהאטינער געטא. דארט איז זי געווען ביז צו דעם ליקווידירן פונעם געטא. דאס איז געווען יוני 1943 — זי האט זיך אויסבאהאלטן אין א בונקער, זי איז צוריק אוועק קיין בורשטין, געווען באהאלטן ביי גלאווינסקי, ביי יאנקוב און אנדרעע קריסטן. איך האב איר א סך געהאלפן. גאט דער איינציקער האט אונז ביידע געהאלפן און אונז מציל געווען פון די מערדערישע הענט. און א דאנק אים געפינען מיר זיך היינט אין ארץ ישראל. מיר האבן 3 קינדער זיי זאלן געזונט זיין און מיר לעבן שיין.

ווי געזאגט, וויל איך נאך איבערדערציילן א פאר געשעענישן.

דער העלדישער טויט

פון מונדזיע פישמאן, וועלוול אסטראווער און לאטי בערנשטיין.

אין דער צייט ווען בורשטין איז שוין געווען „יודנריין“, האבן נאך ארום דער שטאט געלעבט איינצעלנע יידן, באהאלטענע ביי גויים, אדער אין וועלדער. האבן אין דער „קאניושנע“ (די שטאלן א קעגנאיבער דעם פירסט פאלאץ) זיך אויסגעגראבן א בונקער, מונדזיע פישמאן, וועלוול אסטראווער און לאטי בערנשטיין. זיי האבן ביי זיך געהאט א רעוואלווער און א צאל קוילן. געהאלפן האט זיי דער קרומער שוסטער ראפעל, וועלכער איז געווען א שומר אין הויף. ער פלעגט זיי באזארגן מיט עסן. דאס איז געווען זומער 1943.

איך פלעג זיך אפט טרעפן מיט מונדזיע און וועלוולען, מונדזיע האט מיר געזאגט דאס וועלוול האט ביי זיך א סך געלט.

אין א שבת איז באפאלן די קאניושנע, אוקראינישע פאליציי מיט דייטש, וועלכער איז געווען זייער קאמענדאנט. דער בונקער איז געווען א גוטער, אבער עס איז געווען א מסירה פון דעם קוימענקערערס זון פעד בובען, ווי מען האט אים גערופן. די פאליציי האט אנגעהויבן צו רופן, זיי זאלן ארויס פונעם בונקער, וועלכן זיי האבן ארומגערינגלט. ווען מונדזיע האט דערפילט, אז זיי זענען פארלוירן, איז ער ארויס דער ערשטער מיטן רעוואלווער אין דער האנט. ער האט שווער פארוואונדעט דעם אוקראינישן קאמענדאנט. אויך דעם, וועלכער האט געשאסן פון א מאשינען ביקס, האט ער שווער פארוואונדעט. מונדזיע מיט לאטין זענען געפאלן. וועלוול האט געכאפט דעם רעוואלווער, איז אריין צוריק אין בונקער און איז ארויס פון אים דורך א צווייטער עפענונג, וועלכע האט געפירט צו אשר דייקסלערס גארטן. די רוצחים האבן אים נאכגעיאגט, וועלוול אסטראווער האט געקעמפט העלדיש. נישט ווייט פונעם הויז ווו עס האט געוווינט דער ד״ר שמאראק האט ער פארוואונדעט נאך אן אוקראינישן

פאליציאנט. שוין א פארוואונדעטער, בלוט האט זיך פון אים געגאסן, האט ער אלץ געשאסן אויף די אים נאכיאגענדיקע מערדער. ער איז געפאלן אויסער דער שטאט, פעד׳ס זון האט אים דערשאסן.

כבוד זייער אנדענק! זייער העלדישער טויט איז א שטראל פון ליכט און ערע, אין דער פינצטער־ניש פון חורבן און אומקום פונעם גאנצן שטעטל אונ־זערן.

מיר נעמען נקמה.

דער קוימענקערער פעד בובען האט זיך בלוטיק באטייליקט אינם אויסראטן די בורשטינער יידן. זיין זון האט מיטגעארבעט מיט די דייטשן. א סך יידן, וואס זענען געווען באהאלטן אין בורשטינער וואלד אדער צווישן גוים, זענען דורך זיי אויסגעגעבן געווארן — אפט מאל, דורך זיי אליין אומגעבראכט געווארן. צווישן אנדערע: שמואל מאסטעל מיטן זון און שייקע גרא־נאוויטער.

מיר, א גרופע יידן אין וואלד, האבן באשלאסן, צו נעמען נקמה. מיר האבן זיך איבערגעטאן פאר פוי־ערים. ביינאכט זענען מיר אריין אין שטאט, מיר האבן געכאפט דעם נאכטוועכטער, א גוי, וועלכער האט זיך געפונען אויף דער גאס געצווונגען אים מיט אונז מיטצוגיין. מיר זענען צוגעקומען צו פעד׳ס הויז. מיר האבן געהייסן דעם גוי ער זאל א קלאפ טאן אין פענס־טער און ארויסרופן פעדן, ער האט אזוי געטאן, ווען פעד איז ארויסגעקומען — האבן מיר אים געכאפט און געשחטן אויפן פלאץ. זיין פרוי איז ארויס האט זי אויך אירס באקומען. דעם זון, דעם מערדער האבן מיר נישט געפונען. שפעטער האבן מיר זיך דערוווּסט, דאס ער איז געלעגן באהאלטן אין אויוון — דאס איז געווען א גרויסער שאד. עס האבן זיך באטייליגט אין דעם: אויך קלמן שרה דער בעקערינס און בוקא־צשאווצער יידן.

פעד׳ס זון איז אוועק פון בורשטין. די בורשטינער גוים האבן א סך געלערנט דערפון. אונזער לאגע אין וואלד איז געווארן בעסער, די גוים פלעגן אונז נישט טשעפען נאך דעם פאל.

קלמן שרה דער בעקערינס

נאך אין דער צייט ווען דאס ראהאטינער געטא האט עקזיסטירט האט קלמן געקעמפט מיט געווער קעגן די דייטשן. ער מיט א גרופע יידן האבן אטאקירט דייטשן אויפן וועג ביי קאנושקי. א טייל פון די דייטשן זענען געטויט געווארן, זיי זענען אבער געווען אין א גרויסער צאל. מען האט קלמנען מיט נאך 3 יידן גע־כאפט און זיי געבראכט אין ראהאטינער געטא. דארט האט מען זיי אלע 4 געשאסן. מען האט זיי איבערגע־געבן די יידן צום באגראבן. די יידן האבן באמערקט דאס קלמן לעבט, ער איז נאר שווער געטראפן אין קאפ, אבער ער האט געלעבט. מען האט אים באהאלטן. אויף זיין פלאץ האט מען געגעבן אן אנדערן גוף, קיין מתים האבן נישט געפעלט, יעדן טאג זענען געווען צענדליקער טויטע, וועלכע זענען געשטארבן אויף טיפוס.

קלמן איז געזונט געווארן, או איז אנטלאפן אין די וועלדער ווו ער האט געלעבט א שטיק צייט. שוין נאענט פאר דער באפרייאונג איז דער וואלד איבערגע־פאלן געווארן דורך קאלמיקן, דאס זענען געווען רו־סישע געפאנגענע, וועלכע זענען איבערגעגאנגען צו די דייטשן. פון וולאסאווס באנדע. די דייטשן האבן גע־שיקט זיי צו פערניכטן דאס רעשט ביסל יידן, וועלכע האבן געלעבט אין די וועלדער.

צו יענער צייט האבן די יידן געהאט געווער און האבן געשטעלט א פארביסענעם ווידערשטאנד. די דייטשן האבן נישט געוואלט ריזיקירן מיט זייערע קעפ, האבן זיי געשיקט די קאלמיקן. אין אזא קאמף מיט קאלמיקן איז קלמן העלדיש אומגעקומען. מיט געווער אין האנט איז ער מיט כבוד געפאלן.

מיט כבוד און אכטונג וועלן מיר זיין נאמען דערמאנען.

עס איז געשען א ווונדער

א שטיק צייט פארן פארניכטן די בורשטינער יידן, האבן מיר שוין געוווסט דאס די דייטשן פירן פלאנמעסיק דורך דאָס אויסראטן פונעם מזרח־גאליציאנער יידנטום. עס זענען אפט פארבייגעגאנגען דורך בורשטין, באנען, אנגעשטאפטע מיט האלב טויטע יידן, וועלכע מען האט געפירט צום פארברענען. א סך יידן פלעגן שפרינגען פון די לויפענדע באנען, א טייל פון זיי איז געטויט געווארן אויפן פלאץ, א טייל האט מען געכאפט. גאר א קליינער צאל איז געלונגען צו אנטלויפן און אנקומען אין א וואלד אדער א מקום ווו עס האבן נאך געלעבט יידן.

די, וועלכע מען האט געכאפט, האט מען באלד דערשאסן. איינמאל זענען געשפרונגען א צאל יידן אין דער געגנט פון בורשטין. מען האט געכאפט 11 יידן און זיי געבראכט אין שטאט. עס האט זיך געפונען אין בורשטין א דייטש, וועלכער האט ספּעציעל געהאט הנאה צו דערשיסן די אומגליקלעכע מענטשן. א ספעציעלן סאדיזם האט ער ארויסגעוויזן צו קינדער.

אויך דאסמאל האט ער אויסגעשטעלט די 11 יידן צום שיסן. 9 פון זיי האט ער שוין אומגעבראכט, עס זענען געבליבן א מוטער מיט א ייִנגעלע פון א יאר 7. דער מערדער הייסט דעם קינד זיך אויסדרייען. ער שטרעקט אויס דעם רעוואלווער, דארף נאר א דריק טאן דאס צינגל, נאר דא געשעט עפעס ווונדערלעכס, דאס קינד דרייט זיך אויס צום דייטש און שמייכלט. דער רוצח בלייבט שטיין מיטן אויסגעשטרעקטן רעוואלווער ווי פארשטיינערט. דער תלין, וועלכער האט שוין אומגעבראכט הונדערטער מענטשן, צווישן זיי א סך קינדער, די בעסטיע וועלכע האט קיינמאל קיין רחמנות נישט געהאט ווען קינדער זענען צו זיינע פיס געפאלן און געבעטן דאס לעבן. זיין האנט האט קיינמאל קיין ציטער נישט געטאן, איז פּלוצלונג פונעם קינדס שמייכל צעטומלט געווארן. דער רעוואלווער איז אים ארויסגעפאלן פון דער האנט און ער איז געפאלן אין חלשות. ווען ער איז געקומען צו זיך, האט ער באפוילן דעם אוקראינער סטעק, וועלכער האט געשאסן צענדליקע בורשטינער יידן, ער זאל אוועקפירן דאס קינד צום יודנראט. ער האט אים געמאכט פאראנווארטלעך פארן קינד. דער דייטש איז געלעגן א צייט לאנג קראנק ביי טאנקע מאסקעוויטין. ער האט באפוילן, מען זאל צו אים ברענגען יעדעס מאל דאס יידישע קינד, דאס האט אים בארואיקט.

ווען בורשטין איז געווארן יודנריין, איז דאס קינד נעלם געווארן מיט דער מוטער, איך ווייס נישט וואס מיט זיי איז געשען.

דער גאנג איבער אלע גיהינומס

די איבערלעבענישן פון יאנקל גלאצער

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

אויפגענומען דורך **י. שמולעוויטש**, ניו־יארק

פאר דער מלחמה האב איך מיט מײַן פאמיליע געוווינט אין דעם שטעטל בורשטין. צוזאמען מיט מיין פרוי און דריי קינדער האב איך געוווינט אויף דער הערצל־גאס. איך האב געהאט א יאטקע און מיר האבן געלעבט ניט שלעכט.

ווען עס איז, אין סעפטעמבער 1939, אויסגעבראכן די מלחמה זיינען די סאוועטן אריינגעקומען אין אונזער שטעטל צוויי טעג פאר ראש השנה. זיי האבן גלייך גענומען ארויספירן געוועזענע רייכע יידן און קריסטן. די סאוועטן האבען קאנפיסקירט ביי די יידן די פארמעגנס, ביי מיר האבן זיי צוגענומען מיין יאטקע. א יידישער קאפיטאן פון דער סאוועטישער ארמיי האט דאן צו מיר געזאגט, אז אויב איך וויל לעבן רואיק און בלייבן אויפן ארט, ניט ארויסגעפירט ווערן, זאל איך אוועקגיין ארבעטן צו די סאוועטן אלס פשוטער ארבעטער, איך זאל פארגעסן וואס עס איז געווען פריער, ווייל „ביי אונז זיינען קיין סוחרים ניט פאראן". און אויב איך וועל אזוי ניט טאן, האט דער יידישער קאפיטאן צו מיר געזאגט, וועט מיט מיר זיין שלעכט.

איך האב אנגעהויבן ארבעטן ביי די סאוועטן אין א „פראמקאמבינאט" פון פלייש־אויסארבעטונגען. מען האט דארט געארבעט זייער שווער, לאנגע שעהן אין טאג און מען האט פאר דער ארבעט באקומען וויניק באצאלט. איך האב פאר מיין ארבעט באקומען אזוי פיל א חודש, וואס האט מיר קוים געסטאיעט דורכצולעבן איין וואך. זייער פיל געוועזענע ארעמע אוקראינער פון שטעטל האבן גלייך גענומען מיטארבעטן מיט די סאוועטן און גענומען מסרן אויף יידן.



יאנקל גלאצער און זיין פרוי

א סך אוקראינער האבן פאר די סאוועטן אנגעוויזן אויף געוועזענע יידישע קרעמער, אז זיי האבן פאר דער מלחמה גענומען טייערע פרייזן ביי דער באפעלקערונג פאר פארשידענע סחורות. מען האט די דאזיקע יידן ארויסגעפירט קיין טיף־רוסלאנד, מסתמא קיין סיביר. א סך אוקראינער זיינען אויך טעטיק געווען אין דער סאוועטישער מיליץ אין שטעטל.

אזוי איז דאס געגאנגען ביז עס איז אויסגעבראכן

די דייטש־סאוועטישע מלחמה, אין חודש יוני 1941.
נאך דעם ווי די דייטש־סאוועטישע מלחמה איז אויסגעבראכן און די היטלעריסטען זיינען געגאנגען פאראויס אין פארשידענע ערטער, זיינען די סאוועטן נאך געווען אין אונזער שטעטל איין וואך צייט. די סאוועטן זיינען אוועק פון אונזער שטעטל אויף א רואיקן אופן און א סך יידן, וואס האבן פריער מיט זיי מיטגעארבעט, זיינען אוועק פון בורשטין צוזאמען מיט די אפטרעטנדיקע סאוועטן. נאך דעם ווי די סאוועטן זיינען אוועק איז דאס שטעטל געווען דריי טעג פריי, אן סאוועטן און אן די דייטשן, וועלכע זיינען נאך ניט געהאט אריינגעקומען. דאס האט אזוי געדויערט פון מאנטיק ביז דאנערשטיק. די אוקראינער פון שטעטל, א סך צווישע זיי וואס האבן פריער מיטגעארבעט מיט די סאוועטן, האבן אנגעהויבן ארומגיין אין יידישע הייזער און ראבירן און זיי האבן געזאגט צו אונז יידן, אז באלד וועלן אריינקומען די היטלעריסטן, עס איז געקומען די צייט ווען מען וועט אלע יידן אויסשעכטן.

דאָנערשטיק אינדערפרי, דעם 3־טן יולי 1941, בין איך געשטאנען אויף א פעלד הינטערן שטעטל און געפאשעט מיינע בהמות. איך האב געזען פונדערווייטנס פארן מיליטער, אבער איך האב ניט געווסט ווער דאס איז. ווען דאס מיליטער האט זיך דערנענטערט האב איך געזען, אז דאס זיינען דייטשן. זיי האבן ניט געוווסט, אז איך בין א ייד און זיי האבן מיך געפרעגט ווו עס פירט דער וועג קיין אינאשקיוו (Jnaszków), האב איך זיי געוויזן. ווי נאר איך האב דערזען די דייטשן בין איך אוועק פון פעלד מיט די בהמות גייענדיק אהיים. אויפן וועג האט מיך געטראפן א באקאנטער אוקראינער, א רייכער פויער, און ער האט מיך אנגעהויבן שלאגן. ווען איך בין אהיימגעקומען בין איך געלעגן אין בעט צוויי וואכן פון די קלעפ, וואס איך האב באקומען פון דעם פויער. ווי נאר דער פויער האט מיך געשלאגן בין איך אריין צו אן אוקראינישער לאיער, סקולסקי וואס איז פאר דער מלחמה געווען מיינער א גוטער באקאנטער. די דייטשן זיינען נאך דאן ניט געווען אין שטעטל און איך האב געוואלט, אז דער באקאנטער לאיער זאל זיך פאר מיר אננעמען, וואס דער פויער האט מיך געשלאגן. ווען איך האב געזאגט צו דעם באקאנטן אדוואקט, סקולסקי, „ראטעווע מיר דאס לעבן" האט ער מיר דערויף געענטפערט: „גיי אוועק, אויב ניט וועל איך אליין דיך הרגענען". דאס איז געווען דער ענטפער פון מיין בעסטן פריינט!

אפליגענדיק אין בעט צוויי וואכן צייט בין איך ארויס פון מיין הויז אין גאס אריין. איך האב דארט געטראפן שטיין א בעקער פון בורשטין, יאנקל פילפעל, וועלכער האט צו מיר געזאגט: — גיב א קוק ווי מען פירט דעם רב פון אונזער שטעטל, ר' הערצל לאנדאו.

קוקנדיק האב איך געזען ווי דער רב ווערט געפירט דורך די צוויי אוקראינישע ברידער, איוואנטשוק, וואס האבן געוווינט אין דארף מארטינוו (Martynów). דאס זענען געווען מיינע באקאנטע שקצים בין איך צו זיי צוגעגאנגען און געפרעגט: פארוואס פירט איר עפעס אונזער ראבי?

די שקצים האבן מיך אויך גלייך צוגענומען און געפירט צוזאמען מיטן רב. דערביי איז דורכגעגאנגען דער יינגערמאן פון שטעטל, ישראל שווארץ, האבן זיי אים אויך געוואלט צונעמען צוזאמען מיט אונז, אבער ער איז אנטלאפן. די צוויי שקצים האבן אנגעהויבן נאכיאגן דעם יינגערמאן און מיך מיט דעם רב האבן זיי געהייסן זיך אוועקלייגן אויף דער ערד און ליגן ביז זיי וועלן צוריק קומען. ווען די צוויי שקצים האבן גענומען נאכיאגן דעם יינגערמאן, ישראל שווארץ, האב איך זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און אנגעהויבן אנטלויפן. אויך דער רב, ר' הערצל לאנדאו, האט זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן לויפן מיט מיר. איך בין דאן אריינגעלאפן אין דעם גארטן פון אוקראינער, אילקי גאָי, אויך דער רב איז געלאפן אין דער זעלבער ריכטונג. אין דעם מאמענט זיינען אנגעקומען אנדערע שקצים און זיי האבן דעם רב געכאפט און אים אוועקגעפירט מיט זיך.

ווען איך בין געלעגן אין דעם גארטן פון דעם אוקראינער האב איך פון דרויסן געהערט געשרייען „שמע ישראל" און אויך שיסערייען. געווען איז דאס לעבן שול. דאס האט אזוי געדויערט פון 3 נ.מ. ביז 11 ביינאכט. מען האט דאן צונויפגעטריבן די יידן אין דער שול אריין און אוקראינער האבן ביי די יידן אפגעשוירן א טייל פון די בערד און זיי געשלאגן און געפייניקט. א זייגער 11 ביינאכט האט, מיני טאביאס, דער עלטסטער פון „יידנראט" זיך פארשטענדיקט

מיט דעם עלטסטן פון געסטאפא, וואס איז שוין דאן געווען אין שטעטל און אנגעפירט מיט דער אוקראינישער מיליץ. ער האט דעם געסטאפא־מאן צוגעזאגט טיי, גאלדענע זייגערס א.ד.ג. און מען זאל די יידן ניט שלאגן און פייניקן. מען האט דאן די יידן אויפגעהערט פייניקן אין דער שול און מען האט זיי אפגעלאזט. צומארגענס האט איין ייד ניט דערקענט דעם צווייטן אין שול, ווייל די מערסטע יידן האבן געהאט אפגעברענטע אדער אפגעשווירענע בערד. ווען מען איז דעם זעלבן טאג געקומען צו דער לויה פון משה דעם רויטען, וועמען די אוקראינער האבן דערשאסן, האט איין ייד ניט דערקענט דעם צווייטן, כאטש מען האט זיך געקענט פון קינדווייז אָן אין משך פון לאנגע יארן.

אין מיטן דער נאכט, ווען איך בין געלעגן אין דעם גארטן ביים פויער, איז מיר געווארן זייער קאלט פאר שרעק און איך האב שטארק געקלאפט מיט די ציין און זיך געווארפן. דער אוקראינער, אילקי גאַי, איז געשלאפן אין א סטאדאלע אין גארטן און ער האט געהערט, אז עמיץ געפינט זיך דארט. ער איז אראפגעקומען אין גארטן, מיך דערזען און ער האט מיך ארויפגענומען אין דער סטאדעלע צו זיך ווו ער האט מיך אריינגעלייגט אין היי אריין. אין דעם מאמענט זיינען אנגעקומען אוקראינער וואס זיינען ארומגעגאנגען און געזוכט אויסבאהאלטענע יידן. זיי האבן דעם פויער געפרעגט צי ער האט ניט געזען זיך דא ארומדרייען יידן, ער האט געזאגט, אז ניין, און מיך ווייטער אויסבאהאלטן. דער דאזיקער פויער איז געווען מיינער א שכן, דער גארטן און זיין הויז האט זיך געפונען ניט ווייט פון מיין וווינונג. צומארגענס אין דערפרי בין איך אוועק צו מיר אין שטוב אריין. מיין פרוי האט מיר דערציילט, אז זי איז צוזאמען מיט די קינדער אויך געווען אויסבאהאלטן א נאכט פריער אין א סטאדעלע פון זעלבן גוי אבער ער האט וועגן דעם ניט געוווסט.

אין צוויי וואכן ארום נאך דעם ווי די דייטשן זיינען אריינגעקומען קיין בורשטין האבן זיי געפאדערט פון די יידן א קאנטריבוציע. זיי האבן זיך געהייסן געבן א האלבן מיליאן זלאטעס אין זילבער. אין משך פון צוויי טעג האט מען זיי דאס געגעבן, וואס די יידן האבן צוזאמענגענומען צווישן זיך. מיני טאביאס, דער עלטסטער פון „יידנראט“, האט אונז דאמאלט איינגערעדט, אז אויב מיר וועלן געבן די דאזיקע קאנטריבוציע וועלען די דייטשן שוין מער ניט טשעפן די יידן.

איך האב דאן ניט געהאט קיין געלט צושטייער צו געבן צו דער קאנטריבוציע, וואס דער „יידנראט“ האט געפאדערט ביי אלע יידן, די סומע וואס איז באשטימט געווארן, אז איך זאל געבן. בין איך דאן ארויס אין מארק אריין מיט צוויי פון מיינע בהמות, כדי דאס צופארקויפן און קענען צושטייער געבן פאר דער קאנטריבוציע, וואס מען האט געדארפט געבן פאר די דייטשן. אבער די פויערים האבן צווישן זיך גערעדט, אז מען זאל ביי מיר ניט קויפן די בהמות, ווייל מען וועט דאס ביי מיר סיי־ווי־סיי צונעמען אן געלט.

צומארגנס, ארום 3 פארטאגס, איז צו מיר געקומען פיטשע שנייוויס, פון „יידנראט“, און ער האט ביי מיר געפאדערט, אז איך זאל געבן מיין חלק פאר דער קאנטריבוציע. איך האב גענומען מיינע פיר בהמות און זיך מיט זיי ארומגעדרייט צו פארקויפן, אבער איך האב זיי ניט געהאט וועמען צו פארקויפן. איך בין דאן אריין צו אן אוקראינישער פויערטע, קאפטשינסקי און איר פארגעשלאגן צו פארקויפן אלע פיר בהמות פאר 1.500 זלאטעס. די קריסטין האט צו מיר געזאגט:

— נעם דיר 1.500 זלאטעס אין זילבער, גיי קויף זיך אויס און האלט ביי זיך ווייטער די פיר בהמות.

איך האב דאס געלד גלייך אוועקגעטראגן צום „יידנראט“. ווי נאר איך האב באצאלט אין „יידנראט“ די 1.500 זלאטעס, איך בין געשטעלט געווארן מיט אזא סומע, האב אין צוויי שעה ארום באקומען א צעטל פון „יידנראט“, אז איך זאל צושטעלן נאכאמאל 1.500 זלאטעס אין זילבער. איך בין ווידער אוועק צו דער זעלבער פרוי קאפטשינסקי, האט זי מיר ווידער געגעבן נאך 400 זילבערנע זלאטעס, וואס זי האט נאך געהאט און איך האב דאס אוועקגעטראגן. אין „יידנראט“ אין בורשטין זיינען דאן געווען: מיני טאביאס, פיליפ טאביאס, וואלף גראנאוויטער, עליאש ראזין, יהודה־הערש פישמאן, איציק ראָהער. מיני טאביאס איז געווען דער ערשטער עלטסטער פון „יידנראט“. נאך דעם ווי מען האט שוין ביי די יידן געהאט צוגענומען די פארמעגנס האבן זיי געפאדערט, אז דער „יידנראט“ זאל זיי צושטעלן 250 יידן, וואס זאלן ארויסגעפירט

ווערן אין די לאגערן אריין. ווען מען האט ביי מיני טאביאס געפאדערט די 250 יידן האט ער צונויפגערופן אלע יידן אין דער שול אריין און צו זיי געזאגט:

— ביז איצט בין איך גרייט געווען ביי אייך בלויז צוצונעמען דאס פארמעגן, אבער איצט, ווען מען וויל יידישע לעבנס וויל איך מער ניט זיין. איך וועל זיך איבערגעבן צו די דייטשן און זאל מען מיך הרגנען; איך האב געמיינט, אז מיט די פארמעגנס וועל איך קענען אויסקויפן אייערע לעבנס.

מיני טאביאס האט זיך אפגעזאגט אלס עלטסטער פון דעם „יידנראט" און אויף זיין ארט איז געווארן, פיליפ טאביאס, זיינער א קוזין, א לאַיער. ער האט שוין יא ארויסגעגעבן צו די דייטשן וויפל יידן זיי האבן נאר געוואלט. ער האט אפילו ארויסגעגעבן מער; ווען מען האט געפאדערט 100 יידן, האט פיליפ טא־ביאס געגעבן 125. מיני טאביאס, דער פריערדיקער עלטסטער פון „יידנראט", איז קראנק געווארן און ער האט זיך ניט געלאזן ראטעווען. ער האט געזאגט, אז ער וויל ניט לעבן און צוזען ווי מען פערפייניקט יידן, ער וויל בעסער שטארבן. ער איז געשטארבן אין ראהאטינער געטא פאר פסח 1943. פיליפ טאביאס דאקעגן האט איבערגעלעבט די מלחמה. ער געפינט זיך איצט אין ברעסלאו (ווראצלאוו). ער האט זיך געשמדט און ער איז דארט א לאַיער.

דער געטא אין בורשטין אין געשאפן געווארן גלייך נאכדעם ווי די דייטשן זיינען אריינגעקומען אין שטעטל. די יידן האבן געמעגט וווינען נאר אין דער יידישער געגנט און ניט געטארט קומען אין באַרי־רונג מיט דער קריסטלעכער באפעלקערונג. מיר זיינען דאן געווען אין בורשטינער געטא ביי 2.500 יידן. יעדעס מאל האט מען ארויסגעפירט יידן פון געטא אויף ארבעט צו שטיינהאקעריי אין טארנאפאלער געגנט. מען האט דארט געארבעט זייער שווער און פיל יידן זיינען ביי דער ארבעט געשטארבן. מען האט די יידן ניט געגעבן צו עסן און ווען זיי זיינען גע־שוואכט געווארן פון הונגער האבן די דייטשן זיי דער־שאסן אויפן ארט. אין לעיקוווד, נ.י. געפינען זיך איצט די צוויי ברידער, שמואל און איציק־משה דרו־קער, וועלכע זיינען געווען אין די דערמאנטע שטיינ־האקערייען אויף ארבעט.

דעם 10־טן אקטאבער 1942, 10 אין דערפרי, געווען איז דאס א צוויי, דריי טעג נאך יום כיפור, האט מען אין געטא פון בורשטין ארויסגעהאנגען פאר־ארדענונגען פון די דייטשן, אז ביז 3 נ.מ. דעם זעלבן טאג טאר זיך מער ניט געפינען קיין איין ייד אין בורשטין, אז אלע מוזן אוועקגיין קיין בוקאטשאָווצע (Bukaczowce). נאך פריער, יום־כיפור, זיינען 200 יידן ארויסגעפירט געווארן קיין ראהאטין (Rohatyn). דער „יידנראט" אין ראהאטין האט דאן באקומען אן אויפפאדערונג פון די דייטשן צוצושטעלן 500 יידן, וואס זאלן ארויסגעפירט ווערן אין די פארניכטונגס־לאגערן אריין. האט דער עלטסטער פון „יידנראט" אין ראהאטין, אמאראנט, געמאכט אזוי, אז ראהאטין זאל צושטעלן 100 יידן, און בורשטין און בוקאטשאָווצע זאלן צו־שטעלן צו 200 יידן. די 500 יידן זיינען דאן אפגעפירט געווארן צו דער סטאנציע אין ראהאטין און פון דארט ארויסגעפירט געווארן אין וואגאנען, מען האט ניט געוווסט וווהין.

ווען עס איז, דעם 10־טן אקטאבער 1942, ארויס־געהאנגען געווארן די פאראָרדענונג אין בורשטינער געטא, זיינען אלע יידן פון דארט אוועק אין דער באשטימטער צייט קיין בוקאטשאווצע. ווען מיר זיינען אנגעקומען קיין בוקאטשאווצע האט מען אונז געבראכט אויף א קליינעם פלאץ, ווו עס זענען אויף איין ארט שוין געהאלטן געווארן אלע יידן פון בוקאטשאווצע. די יידישע געסלעך זיינען דארט געווען קליינע און מיר, די געקומענע יידן פון בורשטין, האבן זיך ניט געהאט ווו איינצוארדענען. האט דער בירגערמייסטער פון באקאטשאווצע צונויפגערופן די גוים און זיי גע־הייסן זיך ארויסציען פון זייערע דירות פון איין גאס, אז זיי זאלן גיין צו זייערע משפחות, מען זאל אפגעבן די גאס מיט די אויסגעליידיקטע וווינונגען צו די געקו־מענע יידן פון בורשטין, אז מען זאל ניט בלייבן אין דרויסן אויף דער גאס. די גוים האבן אבער ניט גע־וואלט הארכן דעם בירגערמייסטער. האט דער ביר־גערמייסטער טעלעפאנירט צום דייטשן לאנדעס־ראט אין ראהאטין און זיך אנגעפרעגט, וואס ער זאל טאן?

דער געסטאפא־פירער פון לאנדס־ראט אין ראַ־האטין איז גלייך אראפגעקומען אויפן ארט קיין בוקא־טשאווצע און ער האט צונויפגערופן די גוים אויף א מיטינג אין מיטן גאס. ער האט צו זיי געזאגט, אז די יידן האבן אן אורטייל פארניכטעט צו ווערן אין עלף

טעג אַרום, מען דאַרף זיי דעריבער דערווייל געבען וווינונגען ווו צו זיין. מיר, די יידן פון בורשטין, זיינען דאַן געלעגן לעבן מאַרק אין בוקאַטשאָווצע ווו עס איז פאָרגעקומען דער מיטינג און מיר האָבן אַליין געהערט די ווערטער פון דעם געסטאַפּאָ־פירער פון לאַנדעס־ראַט, ווען ער האָט דאָס געזאָגט צו די פאַרזאַמעלטע קריסטן. ער האָט צו זיי גערעדט אויף דייטש און אַ דאָלמעטשער האָט איבערגעזעצט אויף אוקראַיִניש. די גוים האָבן זיך גלייך נאָך דעם אַרויסגעצויגן פון די וווינונגען אין איין גאַס ווו עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן די געבראַכטע יידן פון בורשטין.

אין 11 טעג אַרום, אַזוי ווי עס האָט צוגעזאָגט דער געסטאַפּאָ־פירער, איז טאַקע פאָרגעקומען אַ שחיטה איבער די יידן אויפן אָרט ווו זיי זיינען געווען צונויפגענומען אין בוקאַטשאָווצע. עס זיינען אָנגעקומען דייטשן און אָנגעהויבן טרייבן און אַרויספירן די יידן. די יעניקע יידן, וואָס האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן, זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. פּופּציק פּראָצענט יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן פּלאַץ, זיינען דאַן דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן. דעם זעלבן טאָג איז אַזאַ שחיטה אויך פאָרגעקומען אין ראָהאַטינער געטאָ. אַ סך יידן זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן און אַ סך יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

ווען די דייטשן זיינען אָנגעקומען און עס האָט זיך אָנגעהויבן די שחיטה אין בוקאַטשאָווצע בין איך אַוועק צו מיינעם אַ באַקאַנטען, ישׂראלקע דאָוויד, מיט מיין פרוי און קינדער. דער דאָזיקער ייד האָט גע־וווינט אין בוקאַטשאָווצע און ער האָט געהאַט אַ רעס־טאָראַן, איך האָב זיך מיט אים גוט געקענט פון פאַר דער מלחמה. ער האָט מיך מיט מיין פרוי און דריי קינדער אַוועקגעפירט צו אַ שכן, אַ ייד מיטן נאָמען וואָלף פון דאָרף טשאַרוּוו (Czarów). דער דאָזי־קער ייד האָט ביי זיך אין דער וווינונג נאָך פריער געהאַט אויסגעבויט אַ בונקער צווישן צוויי ווענט וווּהין מען איז אַריינגעגאַנגען דורך אַן עפענונג פון בוידעם. איך האָב דעם ייד באַצאָלט, אַז ער זאָל אַריינ־לאָזן אין בונקער מיין פרוי מיט אונזערע צוויי מיידע־לעך און אַ שכנטע, מינקע שומער. איך מיט מיין יינגל האָבן שוין אַהינצו ניט געקענט אַריינגיין. איך האָב אַריינגעפירט מיין פרוי מיט די צוויי מיידעלעך אין דעם בונקער אַריין און איך מיט מיין יינגל בין אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין. איך בין אַנטלאָפן אין די וועלדער פון וויטאַן (Witany).

זייענדיק אין וואַלד פון וויטאַן בין איך דאָרט אַוועק צו דעם אוקראַיִנישן פּויער, איוואַן שקורלאַק, און אים געגעבן 15 דאָלאַר, צוויי פּאָר גאָלדענע אויר־רינגלעך און מיין ווייבס קדושין־רינגל, אַז ער זאָל מיך מיט מיין זון ביי זיך אויסבאַהאַלטן. געווען איז דאָס דעם 22־טן אָקטאָבער 1942. דער פּויער האָט דאָס אַלץ ביי מיר צוגענומען און מיך מיטן יינגל אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערער ליידיקער שטוב, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין הויז. אין אַ שעה אַרום האָט דער פּויער אַהינצו אַריינגעבראַכט נאָך 13 יידן אויסצובאַהאַלטן, ביי וועלכע ער האָט צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זיי האָבן פון זיך אַליין אים אָפּגעגעבן, כדי ער זאָל זיי ראַטעווען. ער האָט אונדז דאָרט געהאַלטן פון זונטיק פרי ביז מאָנטיק ביינאַכט. איך האָב דאַן אויך באַזונדער באַצאָלט דעם פּויערס פרוי, אַז זי זאָל גיין קיין בוקאַטשאָווצע און געוואויר ווערן וואָס מיין פרוי מיט די קינדער מאַכן אין דער באַהעלטעניש, צי זיי געפינען זיך אויפן אָרט ווו איך האָב זיי פאַרזאָרגט? איך האָב דער קריסטלעכער פרוי געגעבן דעם אַדרעס ווו עס געפינט זיך די באַהעלטע־ניש ביי דעם ייד, זי איז צוריקגעקומען און מיר גע־בראַכט אַ סימן פון מיין פרוי.

ווען דער גוי, ביי וועמען איך מיט מיין יינגל און נאָך דרייצן יידן זענען געווען אויסבאַהאַלטן, האָט געזען, אַז די יידן גיבן אים געלט און גאָלד האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די יידן האָבן ביי זיך נאָך אַזעלכעס נאָר מען גיט דאָס אים ניט אַוועק. ער האָט אונטער־געשטעלט זיין ברודער, מיכאַילאָוו שקורלאַק, וועלכער איז מאָנטיק ביינאַכט (אויפן דריטן טאָג ווי מיר זיינען ביי דעם פּויער געווען אויסבאַהאַלטן) געקומען אין דער שטוב ווו מיר זיינען געווען. ער האָט צו אונדז געזאָגט, אַז מען האָט אים געשיקט אונדז ברענגען צום טראַנספּאָרט פון די יידן אין בוקאַטשאָווצע. זיי ווערן פון דאָרט אַרויסגעפירט. נאָר אויב מיר וועלן אים געבן געלט אָדער גאָלד, האָט מיכאַילאָוו שקורלאַק געזאָגט, וועט ער אונדז אָפּלאָזן. די יידן האָבן אים טאַקע אָנגעהויבן געבן געלט און גאָלד, אַז ער זאָל זיי אָפּלאָזן. אָבער איך האָב גאָרניט געוואָלט געבן, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז בלויז אַ

שאנטאז. ווען דער פויער האט זיך געדינגען מיט די יידן וויפיל זיי זאלן אים געבן, בין איך גראד געשטאנען ביים פענצטער. איך האב געגעבן א זעץ אין דער שויב אריין מיט מיין פוס און ארויסגעשפרינגען מיט מיין יינגל דורך דעם פענצטער. דאס הייזל האט זיך געפונען אויף א בערגל און מיר זיינען אראפגעשפרינגען אין פעלד אריין.

אין דער פינצטערער נאכט האב איך זיך מיט מיין יינגל געלאזט אין וועג אריין קיין בורשטין, אין מיין היים־שטאט. ווען איך בין אנגעקומען אין שטעטל בין איך ארויף אויף דעם בוידעם פון הויז, פון שוין דערמאנטן פויער קאפטשינסקי, און ער האט ניט געוווּסט, אז איך בין דארט אויסבאהאלטן. קאפטשינסקי איז געווען א רייכער חזיר־שלעגער. ביי אים אין הויז איז געווען א משרת, אן אוקראַיניש מיידל, קרישא, וואס האט דאן געהאט א יידישן געליבטן פון שטעטל, יאסל ביגעל. דאס אוקראַינישע מיידל האט שטארק געהאלפן דעם יידישן יינגערמאן, זי האט אים אויסבאהאלטן און באזארגט מיט עסן, און יאסל ביגעל האט זיך דאן נאך געפונען אין בורשטין. דאס דאזיקע אוקראַינישע מיידל האט יא געוואוסט, אז איך מיט מיין יינגל געפינען זיך אויסבאהאלטן אויפן בוידעם פון איר באלעבאס און איך האב זי געבעטן, אז זי זאל צו וויסן געבן יאסל ביגעל ווו איך בין, אז ער זאל מיר, דורך איר, צו וויסן געבן ווו עס האלט מיט די יידן אין שטעטל און וואס איך האב צו טאן.

דאס קריסטליכע מיידל, קרישא, איז צוריקגעקומען און מיר געזאגט, אז יאסל ביגעל האט מיר געהייסן זאגן דאס ער גייט קיין בוקאטשאווצע הערן וואס עס הערט זיך מיט זיין מוטער, ער האט געהייסן, אז איך זאל אים אפווארטן לעבן שפאקס וואלד (מען האט דעם וואלד אזוי גערופן, ווייל דער לעשניטשי האט געהייסן, שפאק) און דארטן וועלן מיר זען וואס צו טאן ווייטער. קאפטשינסקי האט ניט געוווּסט, אז איך בין אויפן בוידעם און דאס משרת איז מיט מיר כסדר געשטאנען אין פארבינדונג. דאנערשטיק פארטאגס בין איך מיט מיין יינגל אראפ פון קאפטשינסקיס בוידעם און אוועק צו דעם אפגערעדטן ארט, צו שפאקס וואלד. איך האב אבער דארט יאסל ביגעל ניט געטראפן, איך האב געווארט און ער איז ניט געקומען. איך האב דארט געטראפן א ייד פון בורשטין, שמואל האבער, וואס איז געגאנגען פון בוקאטשאווצע און איך האב אים געפרעגט וועגן מיין פרוי מיט די צוויי קינדער, אבער ער האט וועגן זיי גארניט געוווּסט. דער ייד האט מיר דערציילט, אז אין בוקאטשאווצע האט מען דערשאסן א סך יידן, און, זיי איז שוין פיל בעסער ווי די לעבעדיקע, האט צו מיר געזאגט, שמואל האבער.

איך בין אוועק מיט מיין יינגל פון וואלד און זיך געלאזט אין וועג אריין קיין בוקאטשאווצע. ווען איך בין אנגעקומען אין שטעטל בין איך אוועק אין דעם רעסטאראן פון מיין באקאנטן פריינט, דאויד. ווען איך בין אריינגעקומען אין רעסטאראן, האב איך געטראפן מיין פרוי מיט די צוויי מיידלעך אונזערע. מיר האבן אין בוקאטשאווצע ניט געקענט בלייבן, ווייל עס איז ארויס א פאראָרדענונג, אז אלע לעבנגעבליבענע יידן מוזן אוועק אין געטא קיין ראהאטין און יעדער האט א רעכט מיט זיך מיטצונעמען א פעקעל פון 10 פונט. אויך איך מיט מיין פרוי און דריי קינדער זיינען דאן אוועק קיין ראהאטין, געווען איז דאס דעם 22־טן אקטאבער 1942.

אין ראהאטינער געטא וווהין איך מיט מיין פרוי און דריי קינדער זיינען אנגעקומען, האבן זיך דאן געפונען די רעשטלעך לעבנגבליבענע יידן פון ראהאטין, בורשטין, בוקאטשאווצע, באלשאווצע, קינעניצי און זשורווו.

מען האט צונויפגענומען נאכן ארויספירן די יידן פון די ערטער, אדער מען האט די דאזיקע יידן געפונען אויסבאהאלטן אין פארשידענע ערטער. אלע יידן האבן זיך געפונען אויף דער גאס, ווייל דער געטא אין ראהאטין איז שוין דאן געווען א פארקלענערטער און זיך געפונען אויף א קליינעם שטח. מיין עלטערער ברודער, משה, איז געווען גוט באפריינדעט מיט דעם עלטסטן פון „יידנראט" אין ראהאטין, אמאראנט. האט מיין ברודער געגעבן אמאראנטן 500 זלאטעס און דערפאר האט דער „יידנראט" מיך מיט מיין פרוי און דריי קינדער אריינגעגעבן אין א צימער ווו עס זענען שוין געווען 15 יידן, אויסער אונז פינף. ווען איך מיט מיין פאמיליע זיינען מיר אריינגעקומען אין דעם צימער איז צו מיר צוגעקומען א ייד מיטן נאמען שקאלניק, וואס האט געוווינט בשכנות פון דעם הויז ווו מיר זיינען געווען און געהאט א דרוקעריי אין ראַ־

האטין און ער האט געזאגט: — מאכט זיך א באגרע־בעניש, ווייל יעדע מינוט קאן מען אונז צונעמען אויפן טויט.

מיר זיינען ארומגעגאנגען אין דער שטוב און ניט געוווסט ווו צו מאכן א באהעלטעניש. ביינאכט האבן מיר אין צימער אנגעהויבן גראבן א גרוב לעבן דער וואנט, וואס האט געפירט אין דרויסן צום טייך „גנילא ליפא". די ערד פון דעם גרוב וואס מיר האבן גע־גראבן האבן מיר אריינגעווארפן אין וואסער אריין, כדי עס זאל ניט בלייבן קיין צייכן. דריי וואכן צייט האבן מיר געגראבן דעם דאזיקן גרוב, נאר אין די נעכט. דאס האט מיט זיך געדארפט פירן א וועג צום טייך, אז מיר זאלן אין פאל פון א געפאר קענען אנטלויפן. געווען איז גראד דאן א צייט ווען די דייטשן האבן ווייניקער געטשעפעט די יידן. דער „יודנראט" אין ראהאטין האט דאן פרייוויליק ארויסגעגבן יעדע וואך צו די דייטשן 100 יידן, וואס זיינען דערשאסן געווארן אין דעם קעלער פון „יידנראט" אין ראהאטין. בייטאג פלעגן מיר ארויסגיין פון אונזער שטוב, זיך אין דרוי־סן, און אויך גיין אויף פארשידענע ארבעטן.

איינמאל האבן מיר געהערט, אז די דייטשן לויפן ארום כאפן יידן. זיינען מיר אריין אין דעם גרוב, וואס מיר האבן אויסגעגראבן אין דער שטוב, און האט געפירט צום טייך. מיר האבן זיך דארט אויסבא־האלטן. ביז חנוכה 1942 האבן די ארבעטס־פעאיקע יידן אין געטא געהאט רו. ארויסגעפירט און דערשאסן האט מען די ניט־זייער־פעאיקע צו דער ארבעט, קראנקע און אלטע לייט. די יידן וואס מען האט ארויס־געפירט אויף ארבעט פון געטא זיינען געווען בא־שעפטיקט אויף די שאסייען און אויפן פלי־פלאץ. אזוי איז געגאנגען ביז מאי 1943. דורך דער צייט זיינען פארגעקומען „אקציעס" און מען האט אויך פון געטא ארויסגעפירט ארבעטס־פעאיקע. פון דער שטוב, אין וועלכער מיר זיינען געווען, האט מען ארויסגעפירט זעקס יידן, מענער און פרויען. אין דער צייט זיינען אויך אין אונזער באהעלטעניש צוויי פרויען געשטאר־בן, דאס זיינען געווען: איטע, דאס ווייב פון ישראל־לייזער בלעכער, וואס האט איבערגעלאזן דריי קינדער, און מינקע שומער. מיר זיינען געווארן ווייניקער מענטשן אין דער באהאלטעניש, אין דעם אויסגעגרא־בענעם גרוב אין צימער און עס איז שפעטער געווארן באקוועמער. ווען מיר זיינען געווען אין דעם בונקער, איז א ייד, ישראל שטאנדער, פון סטראטין (Stratyn), ארויפגעלאפן אויפן בוידעם פון זעלבן הויז ווו מיר זיינען געלעגן, כדי זיך דארט אויסצובאהאלטן. מיר האבן געהערט זיינע קרעכצן פון דער הויך. ער האט געזאגט, אז צוליב א ביסל וואסער, וואס ער האט ניט, גייט ער אויס. ער איז טאקע אויפן בוידעם געשטארבן, מיר האבן אים ניט געקענט העלפן.

שבת ביינאכט, אויפן 6־טן יוני 1943, איז פאר־געקומען די לעצטע אויסזידלונג פון ראהאטינער גע־טא. עס זיינען אנגעקומען דייטשן מיט אוקראינער און באלאגערט דעם געטא, און אנגעהויבן שיסן אין די וווינונגען אריין ווו עס האבן זיך געפונען די יידן. אין געטא זיינען דאן נאך געווען ביי 3.000 יידן. א העלפט פון דער דאזיקער צאל איז דאן דערשאסן גע־ווארן אין געטא גופא און די אנדערע העלפט איז ארויסגעפירט געווארן אויף פארניכטונג. די 1.500 דערשאסענע יידן האט מען באגראבן אין געטא גופא. איך געדענק, אז די מענער פון די דערשאסענע פרויען און קינדער האבן אויסגעגראבן גריבער און מקבר געווען זייערע נאענטע.

ביי אונז אין בונקער איז דאן געווען זייער הייס, מען איז פשוט דערשטיקט געווארן. געווען איז מיט אונז אין דער באהעלטעניש א ייגנערמאן פון בורשטין, משה ביגעל. איז ער אין בונקער משוגע געווארן און אנגעהויבן אלעמען בייסן. ער האט אויך אנגעהויבן שרייען און מיר האבן מורא געהאט, אז די באהעלטע־ניש וועט אנדעקט ווערן. משה ביגעל איז ארויס פון דער באהעלטעניש מיט זיינע צוויי שוועסטער אין געטא אריין און מען האט געהערט ווי אלע דריי זיינען דערשאסען געווארן דורך די דייטשן.

ווען עס איז אין ראהאטינער געטא פארגעקו־מען די לעצטע בלוטיקע „אקציע" בין איך מיט מיין פרוי און די דריי קינדער ארויס דורך דעם גרוב פון בונקער צום טייך, „גנילא ליפא". די דייטשן האבן אונז נאכגעיאגט, געשאסן אויף אונז, אבער מיר זיינען אריין אין טייך און אריבערגעשווימען די צוויי־טע זייט. אנדערע יידן פון באהעלטעניש, וואס זיינען אויך דאן אנטלאפן, אבער זיי זיינען ניט אריין אין וואסער נאר אנטלאפן מיט טריקעניש, זיינען דערשאסן געווארן.

איך מיט מיין פאמיליע זיינען מיר ארויס אויף דער טריקעניש און ניט געוווסט וווהין צו גיין. מיר זיינען געלעגן א וואך צייט אין די פעלדער און געגעסן די זשארנעס פון דעם קארן, וואס האט דאן געבליט. צום סוף האבן מיר זיך געלאזט אין וועג אריין אין אונזער היים־שטאָט, בורשטין. מיר זיינען אריינגעקומען אין שטעטל אריין ביינאכט און מיר זיינען ווידער ארויף אויף דער בוידעם פון דעם, שוין דערמאנטן פויער, קאָפּטשינסקי. ער האט ניט געוווסט, אז איך מיט מיין פאמיליע געפינען זיך דארט. מיר זיינען געלעגן אויפן בוידעם א נאכט מיט א טאג, עס איז געווען א גרויסע היץ און מיר האבן ניט געהאט וואס צו עסן. נאך פריער, איידער מיר זיינען ארויף דעם בוידעם האט זיך אונזער 11 יעריקע מיידעלע, דרעיזשע, פארלוירן פון אונז און זי איז געווען צוזאמען מיט מיין עלטערן ברודער, משה. ווען מיר זיינען געלעגן אויפן בוידעם האבן מיר געהערט פונדערווייטענס שרייען אונזער מיידעלע, צוזאמען מיט מיין ברודער משה מיט זיינע פיר קינדער און מיין פרויס שוועסטער מיטן מאן. זיי אלע זיינען געכאפט געווארן דורך די דייטשן, וואס האבן זיי געשלאגן און געפייניקט אין שפעטער ארויסגעפירט אויף פארניכטונג. מיר האבן געהערט די געשרייען פון אונזערע נאענטע, אבער מיר האבן זיי ניט געקענט העלפן.

ליגנדיק אויפן בוידעם מיט מיין פרוי און צוויי קינדער, א יינגל מיט א מיידל, האבן מיר געפילט, אז מיר וועלן אויסגיין פון הונגער, מיר האבן שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן. איך בין דעריבער אראפ פון בוידעם און אריינגעגאנגען צו דעם פויער קאָפּטשינסקי צו בעטן עפעס צו עסן. ווען ער האט מיך דערזען, האט ער זיך פאר מיר דערשראקן און מיך געפרעגט ווו איך געפין זיך. ווען איך האב אים געזאגט, אז צוזאמען מיט מיין פאמיליע בין איך איינגעהאלטן ביי אים אויפן בוידעם, האט קאָפּטשינסקי אויף מיר אנגעהויבן שרייען, דאס איך וויל, אז צוליב מיר זאל ער מיט זיין גאנצע פאמיליע גיין אין דער ערד אריין. דאן האט זיך קאָפּטשינסקיס יינגסטע טאכטער, דאנקע, אפגערופן צום פאטער מיט די ווערטער:

— טאטע, אזא גוטן מענטש ווי יאנקל איז דארף מען העלפן, אפשר וועלן מיר אים אפראטעווען דאס לעבן. לאמיר זיך ניט וויסן מאכן, אז ער געפינט זיך אויפן בוידעם מיט זיין פאמיליע.

קאָפּטשינסקי האט מיר דאן דערלויבט, אז איך מיט מיין פרוי און די צוויי קינדער זאלן בלייבן ביי אים אויפן בוידעם נאך א פאר טעג, ניט מער. אבער מיר זיינען דארט געווען אויסבאהאלטן דריי חדשים. ער און זיינע פאמיליע־מענטשן פלעגן אונז פון צייט צו צייט ברענגען א ביסל עסן. אין די נעכט פלעג איך אראפגיין פון בוידעם אין די פעלדער און גארטן אריין און צונויפקלייבן אוגערקעס, רעטאך און עפעל און פון דעם האבן מיר געלעבט.

ווען עס זיינען אדורך די דריי חדשים און עס איז געווארן א ביסל שטילער מיט ארומזוכן און כאפן יידן, ווייל מען האט שוין כמעט אלע געהאט ארויסגעפירט אויף פארניכטונג אדער דערשאסן, בין איך אראפ פון בוידעם און געגאנגען אין שטעטל אריין וועלנדיק ביי באקאנטע פויערים איינשאפן עסן. גלייך אבער האבן די קריסטן צווישן זיך אנגעהויבן רעדן, אז אין שטעטל דרייט זיך ארום א ייד, דער איינציקער ייד, וואס איז לעבנגעבליבן. די דייטשן האבן אנגעהויבן ארומגיין מיט שפיר־הינט און מיך זוכן. איך בין ווידער געווען אויפבאהאלטן אויפן בוידעם מיט מיין ווייב און צוויי קינדער. איינמאל זיינען די דייטשן געקומען צו דעם אוקראינישן חזיר־שלעגער, קאָפּטשינסקי, און אים געפרעגט צי עס זיינען ניט פאראן קיין אויסבאהאלטענע יידן. דער פויער האט געענטפערט, אז ניט, כאטש מיר זיינען דאן געווען ביי אים אויפן בוידעם. ווען די דייטשן זיינען ארומגעגאנגען לעבן זיין הויז זוכן יידן איז קאָפּטשינסקיס ווייב געגאנגען אהין און צוריק, זיך געבראכן די הענט און געבעטן צו גאט, אז די דייטשן זאלן אונז ניט געפינען. צום סוף האבן מיר געמוזט אוועק פון דעם אָרט.

איך מיט מיין פרוי און צוויי קינדער זיינען ביינאכט אריין אין א גארטן ווו עס האט געוווינט אן אלטער אוקראינישער גלח. מיר זיינען ארויף אויפן בוידעם פון זיין הייזל און ער האט ניט געוווסט, אז מיר זיינען דאָרט אויסבאהאלטן. איך מיט מיין פרוי און צוויי קינדער זיינען מיר געווען אויפן דאזיקן בוידעם אויסבאהאלטן צוויי חדשים צייט און דער אלטער גלח האט וועגן דעם ניט געוווסט. אין די

נעכט פלעג איך אראפגיין פון בוידעם און גיין איבער פעלדער זוכן עסן. איך בין אבער אוועק אין אנדערע דערפער וווּ מען האט מיך ניט געקענט. איך בין ארי־בערגעשוווּמען א וואסער און אוועק אין די דערפער יונאשקאוו, קראפאטניקי, וווּ קיינער האט מיך ניט געקענט און געבראכט עסן אויפן בוידעם ארויף פאר זיך און פאר מיין פאמיליע.

קומענדיק איינמאל צוריק אויפן בוידעם פון גלח, נאך דעם ווי איך בין ארומגעגאנגען אין דערפער זוכן עסן, האב איך דארט ניט געטראפן מיין ווייב מיט דער טאכטער. דאס יינגל איז געווען דאן מיט מיר ארומזוכנדיק עסן. ווען איך בין ניט געווען איז דעם גלחס זון ארויפגעקומען אויפן בוידעם, כדי צו פאריכטן דעם דאך, און ער האט דארט פלוצלונג דערזען מיין פרוי מיט דער טאכטער. ער האט צו זיי געזאגט, „איך האב גארניט געזען, איך וויס פון גארניט", אבער ער האט זיי געבעטן, אז זיי זאלן גלייך פארלאזן דעם בוידעם. דעם זעלבן טאג פארנאכט איז מיין פרוי אראפ פון דעם בוידעם און אריין אין א גארטן, וווּ זיי האבן זיך אויסבאהאלטן.

ווען איך האב ניט געטראפן מיין פרוי מיט דער טאכטער אויפן בוידעם בין איך ביינאכט ארומגע־גאנגען זיי זוכן. גייענדיק אזוי פון ארט צו ארט האב איך זיי געטראפן אין דעם גארטן וווּ זיי זיינען געווען אויסבאהאלטן מיר האבן אבער דארט מורא געהאט צו בלייבן. מיר זיינען ווידער אוועק אין הויף פון דעם פויער קאַפטשינסקי. דארט זיינען מיר אריין אין אן אייז־קעלער און דער פויער האט ניט געוווּסט, אז מיר זיינען דארט. מיר זיינען אין דעם אייז־קעלער געלעגן א וואָך צייט. גראד זיינען דארט געלעגן קארטאָפל האבן מיר דאס געבראטן און געהאט צו עסן. איך פלעג אויך אין די נעכט ארויסגיין אויף פעלדער און איינשאפן צו עסן. אין א וואָך ארום איז קאַפטשינסקי געקומען אין דעם אייז־קעלער און אונז דארט געטראפן. קאַפטשינקי האט אונז געהייסן פארלאזן דעם פלאץ און דערביי געזאגט:

— איך זע ניט קיין סוף פון דער מלחמה, איך האב גערעכנט, אז איך וועל אייך קענען אויסבאהאלטן, אבער איך וויל ניט אומקומען מיט מיין פאמיליע.

שבת ביינאכט בין איך מיט מיין יינגל אוועק אין וואלד אריין און געפועלט ביי קאַפטשינסקין, אז מיין ווייב מיט דער טאכטער זאלן נאך בלייבן אין אייז־קעלער איין וואך צייט ביז איך וועל אויסגעפינען אין וואלד אן ארט, וווּ מיר וועלן זיך קענען אויסבא־האלטן.

איך בין אוועק אין דעם וויטאנער וואלד מיט מיין זון. דארט בין איך אוועק אין דעם הויז פונעם פויער שקורלאק, ביי וועמען איך און נאך אנדערע יידן זיינען מיר פון אנהויב געווען אויסבא־האלטן פאר געלט און גאָלד. אריינקומענדיק צו דעם פויער אין דער כאלופע האב איך דארט געזען צוויי רוסישע פארטיזאנער מיט ביקסן. ביידע רוסן זיינען געווען שיכור און זיי האבן גענומען מיך מיט מיין יינגל שטארק שלאגן. זיי האבן געוווּסט אז איך בין א ייד אבער זיי האבן געזאגט, אז איך בין א שפיאָן, ווייל אין דעם ארט זיינען פאראן נאר פארטיזאנער (רוסישע) און ווי קום איך דאָ אהער? פלוצלונג איז אין דער כאלופע אריינגעקומען א ייד פון בוקאטשאווצע, שמואל גראסנאס, וואס איז געווען אין די פארטיזאנער צוזאמען מיט די צוויי שיכורע רוסן. ער האט מיך דערקענט און ער האט געבעטן די רוסן, אז זיי זאלן מיך אויפהערן צו שלאגן. האבן די צוויי רוסישע פארטיזאנער געזאגט צו גראסנאסן, אז אויב ער וועט נאך רעדן וועלן זיי אים אנטוואפענען און דערשיסן צוזאמען מיט מיר.

אין עטלעכע מינוט ארום איז אין דער כאלופע אריינגעקומען א צווייטער יידישער פארטיזאנער, קלמן שטרעגער, א בעקער פון בורשטין. אויך ער האט גענומען בעטן ביי די צוויי רוסישע פארטיזאנער, אז זיי זאלן מיך ניט שלאגן, ער האט ביי זיי געפועלט און ער האט מיך ארויסגענומען פון זייערע הענט. קלמן שטרעגער האט מיך מיט מיין יינגל אוועקגעפירט טיף אין די וועלדער אריין און דארט האב איך געטראפן א סך יידן, וואס זיינען געווען אין דער פארטיזאנטקע. די פארטיזאנער־גרופע אין וואלד איז באשטאנען פון בלויז יידן, וואס האבן געשטאמט פון בורשטין און בוקאטשאווצע, אלע האבן זיי געהאט געווער. די גרופע יידן האט געציילט 130 פערזאָן. די פירער פון דער דאזיקער יידישער פארטיזאנער־גרופע זיינען געווען דריי רוסישע זעלנער, וואס זיינען אנטלאפן פון דייטשער געפאנגענשאפט. צוויי פון די דאזיקע דריי רוסן, זיינען טאקע געווען די, וואס איך

האב געטראפן אין דער פויערישער כאלופע און זיי האבן מיך געשלאגן. צוויי פון די דריי רוסישע פירער פון דער יידישער פארטיזאנער־גרופע, האבן געהייסן סאשקע און באשקע, דעם נאמען פון דריטן רוס געדענק איך ניט. „באשקע" איז געווען א רוסישער ייד, אבער ער האט זיך ניט אויסגעגעבן אלס ייד. אין דער גרופע פארטיזאנער אין וואלד זיינען אויך געווען יידישע פרויען, ווי אויך גאנצע פאמיליעס: טאטעס מיט קינדער.

אין עטלעכע טעג ארום, נאך דעם ווי איך בין אנגעקומען אין וואלד צו די יידישע פארטיזאנער, בין איך אוועק קיין בורשטין צום פויער, קאַפּטשינסקי, כדי פון דארט צו ברענגען אין וואלד אריין מיין פרוי מיט דער טאכטער, וואס זיינען דארט געווען אויס־באהאלטן. איך בין אהינצו אוועק אין דער באגלייטונג פון עטלעכע באוואפנטע פארטיזאנער. קאַפּטשינסקי האט דאן ניט געוווסט ווען איך מיט די באוואפנטע פארטיזאנער זיינען אריין אין זיין הויף אריין און ווען מיר זיינען פון דארט צוריק אוועק מיט מיין פרוי און טאכטער. גייענדיק אין וואלד אריין איז מיין פרוי געווען אזוי שוואך, די פיס זיינען ביי איר געווען געליימטע, אז מען האט זי געמוזט טראגן אויף די פלייצעס.

אין וואלד האט מען מיר געגעבן א ביקס און איך האב זיך באטייליקט אין דער פארטי־זאנער־גרופע. מיר פלעגן ארויסגיין ביינאכט אין די דערפער אריין און צונעמען ביי פויערים חזירים און בהמות ווי אויך אנדערע פראדוקטן און דאס ברענ־גען אין וואלד אריין פון וואס אלע האבן געהאט צום עסן. די ערשטע צייט, ווען איך בין נאך ניט געווען אין וואלד, זיינען די פארטיזאנער ארייגעגאנגען ביינאכט קיין בורשטין, באפאלן דעם פאליציי פאסטערונעק און דארט צוגענומען 9 ביקסן. עס זיינען דאן אין פאסטערונעק געווען צוויי אלטע פאליציאנטן און זיי האבן זיך ניט אנטקעגנגעשטעלט. מען האט די פאליציאנטן גארניט געטון. שפעטער זיינען די יידישע פארטיזאנער פון דעם וואלד ארויס אויף די וועגן לעבן בוקאטשאָווצע, זיי זיינען באפאלן דורכ־פארנדיקע דייטשן און זיי דערשאסן צונעמנדיק ביי זיי געווער און שטיוול. אזוי ארום האבן זיך די פארטיזאנער איינגעשאפן געווער און באקליידונג, ווי אויך עסן.

נאך דריי וואכן ווי איך מיט מיין פאמיליע זיינען געווען אין וואלד האבן די דייטשן גע־מאכט אן איבערפאל אויף די פארטיזאנער אין וואלד. די דייטשן האבן דאן דערשאסן 9 יידישע פארטיזאנער און מיט זיך מיטגענומען 21 לעבעדיקע יידישע פארטיזאנער. ווען די דייטשן האבן דורכ־געפירט די אָבלאווע אין וואלד בין איך אנטלאפן מיט מיין פאמיליע און צוזאמען מיט אונז איז אויך געלאפן אונזערס א שכנטע פון בורשטין, פרוי איטא מאנדעל־בערג. ווען מיר האבן געזען, אז די דייטשן דערנענטערן זיך האבן מיר זיך אוועקגעווארפן אויפן שניי און פארמאכט די אויגן, אז מיר זאלן ניט זען ווי מען שיסט אונז. ווען די דייטשן זיינען צוגעקומען צו דעם אָרט ווו מיר זיינען געלעגן האט זיך די פרוי מאנדעלבערג אויפגעהויבן און געבעטן ביי די דייטשן, פארוואס זיי ווילן זי שיסן? ווי נאר זי האט ארויסגערעדט די ווערטער האבן די דייטשן גלייך דערשאסן די פרוי אויפן אָרט. דאן האבן צוויי דייטשן אנגעוויזן אויף אונז און איינער צום צווייטן האט געזאגט:

— לאז די!

ווען די דייטשן זיינען אוועק האבן מיר זיך אויפגעהויבן און צוריק אריין אין געדיכטן וואלד.

מיין זון, וועלכער איז דאן אלט געווען 17 יאר, איז דעם 8־טן יאנואר 1943 (נאך פריער איידער עס איז געווען די אָבלאווע פון די דייטשן) ארויס מיט נאך עטלעכע יינגלעך פון וואלד, זיי זיינען געגאנגען זוכן עסן. עס איז געווען א ליכטיקע נאכט און די יינגלעך זיינען געכאפט געווארן דורך אוקראינער. די יינגלעך זיינען אנטלאפן און נאכגעיאגט געווארן דורך די אוקראינער, וועלכע האבן אויך געשאסן. די אנדערע יינגלעך זיינען דאן דורך די אוקראינער דערשאסן געווארן און מיין יינגל האבן זיי געכאפט א לעבעדיקן. מען האט מיין יינגל אוועקגעפירט קיין ראָהאטין און מען האט אים דארט געפארשט און געפייניקט, אז ער זאל אויסזאגן ווו די פארטיזאנער געפינען זיך אין וואלד. ווען מיין יינגל האט גארניט געוואלט אויסזאגן, האט מען אים דערשאסן.

איך מיט מיין פרוי און טאכטער זיינען מיר געווען אין וואלד מיט די יידישע פארטיזאנער ביז דעם 23־טן אויגוסט 1944, ווען די רויטע ארמיי האט אנגעהויבן גיין פאראויס און פארטרייבן די היטלע־ריסטן.

נאך דער באפרייאונג בין איך מיט מיין פרוי און טאכטער אוועק אין אונדזער געוועזענער היים־שטאט, בורשטין, מיר האבן דארט געזען א גרויסן חורבן און געטראפן בלויז 13 אפגעראטעוועטע יידן פון דעם אמאליקן יידישן ישוב אין בורשטין. די סאוועטן, וואס זיינען געווען ביי אונז אין שטעטל, האבן כסדר גענומען די יידן אויף פארשידענע ארבעטן און די



מעכעלע קצב און מאיר גיטל־לאה׳ס

פעאיקע האט מען גענומען אין דער רויטער־ארמיי אריין. איך בין געווען אויסגעמאטערט און אויס־געפייניקט פון די איבערלעבענישן און ווען איך האב געזען, אז די סאוועטן ווילן מיך נעמען אין דער ארמיי אריין בין איך מיט מיין פרוי און טאכטער אוועק פון בורשטין. אויך די איבעריקע לעבנגעבליבענע 13 יידן זיינען דאן אוועק פון שטעטל.

איך מיט מיין פרוי און טאכטער זיינען מיר אוועק קיין פוילן, נידערשלעזיע און מיר האבן זיך באזעצט אין ריכבאך. איך בין דארט געווען א קצב און עס איז אונז ניט שלעכט געווען. אבער ווען עס איז אין יולי 1946 פארגעקומען דער פאגראם אין קיעלץ, האבן מיר שוין מער ניט געוואלט בלייבן אין פוילן. מיר זיינען אוועק פון פוילן אויף אן אומלעגאלן אופן און אנגעקומען קיין בערלין, אין דער אמעריקאנער זאָנע. מיר זיינען דארט געווען אין לאגער, שלאכטענזעי, ביז דעם יאר 1948. פון דארט זיינען מיר אוועק קיין לאנסבערג ווו מיר זיינען געווען אין א לאגער פון יידישע פליטים און פון דארט עמיגרירט קיין אמעריקע אין יאר 1949.

מיר זיינען אנגעקומען קיין ניו־יארק, דעם 23־טן אויגוסט 1949 מיט דער שיף „דזשענעראל מוער״. מיר וווינען די גאנצע צייט אין קוני־איילאנד און עס איז אונז ניט שלעכט. איך ארבעט אין א גרויס געשעפט פון פלייש־אויסארבעטונגען. אונזער טאכטער האט דא חתונה געהאט אין יאר 1951 און מיר האבן שוין איצט צוויי אייניקלעך. די טאכטער האט חתונה געהאט מיט אויכווינג אבראמאָוויטש, וואס שטאמט פון זשעטעל, פוילן. זיי האבן אין ניו־יארק א גראסערי און לעבן גוט.

איך מיט מיין פרוי וווינען אין פיר צימערן איינגעארדנט אויף א פיינעם אופן. מיר געהערן צו דער בורשטינער סאסייעטי, מיר האבן דא פיל באקאנטע לאנדסלייט, מיט וועלכע מיר באגעגענען זיך פון צייט צו צייט. מיר לייענען דעם „טאג־מארגן זשורנאל״, טיילוויז אויך ענגלישע צייטונגען. מיר זיינען שוין אמעריקאנער בירגער און מיר זיינען זייער צופרידן פון אונזער איצטיקן לעבן.

ניו־יארק, דעם 16־טן אפריל 1955

דורך טייכן טרערן און ימען בלוט

די איבערלעבענישן פון פאלא טיכאווער
אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

אויפגענומען דורך **י. שמולעוויטש**, ניו־יארק

ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן, אין סעפטעמבער 1939, בין איך אלט געווען עלף יאָר. איך האב זיך דאן געפונען אין דעם דארף, נאסטאשטשין (Nastaszczyn), וואס געפינט זיך פיר קלמ. פון דער שטאט, בורשטין, אין מזרח־גאליציע. איך בין געווען די איינציקע טאכטער ביי מיינע עלטערן. מיין טאטע איז געווען א סוחר, ער האט געהאנדלט מיט בהמות, תבואה א.ד.ג. אין זעלבן דארף האבן געוווינט נאך צוויי יידישע פאמיליעס: מיין באבע, מיט מיינע פעטערס, און נאך א יידישע פאמיליע. צוזאמען האבן אין דארף געוווינט דריי יידישע פאמיליעס. מיין זיידע איז געשטארבן נאך פאר דער מלחמה. איך האב דאן געלערנט אין דער פאוושעכנע־שולע אין דארף.

איך געדענק, אז ווען די סאוועטן זיינען אריינגעקומען האבן זיי ביי מיין טאטן, און אויך ביי די אנדערע יידן און ניט־יידן, צוגענומען אלץ וואס מען האט געהאט אויף די סקלאדעס. ביי די סאוועטן האט מיין טאטע מער ניט געהאנדלט. ער האט געארבעט אויף די פעלדער, וואס האבן געהערט צו מיין באָבע, אבער די סאוועטן זיינען געקומען און צוגענומען אלץ, וואס מיין טאטע האט אראפגענומען פון פעלד. מען האט פאר אונדז איבערגעלאזן בלויז א ביסל צום עסן. אויך ביי די סאוועטן בין איך געגאנגען אין דער שולע אריין און אזוי איז עס געגאנגען ביז יוני 1941, ווען עס איז אויסגעבראכן די דייטש־סאוועטישע מלחמה.

ווען די היטלעריסטישע ארמיי איז דורכגעגאנגען דעם וועג זיינען איינצעלנע דייטשן געבליבן שטיין אין אונדזער דארף. מען האט מיין טאטן געטריבן צו פארשידענע ארבעטן און די דייטשן האבן אים געוואלט שיסן, ווייל ער איז ניט אזוי שנעל געגאנגען צו דער ארבעט ווי זיי, די דייטשן, האבן דאס געוואלט. אין א פאר וואכן ארום נאך דעם ווי די דייטשן זיינען אריינגעקומען זיינען אוקראינישע פויערים געקומען אין אונדזער שטוב אריין און זיי האבן שטארק געשלאגן מיין טאטן, זיי האבן אים אויפגעשפאלטן דעם קאפ. די אוקראינישע האבן אויך געשלאגן מיין מאמען, און זיי האבן דאן דערהרגעט אונדזער איינציק פערד. די אוקראינער האבן געוואלט, אז מיר זאלן פארלאזן דאס דארף, ארויס פון אונדזער הויז. מיר זיינען ווייטער געבליבן אין דארף, אבער די אוקראינער האבן אונדז אנגעטאן גרויסע צרות. דער סוף איז געווען, אז מיר האבן געמוזט אוועק פון דארף. די אוקראינער האבן מיינע עלטערן, און אויך די אנדערע צוויי יידישע פאמיליעס, פארטריבן פון דארף. ווען מיר זיינען אוועק פון דארף האט מען אונדז באווארפן מיט שטיינער. מיר זיינען דאן אלע אוועק קיין בורשטין.

אין בורשטין האט דער טאטע געדונגען א שטוב און מיר האבן דארט געוווינט. מיין מאמע פלעגט גיין אין דארף אריין, אויסבייטן א ביסל סחורה וואס מיר האבן נאך געהאט, און געבראכט דערפאר עסן, פון וואס מיר האבן געהאט צו לעבן. דער טאטע האט זיך ניט געטארט ווייזן אין גאס, ווייל מען האט דאן אין בורשטין געכאפט יידישע מענער אויף פארשידענע ארבעטן, און מען האט זיי אנגעטאן גרויסע צרות. מיין טאטע איז דאן געווען אויסבאהאלטן אין

א קעלער. מיר האבן זיך אזוי געמוזט א לענגערע צייט אויסבאהאלטן ביז אין בורשטין איז פארגעקומען אן „אקציע“, געווען איז דאס נאך יום־כיפור, איך געדענק ניט אין וועלכן יאר. בכלל איז מיר איצט שווער זיך צו דערמאנען די דאטעס, ווייל איך בין נאך דאן געווען א קינד. מען האט דאן מיינע עלטערן מיט מיך און אויך אונדזער גאנצע משפחה, צוזאמען מיט אנדערע יידן, ארויסגעטריבן קיין בוקאטשאווצע.

ווען מען האט אונדז געבראכט קיין בוקאטשאווצע האט מען אונדז אראפגעלאזן אויף דער גאס לעבן א קעמערל. אונדזער משפחה איז אריין אין דאזיקן קעמערל און מיר זיינען געווען אויף גרויסע צרות. אין עטלעכע טעג ארום איז אויך אין בוקאטשאווצע דורכגעפירט געווארן אן „אקציע“ און מען האט ארויסגעפירט די יידן. אונדזער משפחה איז אבער דאן געלונגען זיך אויסצובאהאלטן. אין דעם קעמערל וווּ מיר זיינען געווען, האבן מיר דארט אויסגעגראבן א טיף גרוב און אין דעם זיך אויסבאהאלטן. נאך דער „אקציע“ זיינען מיר ארויס פון קעמערל. עס זיינען אין בוקאטשאווצע געווען נאך יידן, וועמען עס איז געלונגען זיך אויסצובאהאלטן בעת דער „אקציע“. אונדזער משפחה האט דאן באקומען א צימער, וואס דער „יידנראט“ האט צוגעטיילט צו די פארבליבענע יידן. אין דאזיקן צימער זיינען געווען עטלעכע משפחות, אויך קינדער זיינען דארט געווען. אין דאזיקן צימער זיינען מיר געווען ביי צוויי וואכן.

גלייך נאר ווי מיר זיינען אריין אין צימער, נאך דעם ווי עס איז אין בוקאטשאווצע דורגעפירט געווארן די „אקציע“, האט מיין טאטע מיט דער מאמע גענומען גראבן א גרוב, א בונקער, כדי מען זאל זיך האבן ווּ אויסצובאהאלטן אין פאל פון א געפאר. דאס גרוב איז געמאכט געווארן אין דער קיך און א וועג האט ארויסגעפירט אין דרויסן, דורך דער צווייטער זייט פון הויז. די מאמע מיטן טאטן און אויך די אנדערע יידן האבן אכט טעג צייט געארבעט ביים אויסגראבן דאס דאזיקע גרוב.

אין צוויי וואכן ארום איז אין בוקאטשאווצע ווידער פארגעקומען אן „אקציע“. מיר אלע פון דעם צימער, וואס זיינען געווען ביי 20 מענטשן, דערוואקסענע און קינדער, זיינען מיר דאן אריין אין דעם בונקער, וואס איז פון פריער צוגעגרייט געווארן אין דער קיך.

אוקראינער מיט דייטשן זיינען אריינגעקומען אין דער וווינונג אריין, זיי האבן געזוכט אין אלע ווינקלען, אבער זיי האבן אונדז ניט געקענט געפינען. די גוים האבן געקלאפט אין דער פאדלאגע אריין און די ערד האט זיך געשיט אויף אונדזערע קעפּ. די פויערים האבן פאר קיין פאל ניט געוואלט אפטרעטן און געזאגט, אז דא מוזן זיין אויסבאהאלטן יידן. יעדע סעקונדע האבן מיר געמיינט, אז מיר ווערן אנטדעקט, אבער גאט האט אונדז געהאלפן, די פויערים זיינען אוועק און מיר זיינען ארויס פון בונקער און צוריק אריין אין דער שטוב אריין. בעת דער דאזיקער „אקציע“ האט מען אויך מיין באבע, מיט א מומע, צוזאמען מיט די אנדערע יידן, ארויסגעפירט אויף פארניכטונג. זיי זיינען דאן ניט געווען מיט אונדז צוזאמען. זיי האבן זיך געהאט אויסבאהאלטן ערגעץ אנדערש. נאכדעם זיינען מיר ארויס פון דער באהעלטעניש און פון דער שטוב. מיר האבן געדונגען פורלעך און מיר זיינען אוועקגעפארן קיין ראהאטין.

ווען מיר זיינען אנגעקומען קיין ראהאטין זיינען מיר דארט אריין אין געטא. איך בין געווען צוזאמען מיט מיינע עלטערן. אין ראהאטינער געטא האט א ייד, א געוויסער שמואל אכט, אונדז אריינגענומען צו זיך אין דער וווינונג אריין. ער האט אונדז אפגעגעבן א קליין ווינקעלע אין זיין צימער און מיר דריי זיינען דארט געווען. אין אכט טאג ארום נאך דעם ווי מיר זיינען אנגעקומען אין ראהאטינער געטא איז דארט פארגעקומען אן „אקציע“. געווען איז דאס ווינטער, איך געדענק ליידער ניט אין וועלכן יאר. שמואל אכט האט אבער פון פריער געהאט צוגעגרייט ביי זיך אין דער וווינונג א בונקער, זיינען מיר אלע, ביי 20 מענטשן, אריין אין דער באהעלטעניש. עס איז דאן ניט געווען קיין גרויסע „אקציע“, און מיר האבן דאס איבערגעלעבט זייענדיק אין בונקער.

אין דער צייט ווען מיר זיינען געווען אין ראהאטינער געטא פלעגט א פויער פון אונדזער דארף אונדז ברענגען צו ביסלעך עסן. מיין טאטע האט אים נאך פריער געגעבן געלט, אז ער זאל אונדז העלפן אויב מיר וועלן זיין אין נויט. איך בין געווען א קליין מיידעלע, פלעגן די עלטערן מיר געבן א ביסעל געלט און איך פלעג זיך ארויסגאנבענען פון געטא און גיין איינקויפן א ביסעל האלץ, אז עס זאל זיין מיט

וואס צו הייצן. איינמאל האט מיך א יידישער פאליציאנט פון געטא, איך געדענק ניט זיין נאמען, פארהאלטן ביים טויער פון געטא און ער האט ביי מיר צוגענומען א בינטל האלץ, וואס איך האב געטראגן אין געטא אריין. ער האט מיך אויך געשלאגן. אבער גאט האט אים דערפאר געשטראפט. ווען די דייטשן האבן ארויסגעפירט אלע יידן פון ראהאטינער געטא, איז דער דאזיקער יידישער פאליציאנט אוועק צו א פויער זיך אויסצובאהאלטן. ער איז געלעגן אין באהעלטעניש אויף א בוידעם. אבער ער האט אין דער באהעלטענש אנגעהויבן פוילן ביים לעבן, עס זיינען געפאלן שטיקער פון זיין קערפער און ער איז צום סוף געשטארבן.

מיר זיינען געווען ווייטער אין געטא. איך בין דאן קראנק געווארן אויף א פלעקן־טיפוס, אבער קיין שום דאקטער האט ניט געוואלט צו מיר קומען. די יידישע דאקטוירים אין ראהאטינער געטא האבן נישט געוואלט פארנעמען זיך מיט געקומענע יידישע פליכטלינגע פון די אנדערע שטעטלעך. איך האב שוין דאן געהאלטן ביים שטארבן און מיין טאטע און די מאמע האבן מיר גענומען באוויינען. איך בין אבער געזונט געווארן.

דעם 6־טן יוני 1943 איז אין ראהאטינער געטא פארגעקומען די לעצטע „אקציע". די „אקציע" האט געדויערט א טאג מיט א נאכט. איך מיט דער מאמען זיינען מיר געווען אויסבאהאלטן אין דעם בונקער, אין דער שטוב ביי שמואל אכט. צוזאמען מיט אונז זיינען געווען נאך אנדערע יידן. אין דער באהעלטעניש זיינען מיר געווען צוויי טעג צייט אן א טראפן וואסער און אן עסן, עס זיינען אויך געווען קליינע קינדער, און מיר זיינען שיעור אויסגעגאנגען.

איין טאג פאר דער ליקווידאציע פון געטא אין ראהאטין איז מיין טאטע אוועק אין א דארף אריין זוכן א פלאץ ווו מיר זאלן זיך קענען אויסבאהאלטן. ווען ער האט זיך דערוווסט, אז אין געטא קומט פאר די ליקווידאציע איז ער מער ניט צוריקגעקומען. ער איז אוועק אין די פעלדער און דארט געלעגן אכט טעג און אכט נעכט. בעת עס איז פארגעקומען די „אקציע" האב איך און מיין מאמע זיך פארקליידעט פאר פויערטעס און מיר זיינען ארויס פון געטא. די דייטשן האבן אונדז גארניט דערקענט. ווען מיר זיינען ביינאכט געגאנגען איבער די גאסן פון ראהאטין האבן פויערים אונדז נאכגעקוקט און זיי האבן צווישן זיך גערעדט, אז מיר זיינען יידישע. אבער גאט האט אונדז געהאלפן, אלץ איז אדורך גוט און מיר זיינען אוועק אין די פעלדער. אויך אנדערע יידן האבן זיך דאן ארויסגעגנבעט פון געטא. אבער זיי האבן מיט זיך געטראגן זאכן און ווען זיי זיינען געגאנגען איבער די גאסן, זיינען זיי דערקענט געווארן דורך די פויערים און מען האט זיי געכאפט און איבערגעגעבן צו די דייטשן.

איך מיט דער מאמע זיינען מיר א גאנצן טאג געווען אין פעלד. עס האט דאן שטארק געדונערט און געבליצט און עס האט געגאסן א רעגן. דעם צווייטן טאג זיינען מיר אוועק אין דעם דארף וווהין מיין טאטע איז געגאנגען פון געטא, כדי צו געפינען ביי א פויער א באהעלטעניש פאר אונדז. ווען איך מיט דער דער מאמע זיינען אריינגעקומען צו דעם אוקראינישן פויער, געווען איז דאס אונדזערס א באקאנטער, און איך האב אים געפרעגט ווו מיין טאטע איז, האט דער פויער צו מיר געזאגט:

גיי ארויס, הונט, פון דאנען, האסט דא ניט וואס צו טאן.

בין איך מיט מיין מאמע אוועק צו א צווייטן אוקראינישן פויער, מיקאלאי מאטשקע, וואס איז פאר דער מלחמה געווען דער וואָיט אין אונזער דארף. ער האט אונז ביידן אריינגענומען, געגעבן צום עסן נאך דעם ווי מיר האבן עטלעכע טעג גארניט געהאט געגעסן. מיר זיינען ביים פויער געווען עטלעכע טעג, ער האט אונדז געהאלפן אויסטריקענען אונדזערע קליידער, וואס זיינען דורכגעווייקט געווען פון רעגן ווען מיר זיינען געלעגן אין פעלד. דער פויער, מיקאלאי מאטשקע, האט אונדז געזאגט, אז דער טאטע איז אויסבאהאלטן אין א פעלד לעבן דער צעגעלינע. ביינאכט האט ער אונדז אוועקגעפירט צום דאזיקן פעלד. דערביי האט מאטשקע אונדז מיטגעגעבן ברויט און אנדער עסן אויפן וועג. ווען מיר זיינען געקומען צום פעלד ביי דער צעגעלינע האבן מיר דארט אבער דעם טאטן ניט געפונען. איך מיט דער מאמע זיינען מיר ארומגעגאנגען אכט טעג אין פעלד און געזוכט דעם טאטן. מיר זיינען געלעגן באהאלטן אין דער תבואה. איך בין אבער געווען הונגעריק און דורשטיק און איך האב ניט געקענט איינליגן, האב איך ארויסגעשטעקט דעם קאפ פון קארן. די פויערים וואס האבן געארבעט

אין פעלד האבן מיר דערזען און דערקענט, זיי זיינען געווען פון אונדזער דארף. ווי נאר די פויערים זיינען אוועק אויף מיטאג בין איך מיט דער מאמע אוועק פון דעם פעלד אין א אנדערן פעלד אריין.

וואנדערנדיק אזוי ניט ווייט פון אונדזער געוועזענער היים אין דעם דארף האבן מיר געטראפן דעם טאטן וואס איז געווען אויסבאהאלטן אין א גארטן. דער טאטע האט מיך מיט דער מאמע אריינגענומען אין א סטאדעלע פון היי און האבן זיך אלע דריי אויסבאהאלטן. דערנאך איז דער טאטע אוועק זוכן עסן. דער פויער, צו וועמען עס האט געהערט די סטאדעלע, אין וועלכער מיר זיינען געלעגן, האט ניט געוווסט, אז מיר זיינען ביי אים אויסבאהאלטן. ער איז געקומען אין דער סטאדעלע, געשטאכן מיט די גראבלעס אין דעם היי, אבער אונדז ניט געפונען. ווען דער טאטע איז צוריק געגאנגען פון א דארף, ווו ער האט געשאפן א ביסל עסן, איז אים א דייטש נאכגעלאפן, אבער דער טאטע האט זיך אויסבאהאלטן און דער דייטש האט אים ניט געכאפט. ווען דער טאטע איז צו אונדז געקומען האט ער געזאגט, אז מיר מוזן אוועק פון דעם פלאץ. מיר זיינען טאקע אלע דריי אוועק אין די פעלדער און דארט געלעגן א גאנצען זומער אין די רעגנס. בייטאג פלעג איך ארויסגיין צו באקאנטע פויערים, זיי האבן מיך געקענט, און זיי פלעגן מיר געבן עסן. אויך די שיקסלעך, מיינע געוועזענע חברטעס פון דער שולע, האבן מיר געגעבן צו עסן.

שפעטער זיינען מיר אלע דריי אוועק אין דעם דארף, זשווירינצי (Zwirincy) ווו דער טאטע האט געהאט א באקאנטן פויער. דער טאטע האט געבעטן דעם פויער, אז ער זאל אונדז אויסבאהאלטן אבער דער פויער האט ניט געוואלט, ער האט מורא געהאט. דער פויער האט געזאגט, אז מיר זאלן זיך אויסבאהאלטן אין פעלד וועט ער אונדז יעדעס מאל ברענגען צו עסן. מיר זיינען אוועק אין פעלד, זיך דארט אויסבאהאלטן און דער פויער האט אונדז טאקע אין משך פון עטלעכע טאג געבראכט צו עסן. ער פלעגט דאס עסן צו אונדז ניט צוטראגן, נאר אוועקווארפן אין פעלד ווי מען ווארפט אוועק פאר א הונט, און מיר האבן עס שפעטער אויפגעהויבן.

ווען איך מיט דעם טאטן און די מאמע זיינען געלעגן אין פעלד זיינען דאן דריי פויערים מיט ביקסן און מיט א הינט ארומגעגאנגען אין די פעלדער און זיי האבן געזוכט דעם דר. שומער, וואס איז אנטלאפן בעת די „אקציעס" און זיך ערגעץ אויסבאהאלטן. די פויערים האבן אנגעטראפן אויף אונדז. צו ערשט איז צוגעקומען איין פויער און ער האט גענומען שטארק שלאגן דעם טאטן. אבער דער טאטע האט אים צוריקגעשלאגן און ביים פויער געוואלט ארויסרייסן די ביקס. גלייך זיינען אבער אונטערגעקומען די אנדערע צוויי פויערים און אלע דריי האבן זיי גענומען שטארק שלאגן דעם טאטן, זיי האבן אים אויפגעשפאלטן דעם קאפ, די פויערים האבן אויך שטארק געשלאגן די מאמע און זיי האבן זי געמאכט טויב.

ווי נאר אלע דריי פויערים זיינען צוגעקומען צואונדז האבן זיי אונדז געגעבן א לאפעטע און געהייסן גרובן א גרוב. דער טאטע האט אבער ניט געוואלט, ער האט זיך זיי אנטקעגענגעשטעלט. די פויערים האבן אויך מיך געשלאגן. ווען איך האב איינעם פון די פויערים געבעטן, אז מען זאל מיך ניט שלאגן, אין בין יינג און איך וויל נאך לעבן, האט דער פויער צו מיר געזאגט:

— אויף וואס ווארטסטו, אויף די אמעריקאנער, אויף די ענגלענדער, אז זיי זאלן קומען דיך באפרייען?

צום סוף האט דער פויער צו מיר געזאגט, אז איך זאל זיך אויסקלויבן וועמען איך וויל, דעם טאטן אדער די מאמע, און דעם אנדערן וועלן זיי הרגענען. אבער איך האב געזאגט צום פויער, אז מען זאל אונדז אלע דריי אפלאזן, אדער אלע דריי שיסן. נאך א האלבע שעה אמפערניש האבן די פויערים אונדז דריי אפגעלאזן און דערביי געזאגט:

— מען וועט אייך סיי־ווי־סיי הרגענען!

די דריי פויערים האבן אונדז ארויסגעפירט הינטער בורשטין, לעבן א צווייטן פעלד. מיר זיינען פון דארט אוועק אין וואלד אריין, וואס געפינט זיך לעבן דעם דארף, ווו מיר האבן געוווינט פאר דער מלחמה. עס איז שוין געווען הארבסט. לעבן דעם וואלד ווו מיר זיינען געווען האט געוווינט אן אוקראינישע פויער, פלארקע, וואס האט ביי זיך געהאט אויסבאהאלטן יידן, אבער מיר האבן דאן וועגן דעם ניט געוווסט. דער פויער האט צו אונדז געזאגט, אז מיר זאלן אויסגראבן א בונקער אין וואלד און זיך דארט אויסבאהאלטן. דער געוועזענער וואָיט פון אונדזער

דאָרף, מאַטשקע, האָט אַרויסגעבראַכט אַ לאָפּאַטע און דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב אין דער ערד, לעבן די סאָסנעס. דער בונקער איז פון אויבן פאַרדעקט געוואָרן מיט קזשאַקעס און בלעטער, מיר האָבן אויך אויפן גרוב אַרויפגעשטעלט אַ קליין קעסטל און מיר זיינען דאָרט געלעגן צוויי וואָכן צייט.

איינמאָל, ווען איך בין אַרויס פון בונקער, כדי צו גיין איינשאַפן אַ ביסל עסן, האָב איך לעבן דער צעגעלניע געטראָפן אַ מיידעלע פון בורשטין, וויטעלע קאָדער, וואָס איז געווען איין יאָר עלטער פון מיר. זי האָט שוין דאַן קיינעם ניט געהאַט, מען האָט אַרויסגעפירט אַלע אירע נאָענטע, און זי האָט אַרומגעבלאָנקעט אַליין. האָב איך זי געבראַכט אין אונדזער בונקער און זי איז געווען מיט אונדז צוזאַמען. (זי לעבט, זי האָט מיט אַ צייט צוריק חתונה געהאַט און וווינט איצט אין קאַראָלינאַ, פאַראייניקטע־שטאַטן). מיר זיינען געווען אין דעם בונקער נאָך אַ צוויי, דריי חדשים. איך מיט דעם מיידעלע זיינען מיר שטענדיק אַרויסגעגאַנגען זוכן עסן. דער טאַטע און די מאַמע זיינען ניט אַרויס פון וואַלד, פון בונקער פלעגן זיי יאָ אַרויסגיין. די שיקסעלעך פון דאָרף האָבן געוווּסט, אַז מיר זיינען אויסבאַהאַלטן אין בונקער און זיי פלעגן פון צייט צו צייט מיר געבן עסנוואַרג.

איינמאָל איז צו אונדזער בונקער צוגעקומען אַ ייִד פון דעם דאָרף, טשאַראָוו (Czarów). דער ייִד האָט געהייסן מרדכי, ליידער געדענק איך ניט זיין פאַמיליען־נאָמען. מרדכי האָט געזאָגט צום טאַטן, אַז מען זאָל אויסגראָבן אַ גרעסערן בונקער, ווייל ער וויל זיך צוזאַמען מיט אונדז אויסבאַהאַלטן. ער איז דאַן געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ צווייטן אָרט אין וואַלד, איז דאָרט פאַרגעקומען אַן אַבלאַווע, און ער האָט פון דאָרט געמוזט אַוועק. דער ייִד, מרדכי, האָט געבראַכט זיין פרוי ווי אויך נאָך דריי ייִדן, די צוויי ברידער, פּיטשע און דודיע שיפער און מאָטל מעסינגער. אַלע האָבן אויסגעגראָבן אַ גרויסן בונקער וווּ מיר זיינען געווען צוזאַמען. מרדכי, מיט די אַנדערע ייִדן, וועלכע זיינען געקומען צו אונדז אין וואַלד אַריין, האָבן געהאַט מיט זיך אַ ביסל געלט, זיי האָבן אויך געהאַט איין ביקס מיט צוויי קוילן און צוויי רעוואָלווערן מיט זעקס קוילן. מיר האָבן אַלע אין דעם בונקער געלעבט ביי זעקס וואָכן צייט. דעם פריערדיקן קליינעם בונקער, אין וועלכן איך מיט מיינע עלטערן און מיט דעם מיידעלע זיינען געווען, האָבן מיר געלאָזט פריי.

איינמאָל פאַרטאָגס ווען אַלע אין בונקער זיינען געשלאָפן און איך און וויטעלע זיינען מיר געזעסן אין דורגעקוקט אונדזערע קליידער און געקליבן די לייז, זיינען אין וואַלד אַריין געקומען צולויפן אוקראַאינישע פּאָליציי־לייט און אָנגעהויבן שיסן אין דער ריכטונג וווּ עס האָט זיך געפונען אונדזער בונקער. איך מיט וויטעלע האָבן מיר שנעל אויפגעוועקט די מענטשן אין בונקער. מרדכי האָט געכאַפּט די ביקס און אויסגעשאָסן צו די אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון וואַלד אַרויס. גלייך נאָך דעם האָבן מיר זיך אַלע אָנגעטאָן און מיר זיינען אַרויף זיך אויסבאַהאַלטן אויף די סאָסנעס, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז די אַנטלאָפענע אוקראַאינישע פּאָליציי־לייט וועלן ברענגען דייטשן. עס איז דאַן געווען ווינטער, עס איז געלעגן אַ שניי און מיר האָבן מיט די פיס געמאַכט שליאַדעס צו דעם אַלטן בונקער, וווּ מיר זיינען פון אָנהויב געווען, כדי די דייטשן זאָלן מיינען, אַז מיר זיינען דאָרט. מרדכי איז ניט אַרויף אויף די ביימער, ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און געלעגן אַן אויסגעצויגענער מיט דער ביקס. פּיטשע מיט דודיע שיפער האָבן זיך אויך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד מיט די רעוואָלווערן אין די הענט. מיר, די איבעריקע פון דער גרופּע, זיינען מיר אַלע אַרויף אויף די ביימער.

אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען אָנגעקומען אין וואַלד אַריין אַ סך דייטשן מיט אַ הונט. דער הונט איז געגאַנגען לויט די שליאַדעס און ער איז צוגעגאַנגען צום בונקער, וואָס איז געווען ליידיק. ווען דער דייטש, וואָס האָט געפירט דעם הונט, האָט זיך אָנגעבויגן אַריינצוקוקן אין דעם בונקער, האָט מרדכי אויסגעשאָסן פון דעם ביקס און דערשאָסן דעם דייטש. די איבעריקע דייטשן האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן פון וואַלד אַרויס. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן שרייען אויף די אוקראַאינישע פּאָליציי־לייט, פאַרוואָס זיי האָבן ניט געזאָגט, אַז אין וואַלד געפינען זיך באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. ביים אָפּטרעטן האָבן די דייטשן שטאַרק באַשאָסן דעם וואַלד און צוויי קוילן האָבן געטראָפן דעם ייִד, מרדכי. איין קויל אין פוס

און איין קול אין האנט. ביינאכט זיינען מיר אריין צו א באקאנטער פויערטע, מיר האבן ביי איר גענומען א שליטעלע און דערויף אוועקגעפירט מרדכין אין אן אנדערן וואלד אריין, אין דעם בוקאטשאווצער וואלד, מיר די איבריקע זיינען געגאנגען צו פוס. מרדכי האט אויף זיין פוס אונטערגעהינקט און די דורכגעשאסענע האנט האט ביי אים אנגעהויבן צו פוילן. דאן האב איך מיט זיין פרוי ביי מרדכין אפגעשניטן די פוילענדיקע האנט מיט א זשילעטקע און איר באגראבן אין וואלד. די אפגעשניטענע האנט האבן מיר פארבינדן מיט



אין א ווינטער טאג

אין דער גרופע: צוויי זין פון לייבוש הארניק, מאנדלבוים, אידא העלער און ט. פענסטער

שמאטעס און פארוואשן מיט וואסער. מרדכין האט זיך די האנט פארהיילט אבער ער האט געהינקט אויף א פוס. ער איז שפעטער אומגעקומען, ווען עס איז געווען אן אבלאווע אין א צווייטן ארט אין וואלד. בעת א שיסעריי פון די דייטשן איז דער ייד דערשאסן געווארן.

אין בוקאטשאווצער וואלד זיינען מיר געווען אין א גרויסן בונקער, מיר זיינען דארט געווען ביי 15 פערזאן. עס זיינען אויך געווען אויסבאהאלטן דארט קינדער. אין זעלבן בונקער איז אויך געווען אויסבאהאלטן מיין קוזין, יאנקל גלאצער, מיט זיין טאכטער (ער וווינט איצט אין ברוקלין, נ.י.). מיר זיינען אויך שפעטער געווען אין אנדערע פלעצער פון די וועלדער און מיר האבן געטראפן נאך אויסבאהאלטענע יידן. זייענדיק אין וואלד האבן מיר אבער ניט געהאט וואס צו עסן, דער הונגער איז געווען גרויס. איינמאל איז מיין טאטע, מיט יאנקל גלאצערס זון ארויס פון וואלד, מיט נאך א ייד, א געוויסער פאגעל, כדי איינצושאפן עסן. אבער זיי זיינען שוין מער ניט צוריקגעקומען. מען האט אונדז שפעטער דערציילט, אז אלע דריי זיינען געכאפט געווארן דורך אוקראינישע פויערים און מען האט זיי דערהרגעט מיט העק.

מיר זיינען שפעטער אריין אין דעם טשארוווער וואלד. דארט ווידער זיינען מיר באשאסן געווארן דורך ווייסרוסישע דעזערטירן, וואס האבן זיך איבערגעגעבן צו די דייטשן. עס זיינען דאן דערשאסן געווארן א 7־8 יידן. מיר זיינען אזוי געגאנגען פון פלאץ צו פלאץ זיך אויסצובאהאלטן. צום סוף האבן מיר אויסגעגראבן א גרויסן בונקער אין וואלד און דארט געלעגן ביז צו דער באפרייאונג דורך דער רויטער־ארמיי, אין זומער 1944.

נאך דער באפרייאונג בין איך מיט מיין מאמע אוועק אין דעם דארף ווו מיר האבן געוווינט פאר די מלחמה, מיר האבן געוואלט אויסגעפינען דאס ארט ווו מיין טאטע איז געווארן באגראבן. אבער א פויערטע האט אונדז געזאגט, אז מיר זאלן אוועק פון דארף, ווייל די באנדעראווצעס וועלן אונז הרגענען. איך בין שפעטער געווען אין בוקאטשאווצע, מיר זיינען געווען אין דייטשלאנד, און דעם 8־טן דעצעמבער 1949 זיינען מיר מיט אן עראפלאן אנגעקומען קיין אמעריקע. אין יאר 1945 האב איך אין ריכבאך חתונה געהאט מיט וואלטער טיכאוער, וועלכער שטאמט פון קאטאוויץ. מיין מאן איז דא אין די בוטשער־ביזנעס און עס איז אונדז ניט שלעכט. מיר וווינען אין א דירה פון פיר צימערן נישקשהדיק איינגעארדנט און מיר זיינען זייער צופרידן פון אונדזער לעבן. מיר געהערן ניט צו קיין שום ארגאניזאציע. מיר לייענען בלויז ענגלישע צייטונגען, קיין יידיש לייענען מיר כמעט ניט.

מרים גינזבורג־אלערהאנד

איבער פארבלוטיקטע וועגן

מיינע איבערלעבונגען אין די יארן 1945—1939

פרווּוט מען זיך דערמאנען די אלע איבער־לעבענישן אין משך פ״ון די עטלעכע יאר פון 1939 ביז 1945, איז פשוּט שווער צו גלויבן, אז מיר זענען אימשטאנד געווען דאס אלעס איבערצולעבן, אזויפיל גרויליקע יסורים, פיין און טויט. און איצט ווידער לעבט מען, ארבעט, פארנומענקייט, טאג־טעגלעכע זאר־גן. איז עס מעגלעך ? ...

אפט באפאלן מיך אזעלכע טרויעריקע מחשבות, נעמען מיר צו די רו און דעם שלאף פון די אויגן.



חיים גינזבורג ז״ל דער זון פון
הרב ר׳ יואל גינזבורג

אין אזעלכע מאמענטן לעבן ווידער אויף די בילדער פון מיין פריער קינדהייט אין שטעטל, טאטע־מאמע, יום־טובים, מיידעלשע זכרונות, ווען איך האב מיין חתן צום ערשטן מאל באקענט, אט, שטייט ער פאר מיר, ווי לעבעדיק, דער יונגער חיים גינזבערג, ווען ער איז דאס ערשטע מאל אין אונזער שטעטל (קשע־שאוויצע) אראפגעקומען צו פארשפרייטן יידישע און העברעאישע קולטור. ער האט ארגאניזירט קורסן פאר הברעאיש. די יוגנט פון אונזער שטעטל, דור־שטיק נאך וויסן, איז מאסענווייז געקומען אויף די קורסן. מען האט געלערנט העברעאיש, געזונגען יידישע און העברעאישע לידער און געחלומט פון ציון. מיר האבן זיך פארליבט. ער איז געווען דער אנפירער, דער לערער. א פייערדיקער רעדנער, שריי־בער, מיטארבייטער פון יידישע אין פוילישע צייי־טונגען "Nawy Dziennik" קאראספאדענט פון „העו־לם“ אין לאנדאן. ער האט באקומען א פאסטן אלס פראפעסאר פון גריכיש, לאטיין און העברעאיש אין דער יידישער גימנאזיע אין קראקע, א בכבודיקע שטעלע. אין יאר 1936 האבן מיר חתונה געהאט.

דא קומט מיר ווידער אויף מיין זכרון די היים פון מיין שווער הרב יואל גינזבורג זצ״ל, ווי א לעבעדיקער שטייט ער פאר מיינע אויגן מיט זיין אימפאזאנטער געשטאלט, פאטריארכאלן הדרת פנים. מיין שוויגער ע״ה, גרשון, דער יונגער זון, דער עלוי, איינער פון די אנפירער פון „ביתר“. (פאר זיין אידעע, אלס רעוויזיאניסט איז ער אויך שפעטער אומגעקו־מען אין לעמבערג, ווען די באלשעוויקעס האבן דעם טייל פוילן פארנומען).

ווי גרויס איז געווען די שמחה, ווען אונזער זון ב״י איז נאך א יאר געבוירן. געגעבן האבן מיר אים א ביבלישן נאמען „עמרם“, גערעדט מיט אים העב־


רעאיש, וואס האט אזוי שיין געקלונגען פון זיין קינדע־רישן מויל.

נישט לאנג האט די אידיליע געדויערט. אין סעפטעמבער 1939 איז די מלחמה אויסגעבראכן און שוין נאך א טאג האט זיך אנגעהויבן די בהלה. אלע האבן אנגעהויבן צו אנטלויפן, געלאפן איז מען צום מזרח, וואס ווייטער פון דער גרענעץ. מערסטנס די מענער, ווייל מען האט געגלויבט, דאס דער דייטש וועט דאך נישט הרגענען קיין פרויען און קינדער.

מיין מאן ז״ל איז אויך אנטלאפן. ער האט נאך מער מורא געהאט, ווייל אלס זשורנאליסט האט ער אפט־מאל געשריבן קעגן היטלעריזם. אזוי האבן מיר זיך צעשיידט — אויף תמיד. איך מיטן קינד זענען אין קראקא פארבליבן. ער איז געפארן קיין לעמ־בערג און דערנאך בורשטין. דארט זענען געווען די רוסן. אונז האט מען אנגעהויבן צו פארשליסן אין געטאס, גענויט טראגן ספעציעלע צייכנס א. א. וו.

און יאר 1941 איז אויסגעבראכן דער דייטש־רוסישער קריג. עס האט זיך אנגעהויבן דאס לעצטע קאפיטל פון פוילישן יידנטום. עס האבן זיך אנגעהויבן די אויסראטונגען.

אין יאר 1942 האט מען ליקווידירט דאס קרא־



די תעודה, ארויסגעבען דורך ד״ר יהושע טאן ז״ל
פאר חיים גינזבורג ז״ל

קעווער געטא. מיר איז געלונגען דורך א פוילישן באקאנטן ארויסצובאקומען ארישע דאקומענטן, פאר מיר און מיין זון אויפן נאמען פון Maria Jawsrewska דעמאלט זענען מיר אנטלאפן קיין ווארשע, ווו עס

האט זיך ערשט אנגעהויבן אונזער דערנער־וועג.

יעדע רגע האט מען געקוקט דעם טויט אין די אויגן. ווו מען האט געטאגט האט מען נישט גענעכטיקט. פאר יעדנס קוק האט מען מורא געהאט, יעדער האט דאך געקענט א ייד מסרן און נאך דערפאר באלוינט ווערן. האבן די פאליאקן אויסגענוצט די געלעגנהייט. צוערשט האבן זיי שאנטאזשירט, געלט ארויסגעצויגן און ווען קיין געלט איז שוין נישט פארבליבן — אויסגעגעבן — א וווינונג האט מען געמוזט כמעט מיט גאלד באצאלן, ווייל דער בעל־הבית האט זיך דאך איינגעשטעלט דאס לעבן, פאר אויסבאהאלטן א ייד איז דאך געקומען טויט־שטראף. האט מען פון איין דירה ארויסגעווארפן און א צווייטע מיט ניסים געפונען און טיילמאל שוין אויפן צווייטן טאג פון דער אויך געמוזט אנטלויפן. א מסירה נאך א מסירה, איין שאנטאזש נאכן צווייטן האט דעם מארך פון די ביינער און דעם לעצטן גראשן ארויסגעצויגן.

מיר איז נאך שווערער געווען מיט א יינגעלע. מען האט זיך באלד געקענט איבערצייגן, אז ער איז א ייד.

איינמאל נאך א נאכט פון פחדים, ווען די געסטאפא האט ביי מיר דורכגעפירט א רעוויזיע, האב איך געמיינט אז אונזער סוף איז שוין געקומען. צוויי אגענטן זענען געווען, זיי האבן אונטערזוכט דאס קינד און זיך איבערצייגט, דאס מיר זענען יידן. זיי האבן מיך מיט די רעוואלווערן מוראדיק געשלאגן. דאס קינד האט שרעקלעך געוויינט. דא, ווי דורך א נס, האט איינער פון די צוויי געזאגט צו זיין באַגלייטער, אז ער קען דאס קינד נישט דערשיסן, ווייל עס דערמאנט אים זיין קינד אין דער היים. זיי האבן אונז געלאזט לעבן, האבן אבער אלץ צוגענומען, אפילו מיין מאנטל און אנגעזאגט, מיר זאלן זיך גלייך ארויסציען.

איך האב ווידער מיט וווּנדער א דירה באַקומען, און אן איינגעפאלן הויז, מיט א צובראכענעם דאך, ווו עס פלעגט ארייגרינען, אבער דארט האט מען מיך שוין געלאזט וווינען. עס האט זיך מיר דאס גאנצע געלט אויסגעלאזט, האב איך אנגעהויבן צו ארבעטען אלס פרעסערין אין א פאבריק פון אוניפארמען, נישט ווייט פון „געטא". 12 שעה א טאג האב איך געפרעסט פאר א הונגער־לוין, דאס קינד איז געלעגן אין שמאטעס איינגעוויקלט הינטערן טיש. איך וואלט געקענט אזוי דערציילן עפיזאדן אן א צאל. פון מיין מאן פלעג איך צוערשט בריף דורך דער פארמיטלונג פון אן אוקראינער באקומען, ביז איינמאל האב איך א ידיעה באקומען, נישט פון אים, דאס איך האב נישט נאכוואס צו שרייבן.

איך האב געזען דורך די פענצטער פון דער פאבריק דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא, האב געזען די שמחה פון די פאליאקן, אז זיי ווערן פטור פון די יידן. א סך צו דערציילן, אבער דאס איז א באזונדער קאפיטל.

איך האב אויך מיטגעמאכט דעם פוילישן אויפשטאנד. האב איך געזען די דייטשן אנטלויפן. אבער מיר האבן צופיל פארלוירן, דאס איך זאל האבן געקענט זיך פרייען דערמיט.

מיר איז געבליבן נאר איין ציל, צו געבן מיין זון, זאל לעבן, א יידישע דערציונג, צומאכן פון אים א שטאלצן נאציאנאלן ייד, וואס איז געווען דער הייליגער ווונטש פון זיין פאטער ע"ה.

אוממענטשלעכן ליידן און פיין

די איבערלעבענישן פון ד״ר ליפע שומער
אין דער צייט פון היטלעריסטישע מערדערייען

אויפגענומען דורך **י. שמולעוויטש**, ניו־יארק

איך בין געבוירען און דערצויגן געווארן אין דעם שטעטל, בורשטין (Bursztyn) מזרח־גאליציע ווו איך האב געוווינט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאכן פארענדיקן דעם מעדיצינישן פאקולטעט אין ווינער אוניווערסיטעט בין איך אין בורשטין געווען דער פאפולערער שטאט־דאקטער צווישן יידן און ניט אידן. איך האב געוווינט אין בורשטין מיט מיין פרוי און טאכטער.

ווען די סאוועטן זיינען אריינגעקומען קיין בורשטין דעם 17־טן סעפטעמבער 1939, האבן זיי זיך באצויגן צו דער באפעלקערונג אן אונטערשייד, צו יידן ווי צו ניט־יידן. די ארטיקע אוקראאינער דאקעגן האבן אנגעהויבן פירן א העצע קעגן די יידן. גלייך האבן די אוקראאינער אנגעהויבן מסרן פאר די סאוועטן די יידן. אז יעדער ייד איז א בורזשוי, אז די יידן זיינען געווען פארבינדן מיט די פוילישע „פאנעס" א.ד.ג. אין רעזולטאט דערפון האבן די סאוועטן אנגעהויבן ארויסגעבן די יידן פאספארטן מיט דעם פאראגראף 11, אז מען טאר ניט וווינען אין געוויסע שטעט, מען טאר ניט רייזן פון ארט צו ארט און, אז מען איז בכלל א שעדלעכער עלעמענט. די דאזיקע פאספארטן זיינען ארויסגעגעבן געווארן מערסטנס צו רייכע יידן. רייכע אוקראאינער, האבן דאקעגן באקומען גוטע פאספארטן, ווייל זיי זיינען געווען מוסרים ביי די סאוועטן. די יידן וואס האבן באקומען פאספארטן מיט דעם פאראגראף נר. 11 זיינען אויך געווען די ערשטע אויף דער ליסטע ארויסגעפירט צו ווערן קיין סיביר.

אפיציעל האבן די סאוועטן ניט געפירט קיין אנטיסעמיטישן קורס אין שטעטל אבער צו יידן זיינען אנגעווענדן געווארן באזונדערע געזעצן און פאראָרדענונגען. א סך יידן פון שטעטל, צווישן זיי ציוניסטן, האבן דאן געזאגט, אז ניט געקוקט אויף אלעם איז די רויטע־ארמיי א ישועה פאר די יידן און א גליק וואס מען איז ניט ארונטערגעפאלן אונטער די נאציס. אין יענער צייט האבן מיר שוין געהאט גרוסן פון צענטראל פוילן וועגן די צרות, וואס די דארטיקע יידן האבן אויסצושטיין פון די היטלעריסטן און דערביי דארף מען געדענקען, אז דאס איז ערשט געווען דער אנהויב. אין בורשטין האבן געלעבט ביי 2.600 יידן. שלעכטע פאספארטן האבן בלויז באקומען א 60 יידן (מען דארף געדענקען אז עס זיינען אויך געווען פיל מינדעריעריקע), ווייל אונזער שטעטל איז געווען אן ארעם שטעטל. עס זיינען געווען גרויסע ארעמעלייט און בלויז א קליינע צאל גבירים.

ווען די סאוועטן זיינען געווען ביי אונז אין שטעטל האבן די יידן מורא געהאט צו פירן דעם האנדל, עס האט געדראט מיט טורמע. די סאוועטן האבן דאן אויך אין בורשטין ארעסטירט יידישע יוגנ־

טלעכע, די פירער פון די ציוניסטישע יוגנט־ארגא־ניזאציעס. מען האט די דאזיקע אוועקגעפירט קיין לעמבערג און דארט זיי דערהרגעט צוזאמען מיט די אוקראינישע נאציאנאליסטן, אדער זיי ארויסגע־פירט קיין סיביר. מען האט אויך ארעסטירט און א־רויסגעפירט רייכע יידן און געוועזענע יידישע כלל־טוער. איך האב דאן געארבעט אלס דאקטער אין דעם שפיטאל, וואס עס האבן געשאפן די סאוועטן. איך האב געארבעט ביי 20 שעה א מעת־לעת און באקומען דערפאר א קליינעם לוין, אבער איך בין צופרידן געווען, אז מען טשעפעט מיך כאטש ניט. איך מיט מיין פרוי האבן דאן אויספארקויפט פון שטוב אלץ וואס מיר האבן געהאט פון פריער און פון דעם געלעבט. איך האב פאר דער מלחמה אויך געהאט א מיל, האבן די סאוועטן ביי מיר קאנ־פיסקירט די מיל און איך האב זיך נאך געמוזט אונטערשרייבן, אז איך שענק דאס אוועק צו דער סאוועטישער רעגירונג.

די אוקראינישע מוסרים האבן דאן פאר די סא־וועטן ספעציעל געמסרט רייכע יידן, אז די דאזיקע זאלן ארויסגעפירט ווערן קיין סיביר, כדי זיי, די אוקראינער, זאלן שפעטער קענען צורויבן די פאר־מעגנס וואס די יידן האבן איבערגעלאזט, ווייל די סאוועטן האבן דאך ניט געלאזט מיט זיך מיטנעמען פילביים ארויספירן. אויף מיך האבן די אוקראינער געמסרט פאר די סאוועטן, אז איך פלעג מיטאר־בעטן מיט דער פוילישער רעגירונג און געגעבן עצות צו דער פוילישער רעגירונג ווי אזוי אונטער־צודריקן די אוקראינישע באפעלקערונג. דערווייל אבער האבן די סאוועטן מיך ניט געטשעפעט, ווייל זיי האבן מיך געמוזט האבן אלס דאקטאר. אזוי איז עס געגאנגען ביז דעם 22־טן יוני 1941 ווען עס איז אויסגעבראכן די דייטש־סאוועטישע מלחמה.

די רויטע ארמיי איז פון אונזער שטעטל אוועק אין גרויס פאניק. ארום שטעטל זיינען פארגעקומען שלאכטן מיט די ערשטע דייטשע פאטראלן. עס זיינען אויך אויפגעריסן געווארן די בריקן. ווען די סאוועטן האבן אפגעטרעטן זיינען געוויסע יידן פון שטעטל מיט זיי אוועק. געווען זיינען דאס מערסטנס יידן, וואס זיינען ביי די סאוועטן געווען אויף שטעלעס און זיי האבן מורא געהאט צו בלייבן צוליב די אוקראינער און אויך צוליב די דייטשן, וואס האבן געדארפט אריינקומען. בעת די קאמפן ארום שטעטל זיינען ארונטערגעשאסן געווארן דייטשע פליער דורך די סאוועטן און זיי זיינען געבראכט געווארן צו מיר, אלס דאקטאר, און איך האב זיי געהיילט.

ווי נאר די סאוועטן זיינען אוועק פון שטעטל און די דייטשע ארמיי איז נאך ניט געווען אריינגעקו־מען, האט זיך געשאפן אן אוקראינישע מיליץ. די אוקראינער האבן בכלל ארויסגעקוקט, אז די היט־לעריסטן זאלן שוין אריינקומען. צווישן די אוק־ראינישע מיליציאנערן האבן זיך געפונען אזעלכע יואס זיינען פריער געווען ביי די סאוועטן גאנצע מאכער און געשריגן: „זאל לעבן סטאלין!". ווען די סאוועטן זיינען אפגעטרעטן זיינען די זעלבע אוק־ראינער געווארן גרויסע מאכער פאר די היטלעריסטן און געשריגן: „זאל לעבן היטלער!".

געוויסע יידן וואס זיינען געהאט אוועק מיט די סאוועטן זיינען צוריקגעקומען אין שטעטל אריין. די אוקראינישע מיליציאנטען האבן די דאזיקע יידן פארהאלטן אויפן וועג, מען האט זיי בארויבט, גע־שלאגן און פיל זיינען דערהרגעט געווארן. נאך איידער די היטלעריסטן זיינען אריינגעקומען קיין בורשטין האבן די אוקראינער אוועקגעשיקט א דע־פוטאציע פון 12 אנגעזעענע אוקראינער צום לאנדס־מאן־הויפטמאן אין ראהאטין (Rohatyn) און אים דערציילט, אז די יידן פון אונזער שטעטל זיינען רייך, אז זיי האבן ביי זיך אין די וווינונגען זילבער, גאלד און זאפאסן מיט פראדוקטן, קאפע און טיי, וואס איז דאן געווען שווער צו באקומען. די דעלע־גאציע האט אויך דערציילט פאר דעם היטלעריסטישן הויפטמאן אין ראהאטין, אז די יידן אין בורשטין לאכן פון היטלערן און מען דארף זען עפעס צו טאן, אז די יידן זאלן זיך ניט אויפפירן אזוי פרעך...

באלד צומארגנס, געווען איז דאס דינסטיק דעם 20־טן יולי 1941, איך בין דאן געשטאנען אין מיין מעדיצינישן קאבינעט אנגעטון אין ווייסן פארטוך און באהאנדעלט א קראנקן אוקראינער, איז צו מיר געקומען א בורשטינער ייד, א געוויסער מינע טאב־יאס. ער איז געווען בלאס ווי די וואנט, ער האט גע־האלטן א צעטל אין דער האנט און צו מיר געזאגט:
— הער דאקטאר, עס טוט מיר לייד, איר מוזט מיט

מיר גיין אין דער געמיינדע אריין, מען ווארט אויף אייך, עס איז באפעל.

דער ייד וואס איז צו מיר געקומען, מינע טאביאס, איז געווען אין אונזער שטעטל א כלל־טוער און ער האט געהאט א קליינעם גוט־באזיץ און א בעקעריי. די אוקראינישע מיליץ האט אים דאן באשטימט אלס זייער פארמיטלער מיט די יידן און וואס זיי האבן געוואלט דערליידיקן מיט די יידן האבן זיי דאס געמאכט דורך טאביאסן, באטראכטענדיק אים אלס דעם פארשטייער פון די יידן.

ווען ער האט דאס מיר געזאגט בין איך איבעראשט געווארן און מיטגעגאנגען. ווען איך בין ארויסגעקומען אין דרויסן זיינען פאר מיין הויז געשטאנען עטלעכע אוקראינישע מיליציאנטן. איינער פון זיי איז צו מיר צוגעגאנגען און מיר געהייסן אנהויבן לויפן. ווען איך האב אנגעהויבן לויפן האט דער אוקראינער אנגעהויבן מיך שלאגן מיט א נאהייקע. מיין פרוי און די טאכטער האבן דאס געזען. די טאכטער האט דאן אויסגעשריגן צום אוקראינער,

— דו שעמסט זיך ניט צו שלאגן אן אלטן, איבערגעגעבענעם דאקטאר, וואס האט געראטוועט טויזנטער אוקראינישע מאמעס, ווען זיי האבן געדארפט געבוירן קינדער?

דער אוקראינער האט ארויסגעכאפט זיין רעוואלווער און געוואלט אויסשיסן צו מיין טאכטער, אבער מיין פרוי האט נאך באוויזן אריינצושלעפן די טאכטער אין דער שטוב אריין און הינטער זיך פארמאכט די טיר. אזוי ווי דער אוקראינער האט מיך געשלאגן מיט דער נאהייקע האב איך אויפגעריסן מיין העמד אויפן לייב און צו אים געזאגט, אז ער זאל מיך ניט מוטשען, נאר ער זאל מיך בעסער דערשיסן. האט ער מיך געהייסן לויפן און ער האט מיך נאך מער געשלאגן. אזוי לויפענדיק און קריגנדיק געשלאגן בין איך דערלאפן צו דער געמיינדע פון דעם שטעטל (מאגיסטראט).

ווען איך בין אריינגעקומען אין דער געמיינדע האב איך דארט געטראפן אוקראינישע אינטעליגענטן, ריכטער, אדוואקאטן און דעם נאטאריוש וועמען איך פלעג היילן און וואס זיינען פאר די מלחמה געווען מיינע גוטע פריינט. ווען זיי האבן מיך דערזען אריינקומען האבן זיי זיך געמאכט מיך ניט דערקענען. ווי איך בין אזוי געשטאנען האט מען מיך געגעבן א שטופּ אריין אין א צימער. ווי נאר איך בין אריינגעקומען אין דעם צימער האב איך גלייך דערהערט א יאמערלעך געשריי. די טיר האט זיך געעפנט און עס איז אריינגעווארפן געווארן א צעשלאגענער און א צובלוטיקטער אונטער די קלעפ פון נאהייקעס דער רב פון בורשטין, הרב הערץ לאנדאו. אין א פאר מינוט שפעטער איז אונטער דער זעלבע סצענע אין צימער אריינגעווארפן געווארן דער אלטער מורה־הוראה, ר׳ יואל גינזבערג. דאס בילד האט זיך אזוי ווידערהאלט עטלעכע מאל, 8־10 אנגעזעענע יידן פון שטעטל זיינען אזוי ארום אריינגעווארפן געווארן אין דעם צימער ווו איך בין געווען אין דער געמיינדע.

ווען איך האב דערזען אין צימער דעם מנין צעשלאגענע יידן האב איך צו זיי געזאגט:

— יידן, באנעמט זיך אזוי ווי יידן האבן זיך באנומען ווען זיי זענען געגאנגען אין פייער און וואסער, טוט ניט אפ דעם שונא דעם נחת־רוח!

די יידן אין צימער האבן זיך אנגעהויבן ארום מיר צו טוליען ווי איך וואלט עפעס געהאט א מאכט זיי צו באשיצן, אבער איך האב דאן ביי זיך געפילט א גרויסע מאכטלאזיקייט.

עס האט זיך געעפנט די טיר און אין צימער איז אריינגעקומען א דייטשער אונטער־אפיציר, וואס איז געווען דער קאמענדאנט איבער דער געשאפענער אוקראינישער מיליץ אין שטעטל, די רעגולערע דייטשע ארמיי איז נאך ניט געהאט אריינגעקומען. דער דייטשער אפיציר איז אריינגעקומען אין באגלייטונג פון עטלעכע אוקראינער. אלע זיינען געווען באוואפנט און מיט נאהייקעס אין די הענט.

איין אוקראינער איז צוגעגאנגען צו דעם אלטן מורה הוראה, אים אפגעשוירן די גרויע בארד און אים געווארפען אין פנים אריין די האר. דערביי האט דער אוקראינער געזאגט צום מורה הוראה: „פארשיווי יידן, איצט איז געקומען די צייט ווען מיר וועלן פון אייך פטור ווערן און אייך באצאלן פאר אלע צייטן". דעם מורה הוראהס טרערן האבן זיך געגאסען אויף זיין פנים און ער האט גארניט גערעדט. אין דעם מאמענט בין איך צוגעגאנגען

צו דעם דייטשן אונטער־אפיציר און איך האב צו אים געזאגט:

— איך האב געלערנט אין א דייטשן אוניווערסיטעט, איך בין א ייד און איך האב גענאסן פון דער דייטשער בילדונג, אלע מיינע דערציער זיינען געווען דייטשן. איך האב אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געקעמפט צוזאמען, אקסל ביי אקסל, מיט דייטשן, געארבעט מיט דייטשע דאקטוירים און באהאנדלט דייטשע קראנקע אינאיינעם מיט עסטרייכישע. אפעליר איך איצט צו דיר ווי צו א דייטש און איך וויל נים ריידן צו די אוקראינער; מוטשע ניט די אומשולדיקע מענטשן. אלס א דאקטאר האב איך ביי זיך אין דערהיים גוטע זאכן און איך ווייס אויך וואס אנדערע יידן האבן, מיר דארפן ניט די דאזיקע זאכן. דו וועסט ביי אונז באקומען פיינעם שנאפס, איך האב א גוטן פאטאגראפישן אפאראט, א„לייקע", דו וועסט אלץ האבן, אבער לאז מיך ארויס, איך זאל עס דיר קענען ברענגען.

דער דייטש האט זיך פארטראכט א מינוט און דאן געזאגט, אז איך בין פריי, אז איך זאל גיין אים ברענגען די צוגעזאגטע זאכן. איך האב אים געענטפערט, אז אליין וועל איך גארניט קענען פארשאפן, איך קאן ניט איבערלאזן די איבעריקע יידן, אז זיי זאלן מיט מיר מיטגיין, כדי איינצושאפן די אלע זאכן. דער דייטשער אונטער־אפיציר האט צו מיר געזאגט, אז די איבריקע יידן קענען גיין מיט מיר באר איך בין מיט מיין קאפ פאראנטווארטלעך פאר זיי; אויב איינער פון די יידן וועט ניט צוריק קומען וועל איך דערשאסן ווערן. דער דייטש האט צו מיר געזאגט, אז אין א שעה ארום זאלן מיר זיין צוריק מיט די צוגעזאגטע זאכן. שפעטער וועט ער ביי אונז, ביי מיר און די יידן וואס זיינען מיט מיר געגאנגען, מאכן א רעוויזיע און אויב מען וועט עפעס געפינען, וועט ער אונז שיסן. דעם רב און דעם מורה הוראה האט דער דייטשער אונטער־אפיציר ניט געוואלט ארויסלאזן.

ווען איך מיט די איבעריקע יידן זיינען מיר ארויסגעגאנגען פון דעם צימער האב איך הינטער זיך געזען ווי די אוקראינער האבן דעם רב מיט דעם מורה־הוראה צוגעבינדן שטריק אויפן האלדז און מען האט זיי מיט די שטריק צוגעבונדן צו די אייזערנע גראטעס פון פענצטער. איך האב זיך געוואלט אומקערן אין צימער אריין, אבער די איבעריקע יידן האבן מיר געבעטן, אז איך זאל זיי ניט לאזן אליין, ווייל מען וועט זיי הרגענען. איך האב די יידן געהייסן שטיין צוזאמען אויף איין ארט און איך האב זיי צוגעזאגט, אז איך וועל באלד צוריק זיין מיט זיי צוזאמען. איך בין צוריק אריין אין דעם צימער פון דער געמיינדע, צוגעגאנגען צו דעם דייטשן אונטער־אפיציר און אים געבעטן, ער זאל ניט לאזן פייניקן דעם רב מיט דעם מורה־הוראה. דער דייטש האט צו מיר געזאגט, אז איך זאל אוועק, „דער רב מיט דעם מורה הוראה וועלן ניט קרעפירן" — האט ער צו מיר געשריגן. איך האב געבעטן דעם יינגן דייטש, אז ער זאל מיר דערלויבן צוגיין צו די צוויי יידן און זיי זאגן אווארט. דער דייטש האט מיר דערלויבט. ווען איך בין צוגעגאנגען צום ווינקעל ווו עס זיינען געשטאנען צוגעבונדענע צו די גראטעס פון פענצטער דער רב מיטן מורה הוראה זיינען ביידע געווען אין גרויס שרעק און געזאגט ווידוי. איך האב צו זיי געזאגט: „גאט איז מיט איך, איך וועל באלד זיין צוריק".

איך בין אוועק מיט די איבריקע יידן אין שטאט אריין. איך בין אוועק צו זיך אין דער וויבונג צונויפנעמען וואס איך האב געהאט ביי זיך און די איבריקע יידן פונאנדערגעשיקט איבערן שטעטל און געהייסן אנזאגן דער יידישער באפעלקערונג, אז מען זאל ברענגען אין דער געמיינדע אריין איינגעמאכץ, שנאפס, צוקער, קאנסערוועז, קאפע טיי און אנדערע זאכן. די יידן האבן זיך צוגעהערט צו מיין רוף און יידישע פרויען און מיידלעך און מענער האבן אנגעהויבן טראגן די דאזיקע זאכן אין דער געמיינדע אריין. אויפן וועג האבן אבער אוקראינער באפאלן די דאזיקע יידן און זיי מערדעלעך צעשלאגן.

איך אליין האב גענומען אין מיין שטוב א זאק און אים אנגעפילט מיט קאסטבארע זאכן, מיט א פאטאגראפישן אפאראט, עטלעכע פלעשער גוטן וויין, קאנפיטארן, צוקער, טיי א.ד.ג. דער זאק איז געווען שווערער פון מיר. איך האב דעם פולן זאק גענומען אויף די פלייצעס און אזוי געגאנגען אין דער גע־

מיינדע אריין. איןביידע זייטן גאסן זיינען געשטאנען אוקראינער און פאליאקן, וואס זיינען געווען מיינע פאציענטן אין משך פון יארן, שקצים און שיקסעס וואס איך האב אפגענומען בעת די געבורטן ביי זייערע מאמעס, און זיי האבן פון מיר געלאכט. זיי האבן אויף מיר געקוט מיט א פרייד אויף די פנימער ווי זיי וואלטן מיך גארניט קענען. איך און די אנדערע יידן האבן מיר אריינגעבראכט די זאכן אין דער געמיינדע און איך האב געבעטן דעם דייטשן אונטער־אפיציר, אז מען זאל ניט שלאגן די יידן.

דעווייל האבן די אוקראינישע אינטעליגענץ פון שטעטל, ריכטער, אדוואקאטן און סתם באלעבאטישע מענטשן, איינגעארדנט א פאגראם אויף די יידן. געווען איז דאס אין דער זעלבער צייט, דעם 20־טן אדער 21־טן יולי 1941. איך בין דאן געשטאנען פאר דער געמיינדע און עס איז אנגעקומען אן אוקראינישער דאקטער, א זון פון א גלח, מיינס א געוועזענער שכן, דר. קאמאריאצקי. ער איז אנגעקומען צו דער געמיינדע אין אן אויטא אויף וועלכן עס זענען געווען די פארבן געל־בלוי. צוזאמען מיטן דאקטאר קאמאריאצקי איז דאן אויך אנגעקומען דער ריכטער, קליש, מיינס א געוועזענער פאציענט און א גוטער פריינט און נאך עטלעכע פון דער ארטיקער אינטעליגענץ. דער אויטא, אין וועלכן זיי זענען געקומען, איז געבליבן שטיין לעבן מיר און זיי זיינען ארויס און זיך פריילעך אונטערהאלטן.

דאן איז צו מיר צוגעגאנגען א יינגער אוקראינישער מיליציאנט פון א יאר 16־17 מט א נאהייקע אין דער האנט. איך בין געווען אנגעטון אין דעם ווייסן, דאקטארישן מאנטל אזוי ווי מען האט מיך צוגענומען דעם זעלבן פרימארגן פון מיין מעדיצינישן קאבינעט. דער יינגער אוקראינער האט צו מיר געזאגט: „פארשאלטענער ייד, וואס טוסטו דא?" איך האב אים געענטפערט, אז דער דייטשער אונטער־אפיציר האט מיך געהייסן דארט שטיין און אכטונג געבן, אז די יידן זאלן ברענגען די געפאדערטע זאכן. דער יינגער אוקראינער האט גענומען די נאהייקע און מיך אנגעהויבן צו שלאגן. ער האט מיר געגעבן 6־5 שמיץ. איך בין געשטאנען גלייך, רואיק, ניט גערירט זיך פון ארט. דאס האט אים אפנים א ביסל איבערראשט און ער איז אוועקגעגאנגען.

מיינע געוועזענע גוטע פריינט, די אוקראינישע אינטעליגענטן, וואס זיינען געשטאנען ביים אויטא, האבן די סצענע צוגעזען. איך בין צו געגאנגען צו דעם דר. קאמאריאצקי און אים געפרעגט: „אפשר ווייסטו פארוואס מען שלאגט מיך?" — האט ער מיר דערויף געענטפערט, אז ער האט ניט געזען, אז מען זאל מיך שלאגן. דאן בין איך אוועק פון דער געמיינדע און געגאנגען אין מיין הויז צו זען וואס עס איז געווארן מיט מיין פרוי און טאכטער.

מיין טאכטער איז אוועק אין א צווייטן ארט אריין, ווייט פון בורשטין, ווו זי האט זיך אויסבאהאלטן ביי קריסטן. ווען איך בין אריינגעקומען אין דער שטוב האב איך געטראפן מיין פרוי א פארווינטע, האט מתפלל געווען און זי האט ניט געוווסט צי איך לעב נאך. איך בין אין דער געמיינדע שוין מער ניט צוריקגעגאנגען. איך בין ארויף אויף א בוידעם אין א הויז פון א קריסטליכן שכן, וואס האט וועגן דעם ניט געוווסט, דארט געזעסן ווי אין א היגער־פלעט ניט וויסנדיק וואס מיט מיר טוט זיך. איך בין אזוי געזעסן א גאנצע נאכט, ביז צומארגנס, כמעט באטויבט, ליגענדיק ביינאכט אויף דעם בוידעם האב איך געהערט שיסן און גלייכצייטיק געשרייען פון פארצווייפלטע און פארפייניקטע יידן. פון דער צווייטער זייט ווידער האב איך געהערט געלעכטער, מוזיק און אונטערהאלטונג פון די אוקראינער.

צומארגנס בין איך געגאנגען זען דעם רב און דעם מורה הוראה, ביידע זיינען געווען ביי זיך אין די היימען. זיי זענען געלעגן אין די בעטן אנגעטון אין טלית און תפילין, צעשלאגענע און צעהרגעטע. איך האב באקוקט די וווּנדן וואס זיי האבן געהאט אויף זייערע קערפערס און איך האב זיי באוויזן מיינע וווּנדן. דער רב און דער מורה הוראה האבן מיר דערציילט, און דאס זעלבע האב איך אויך געהערט פון אנדערע יידן, וואס עס האט זיך אפגעטאן א נאכט פריער ווען איך בין געלעגן אויסבאהאלטן אויפן בוידעם. עס איז איבער די יידן דורכגעפירט געווארן א פאגראם. מען האט געהייסן, אז אלע יידן פון שטעטל זאלן זיך צונויפזאמלען אין דער שול. מען האט זיי געטריבן אין דער שול אריין ווי מען טרייבט שאף צו דער שחיטה. אויפן וועג האט מען זיי מערדעלעך

געשלאגען. דער אונטער־אפיציר מיט די אוקראינישע מיליציאנטן, וואס זיינען באשטאנען פון 15 מאן, זיינען געווען באוואפנט מיט מאשין געווער און זיי האבן געהייסן די פארזאמלעטע יידן אין דער שול דאווענען. די יידן האבן געדאווענט מעריב. האט דער דייטשער אפיציר מיט די אוקראינער זיי געשלאגן, ווייל זיי דאווענען ניט גענוג הויך. ווען די יידן האבן אנגעהויבן דאווענען הויך האט מען זיי געהייסן דאווענען מיט די הענט אין דער הויך. היות ווי מאנכע יידן זיינען געווען שוואך, מיד און צעבראכן האבן זיי זיך געוואלט א ביסל אנשפארן אין דער וואנט. האבן די אוקראינער זיי מערדעלעך געשלאגן, ווייל די יידן שפארן זיך אן אין דער וואנט. דעם רב האט מען געהייסן ארויפ־גיין אויפן באלעמער און אז א ייד האט געטון עפעס וואס האט ניט געפעלן דעם דייטשן אונטער־אפיציר מיט די אוקראינער, האט מען געשלאגען דעם באטרע־פנדיקן ייד און דעם רב.

אין א געוויסן מאמענט האט דער דייטשער אונ־טער־אפיציר זיך ארומגעזען, אז דר. שומער, איך, בין ניט פאראן צווישן די פארזאמעלטע יידן אין דער שול. ער איז ווילד געווארן פון רציחה און באפוילן אז איך זאל גלייך געבראכט ווערן אין שול אריין. איינער פון די אוקראינישע מיליציאנערן האט דאן געזאגט צו דעם דייטשן אונטער־אפיציר, אז אן אוק־ראינישע מאמע איז געווען אין א גרויס געפאר ביי א געבורט האט מען מיך, אלס דאקטער געהייסן פארן צו דער דאזיקער פרוי אין דארף אריין. דער אונטער־אפיציר האט געגעבן א באפעל, אז ווען איך וועל צוריקקומען פון דער קראנקער, זאל איך זיך צו אים מעלדן, אבער ווי איך האב שוין דערציילט בין איך גראד דאן געווען אויסבאהאלטן ביי דעם פויער אויפן בוידעם, וועגן וואס דער פויער האט ניט געוווסט.

אין דער זעלבער צייט ווען מען האט געפייניקט די יידן אין שול האבן די אוקראינער אין דעם שטעטל דורכגעפירט א גרויסן באל. עס זענען דארט געווען די אוקראינישע אינטעליגענץ, בעאמטע, פויערים, פאלקס־מענטשן, יינג און אלט. זיי אבן געטאנצט, געזונגען און זיך געקוויקט מיט דעם שנאפס און געטראנקען, וואס די יידן האבן צוגעשטעלט בייטאג אין דער געמיינדע אריין. שפעט ביינאכט האט מען די יידן אפ־געלאזט פון דער שול, אז זיי זאלן גיין אהיים. ווען זיי זענען ביינאכט אהיימגעגאנגען, זיינען די יידן בא־פאלן געווארן אויף די גאסן דורך גויים, וועלכע האבן זיי גענומען מערדערלעך שלאגן. די יידן זענען דעריבער צוריק געגאנגען אין דער שול אריין און דארט איבער געווארט ביז פארטאגס. דערווייל האבן די אוקראינער אויסגערויבט די יידנס פארלאזענע שטובן.

די אוקראינער אין שטעטל האבן צווישן זיך אנגעהויבן ריידן, אז עס איז אן עוולה וואס מען האט מיך געשלאגן, ווייל איך האב קיינמאל קיינעם קיין שלעכטס ניט געטון, אלע האבן מיך געקענט. איך פלעג היילן טויזנטער גויים. צומארגענס זיינען צו מיר געקומען צוויי פארשטייער פון דער אוקראינישע אינטעליגענץ, די אדוואקאטן, סקולסקי און טראטש. זיי האבן זיך פאר מיר אנטשולדיקט און געזאגט, אז דאס שלאגן מיך איז געווען א מיספארשטענדעניש. די צוויי האבן געהייסן, אז איך זאל ניט אנטלויפן פון שטעטל, איך זאל בלייבן, אז מען וועט מיך באשיצן.

ווען דער אוקראינישער גלח, יאציוו, פון דערביי־איקן דארף, באשווו, האט געהערט אז מען האט מיך געשלאגן האט ער געזאגט אין קלויסטער, אז אויב ער וועט שטארבן וואלט ער געוואלט ליגן לעבן מיר, אז איך האב ניט פארדינט אז מען זאל מיך שלאגן. דעם גלחס ווערטער האבן געמאכט א גרויסן רושם אויף דער באפעלקערונג פון זיין געמיינדע.

אין א 14 טעג ארום, נאך דעם ווי די אוקראינער האבן ארומגעהוליעט אין שטעטל, זיינען אריינגעקומען די רעגולערע אפטיילונגען פון דער דייטשער ארמיי. אין צווישנצייט, ביז די דייטשן זיינען אריינגעקומען, האט מען דערווייל געטריבן די יידן פון די ארומיקע דערפער קיין בורשטין. אויפן וועג זיינען א סך יידן דערהרגעט געווארן, בלויז א קליינע צאל יידן, וואס זיינען געטריבן געווארן פון די דערפער, זיינען אנ־געקומען קיין בורשטין. אנגעקומען זיינען די דאזיקע יידן אין שטעטל אריין נאקעטע און בארוועסע, ווערב־דיק בארויבט אויפן וועג. מיר האבן זיך דאן דער־וווסט, אז באנדערא, דער הויפט אנפירער פון די אוקראינישע נאציאנאליסטן, האט ארויסגעגעבן א באפעל, אז מען זאל אויסהרגענען וואס מער יידן נאך איידער די דייטשן נעמען איבער די ערטער ווו עס וווינען יידן.

די היטלעריסטישע אקופאנטן זיינען אריינגעקומען

קיין בורשטין אין אנהויב אויגוסט 1941. עס איז ארויס א פארארדענונג, אז אלע יידן זאלן זיך גלייך פארעגיסטרירן. יידן האבן געמוזט אנטון אויף די ארעמס ווייס־בלויע בענדער מיט מגן־דודס, עס איז ארויסגעגעבן געווארן א פארבאט פאר יידן צו פארלאזן די שטאט, א פארבאט צו דער קריסטליכער באפעלקערונג צו קויפן ביי, אדער פארקויפן צו יידן. עס איז אויך ארויסגעגעבן געווארן א באפעל צו שאפן א „יידנראט“ פון אכט פערזאן, וואס וועט דארפן אויספירן אלע באפעלן און זיין פאראנטווארטלעך צו די דייטשן. אין דאזיקן „יידנראט“ בין איך אויך אריינגעגאנגען און געווארן דער פארזיצער. איך בין אריין אין „יידנראט“, ווייל מען האט מיך דערצו געצווינגען און געדראט מיט דעפארטאציע. איך בין אבער אין „יידנראט“ געווען א קורצע צייט. איך בין אנטלאפן, וועגן וואס איך וועל דערציילן שפעטער. אין „יידנראט“ זיינען אויך געווען אדוו. פיליפ טאביאס, מינע טאביאס יהודה־הערש פישמאן און אנדערע אנגעזעענע יידן פון שטעטל.

אין דריי טעג ארום נאך דעם ווי עס איז ביי אונז אין בורשטין געשאפן געווארן דער „יידנראט“, האט דער „יידנראט“ פון ראהאטין (Rohatyn) אויפן באפעל פון די דייטשן, געהייסן, אז די „יידנראטן“ פון אלע שטעטלעך פון באצירק זאלן אריינשיקן קיין ראהאטין צו דריי פארשטייער. איך, פיליפ און מינע טאביאס זיינען מיר געווען די דעלעגאציע פון „יידנראט“ אין בורשטין. ווען מיר זיינען אנגעקומען אין דעם „יידנראט“ אין ראהאטין זיינען שוין דארט געווען פארזאמלט פארשטייער פון די „יידנראטן“ פון אלע שטעטלעך פון באצירק, וואס האבן געהערט צו ראהאטין.

אויף דער פארזאמלונג פון אלע פארשטייער פון די „יידנראטן“ פון די שטעטלעך האט גערעדט דער עלטסטער פון „יידנראט“ אין ראהאטין, אמאראנט. ער האט פארגעלייענט א באפל פון די דייטשן, אין וועלכן עס איז געווען אויסגערעכנט, אז די יידן מוזן באצאלן א פארגיטיקונג פון אן ערך 8־10 מיליאן רובל פאר די שאדנס, וואס יידן האבן אנגעטון. עס איז ניט אנגעוויזן געווארן ווען און ווי אזוי די יידן האבן אנגעטון שאדנס. אויף אונזער שטעטל בורשטין איז ארויפגעלייגט געווארן צו באצאלן די סומע פון 2־3 מיליאן רובל. ווען איך האב דאס דערהערט בין איך געווארן דערשלאגן, ווייל אונזער שטעטל איז געווען פארארעמט, אויסגעקוועטשט ווי א לימענע. פאר א קארטאפל האט מען געדארפט באצאלן מיט גאלד, אויב מען האט אזעלכעס באקומען און דא גאר גיין צו אונזערע פארארעמטע יידן און זאגן, אז מיר מוזן האבן מיליאנען! איך האב געוויינט און געבעטן, אז מען זאל פאר די יידן פון בורשטין פארקלענערן די קאנטריבוציע. אבער מען האט מיר געזאגט, אז איך זאל ניט אומזיסט פארלירן די רייד, אויב מיר וועלן ניט צושטעלן די געהעריקע סומע, וועט די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון בורשטין אויסגעשאכטן ווערן.

איך, פיליפ און מינע טאביאס, זיינען דעם זעלבן טאג אהיימגעפארן צובראכענע. מיר האבן צונויפגערופן די יידישע באפעלקערונג אין בית המדרש אריין און זיי אנגעזאגט די טרויעריקע בשורה. צומארגנס איז געשאפן געווארן א קאמיטעט און עס איז צונויפגשטעלט געווארן א ליסטע פון אלע יידן, וויפל יעדער באזונדער דארף געבן פאר דער דאזיקער קאנטריבוציע, וואס די דייטשן האבן ארויפגעלייגט.

די צונויפגעשטעלטע ליסטע מיט די אנגעגעבענע סומעס וואס יעדער דארף צושטעלן, האט אויף די יידן שרעקלעך געווירקט, ווייל זיי זיינען געווען זייער ארעם. אבער די יידן האבן פון זיך אנגעהויבן אראפפארקויפן אלץ, ביז דעם לעצטן, כדי צונויפצושטעלן דאס געלט וואס זיי דארפן געבן. די גויים האבן זיך געפרייט וואס זיי קענען ביי די יידן אלץ קויפן פאר גראשענס, דערביי זיינען נאך די יידן דאנקבאר געווען די גויים, ווייל לויטן היטלעריסטישן געזעץ, האבן זיי ניט געטארט קויפן ביי קיין יידן. אין צוויי־דריי מאל האבן מיר צונויפגעשטעלט די געפאדערטע סומע און דאס איבערגעפירט צום „יידנראט“ קיין ראהאטין.

יעדן טאג זיינען אבער ארויסגעקומען נייע גזירות. איינמאל, שבת בייטאג, זיינען קיין בורשטין געקומען צוויי געסטאפא־אפיצירן און באפוילן, אז אין משך פון צוויי שעה זאלן די יידן פאר זיי צושטעלן: 100 זילבערנע קאפע לעפעלעך, א געוויסע צאל פון זילבער־געשיר, א געוויסע צאל גרויסע זילבערנע טייקריגן, 200 פונט קאפע, א 100 פונט טיי, 150 איבער־

צודעקן, ליילעכער, ציכעלעך און טישטעכער. ווידער האבן די יידן ארויסגענומען דאס לעצטע פון זיך, א ביסל צירונג אדער נאך א ביסל געלט וואס מען האט געהאט און מען האט ביי די גוים געקויפט די אלע זאכן וואס די געסטאפא־לייט האבן געפאדערט. אויסער ביי די גויים האט מען די זאכן אויך געקויפט ביי דעם רוסישן גלח, גוטקאווסקי, וואס האט ביי זיך געהאט אנגערויבט פיל יידיש האב און גוטס, וואס די פוי־ערים האבן צו אים געבראכט. גוטקאווסקי איז געווען א באקאנטער אנטיסעמיט. מען האט די געפאדערטע זאכן צונויפגעשטעלט און אפגעגעבן צו די צוויי געס־טאפא־לייט. אזעלכע באזוכן פון געסטאפא־לייט און אזעלכע פאדערונגען צו די יידן האט מען אין בור־שטין דאן געהאט יעדע עטלעכע טעג.

מיר האבן כסדר געלעבט אין צרות. קיין געטא האבן די דייטשן אין בורשטין ניט געשאפן אבער דער גאנצער טייל ווו עס האבן געוווינט די יידן איז פארוואנדלט געווארן אין א געטא. מען האט די יידן געהייסן פארלאזן זייערע וווינונגען אויף די הויפטגאסן, זיי האבן ניט געטארט וווינען צווישן קריסטן. אין דער געגנט ווו עס האבן געוווינט די יידן איז געווען זייער ענג, עס האבן געוווינט צו 20 פערזאן אין איין צימער. יידן האבן ניט געטארט ארויסגיין פון דער געגנט, מען האט ניט געטארט גיין אויפן טראטואר נאר אין מיטן וועג, ווי די פערד, מען האט אויך ניט געטארט אריינגיין אין די קרא־מען פון שטעטל, אפילו אין די אייגענע קראמען ווו עס זיינען אריינגעזעצט געווארן גויים. עס איז גע־ווען א שרעקלעך בילד צו זען די געשוואלענע יידן פון הונגער, קינדער מיט דינע פיסלעך און געשווא־לענע בייכלעך פון ניט עסן. איך בין דאן געווען דער דאקטער צווישן די יידן און אויך פאר די קראנקע גויים אין גאנצן שטעטל און דערפאר האב איך געהאט א רעכט ארויסצוגיין פון דער יידישער געגנט און אויך פארן צו קראנקע פויערים אין די דערפער אריין. איך האב אבער געמוזט טראגן אויף דעם ארעם דעם ווייס־בלויען באנד מיטן מגן־דוד.

ווען איך פלעג קומען צו קראנקע גויים און זיי היילן האב איך דעמלט ביי זיי ניט גענומען דערפאר קיין געלט, נאר פראדוקטן, פארשידענע באשפייזונג, וואס איך פלעג שפעטער צעטיילן צווישן די יידן. די דייטשן האבן דאן ארויסגעפירט פיל יידן אויף ארבעט אין לאגערן אריין, אבער קיינער פון די ארויסגעפירטע יידן איז מער ניט צוריקגע־קומען. די דאזיקע לאגערן, וווהין מען האט געפירט די יידן, האבן זיך געפינען ביי זבארווו (Zaborów), ביי לעמבערג, ווו מען האט ניט מער אויסגעהאלטן ווי 3־2 וואכן. די דייטשן האבן צו־געשיקט פאדערונגען צום „יידנראט", אז מען זאל זיי צושטעלן יידן אויף ארבעט, גרופענווייז, מענער, פרויען און קינדער. מען האט טאקע געמיינט, אז די יידן ווערן געפירט אויף פארשידענע ארבעטן. מען האט די יידן געפירט צו דער סטאנציע, פאר־לאדנט צו 120 מאן אין א וואַגאָן און ארויסגעפירט פיל יידן זיינען אין וועג, אין די וואגאנען, דער־שטיקט געווארן פון דער ענגשאפט אדער געשטארבן פון הונגער און דארשט. מען האט די יידן אוועק־געפירט קיין בעלז (Belz) און דארט פארברענט אין די קרעמאטאריעס.

ווען דער טראנספארט איז געפירט געווארן אין וועג האט ער זיך געשטעלט אויף דער סטאנציע, כאדארווו (Chodorów). א ייד האט דאן ארויסגע־שטעקט דורך די גראטלעך פון וואגאן א גאלדענעם זייגער און געבעטן א גוי, אז ער זאל אים ברענגען א ביסל וואסער וועט ער אים געבן דעם זייגער. דער גוי האט גענומען א פלאש פון נאפט און אנגעשעפט וואסער פון רינשטאק מיט בלאטע און עס דערלאנגט דעם ייד אין וואגאן אריין. ארום דער פלאש מיט דעם שמוציקן וואסער האבן זיך די יידן אין וואגאן געשלאגן. פיל יידן זיינען בעת דעם געשלעג אפילו געווארן דערהרגעט.

צומארגענס אין דער פרי, נאך דעם ווי מען האט געהאט ארויסגעפירט דעם טראנספארט מיט יידן, איז צו מיר געקומען דער יידישער שניידער פון שטעטל, דרוקער, און מיר דערציילט, אז ביי אים אויפן בוידעם זיצט א נאקעטער א יידישער דאקטאר פון קאסאוו, וואס איז ארויסגעשפרונגען פון א וואגאן פון דעם טראנספארט. דער יידישער דאק־טאר איז אין א נאקעטן צושטאנד געקומען פון דארף אין שטעטל אריין פארטאגס, גייענדיג אזוי פיר ק"מ. איך האב מיט דעם שניידער געשיקט פאר דעם דאקטאר אן אנצוג און איך בין אים געגאנגען זא־

פארט באזוכן. דער דאקטאר האט מיר דערציילט, אז ער איז ארויסגעשפרונגען פון טראנספארט, ווייל ער האט געוואלט שטארבן; ער האט געמיינט, אז ביים שפרינגען פון וואגאן וועט ער דערהרגעט ווערן. ארויסשפרינגנדיק פון וואגאן איז ער געפאלן אויף דעם נאסן גראז, אנגעהויבן טרינקען די ראסע און אזוי ארום געקומען צוריק צו זיך און אנגעקומען אין שטעטל אריין.

דעם 15־טן אקטאבער 1942 האבן די דייטשן ארויסגעגעבן א באפעל, אז אלע יידן פון בורשטין דארפן אוועקגיין קיין בוקאטשאווצע (Bukaczowce), א שטעטל, וואס האט זיך געפונען לעבן דער סטאנציע. אלע יידן זיינען אוועק אהינצו און מען האט זיי דארט אריינגעזעצט אין פויערישע הייזלעך. ביי אונז אין שטעטל זענען געבליבן בלויז א 30 מענער־יידן, וואס האבן געארבעט אויפן שאסיי. מיט די דאזיקע יידן, פון וועלכע עס איז געשאפן געווארן א לאגער און אלע האבן זיך געפונען אויף איין פלאץ, זיינען אויך געבליבן צוויי דאקטוירים; איך און דר. סאמועל קאץ, ווי אויך דער הויפט פון „יודנראט", פיליפ טאביאס און נאך צוויי יידן פון „יודנראט". אין פיר וואכן ארום נאך דעם זיינען געקומען געסטאפא־לייט אין לאגער אריין און זיי האבן די 30 יידן אוועקגעפירט קיין ראהאטין אין געטא.

די בורשטינער יידן, וואס מען האט געהאט ארויסגעפירט קיין בוקאטשאווצע, ווי אויך די יידן פון בוקאטשאווצע גופא און אויך געבראכטע יידן פון באלשאווצע, האט מען דעם 26־טן אקטאבער 1942 פארלאדנט אין וואגאנען און מען האט זיי ארויסגעפירט קיין בעלז. פיל יידן זיינען דאן צעלאפן און געוואלט אויסבאהאלטן, זיינען שפעטער געפונען געווארן דורך אוקראינישע מיליציאנערן און מען האט די יידן דערהארגעט אויפן ארט. די דייטשן האבן די בורשטינער יידן צונויפגעטריבן קיין בוקאטשאווצע, און אויך געבראכט יידן פון אנדערע ארומיקע שטעטלעך, ווייל דארט איז געווען נאענט א באן־סטאנציע ווו עס איז געווען די יידן לייכט צו פארלאדענען אין די וואגאנען און אוועקצושיקן קיין בעלז.

ווען די געסטאפא האט ליקווידירט אין בורשטין דעם לאגער פון די 30 יידן און זיי ארויסגעפירט אין געטא קיין ראהאטין איז מיין טאכטער שוין געהאט געוועזן אוועקגעפארן אין א צווייטן ארט פון בורשטין, ווו זי האט זיך אויסבאהאלטן ביי קריסטן. איך בין דאן ניט געווען אין שטוב און עס איז אריינגעקומען צולויפן א יידיש יינגל, וואס האט דערציילט מיין פרוי, אז דער לאגער ווערט ליקווידירט. מיין פרוי איז גלייך אוועק אין א דערבייאיקן דארף און זי האט זיך אויסבאהאלטן ביי א באקאנטן פוילישן פויער.

די געסטאפא איז שפעטער געקומען צו מיר און מיך געפרעגט ווו עס זיינען מיין פרוי און טאכטער. זיי זיינען דאן געקומען מיך נעמען, בעת עס איז ליקווידירט געווארן דער לאגער. איך האב זיי געהייסן ווארטן און געזאגט, אז איך גיי אריין אין צווייטן צימער זיך איבערטון, ווייל איך האב אויף זיך געטראגן דעם ווייסן כאלאט. ווען איך בין אריינגעגאנגען אין צווייטן צימער זיך איבערצוטון האב איך דארט גענומען א פלאש רום (געטראנק) און דאס אריינגעבראכט פאר די צוויי געסטאפא־לייט. איך האב זיי דאס געגעבן צו טרינקען ביז איך וועל זיך איבערטון. די געסטאפא־לייט זיינען געזעסן און געטרינקען דעם רום און איך בין דערווייל ארויס דורך דער הינטער טיר פון צווייטן צימער. איך בין אריין צו דעם נאענטסן שכן, אן אוקראינער, און אים געבעטן, אז ער זאל מיך אויסבאהאלטן. ער האט אבער מורא געהאט מיך צו באהאלטן ביי זיך. איך בין דאן אויף דער גיך ארויפגעקראכן אויפן דאך און אריין אין א סטאדעלע, אריינגעקראכן אין שטרוי. עס איז דאן געווען א שרעקלעכער פראסט. איך בין דארט געלעגן ביי אכט שעה, ביז אין דער פרי.

ביינאכט בין איך אראפגעקראכן פון דער באהעלטעניש, כדי געוואר צו ווערן וואס עס איז געווארן מיט מיין פרוי. איך בין אריינגעגאנגען אין דעם גארטן, וועלכער האט געהערט צו מיין הויז, דארט ארומגעקראכן און אריינגעגאנגען צו דעם אוקראינישן פויער, בילא, וואס איז געווען א גרויסער אנטיסעמיט. איך האב אים געפרעגט צי מיין פרוי לעבט, האט ער צו מיר געזאגט, אז איך זאל גיך אנטלויפן. איך בין ארויף אויפן בוידעם פון זיין הויז און זיך דארט באהאלטן. דער פויער האט ניט

געוווסט, אז איך באהאלט זיך דארט. גלייך זיינען אין זיין הויז אריינגעקומען געסטאפא־לייט און זיי האבן געזאגט, אז זיי האבן עמיצן געזען קריכן אין גארטן, אז דאס איז א ייד און ער זאל מיך ארויסגעבן. דער פויער האט געענטפערט, אז ביי אים אין שטוב איז ניט פאראן קיין שום ייד, אפשר אויפן בוידעם — האט ער געזאגט — אבער ער ווייסט ניט דערפון.

די געסטאפא־לייט זיינען ארויפגעקומען אויפן בוידעם און מיך געפונען. ווען זיי האבן מיך אראפּ געפירט פון בוידעם האבן זיי מיך געפרעגט ווו ס'איז מיין פרוי? איך האב געענטפערט, אז איך ווייס ניט. איך האב ווירקלעך ניט געוווסט. האט איינער פון די געסטאפא־לייט ארויסגענומען א רעוואלווער, צוגעשטעלט צו מיין הארץ און געהייסן זאגן ווו מיין פרוי געפינט זיך, אויב ניט — וועט ער מיך דערשיסן אויפן ארט. איך האב צו דעם געסטאפא־מאן געזאגט: — ביטע, טו מיר די גענאדע און שיס מיך!

דער געסטאפאוויעץ האט צוריק אריינגעלייגט דעם רעוואלווער און מיר דערלאנגט א פאטש, אז עס האט מיר געשווינדעלט פאר די אויגן. ער האט מיך אוועקגעפירט אין ארעסט אריין. אין ארעסט האב איך געטראפן א יידישע פרוי, מאלציע פישמאן, וואס איז געווען אין א באהעלטעניש און די דייטשן האבן זי געכאפט. איך האב געבעטן די געסטאפא־לייט, אז זיי זאלן מיך שיסן.

זיצנדיק אין ארעסט האב איך געקלאפט אין דער טיר מיט דער האפענונג, אז די געסטאפא־לייט וועלן קומען און מיך דערפאר שיסן, איך האב געוואלט א סוף מאכן צו די פיין. אבער אויף מיינע קלעפ אין טיר האבן זיי זיך ניט אנגערופן; די געסטאפא־לייט זיינען געזעסן אין דער הויף, אין אנדערע צימערן אונטערהאלטענדיק זיך. אין א געוויסן מאמענט האב איך זיך אנגעשפארט אין דער פארשלאסענער טיר און די טיר האט זיך געגעבן אן עפן, דער שלאס האט זיך אפגעריסן. אויך דאן איז קיינער פון די געסטאפא־לייט ניט געקומען. איך בין דורכגעגאנגען דעם שמאלן קארידאר פון ארעסט און קיינעם ניט געזען. איך בין ארויס אין דרויסן, און אנגעהויבן לויפן אויפן שאסיי. עס איז געווען ביינאכט און אויפן וועג בין איך אריינגעגאנגען צו א באקאנטן קריסטליכן מילנער ווו איך בין געלעגן אויסבאהאלטן דריי טעג און זיי האבן מיר געגעבן צו עסן.

ליגענדיק ביי דעם מילנער אויפן בוידעם האב איך דורך דעם מילנער באפוילן צו מיינעם א באקאנטן פאליאק, א געוועזענער פוילישער פאליציאנט, סטאווראַווסקי. ער איז געקומען צו מיר אויפן בוידעם און מיך אוועקגעפירט שפעטער צו זיין שוואגער, יוזעף לאסעק, ווו מיין פרוי איז געווען אויסבאהאלטן אין א בלומען־אראנזשעריע, אין שטעטל בורשטין גופא. די לאגע פון דעם פויער איז דאן געווען א געפערלעכע, ווייל די געסטאפא־לייט האבן געהאלטן אין איין טענהן, אז עס האט זיך זיי נאך ניט געטראפן, אז א יידישער דאקטאר זאל אנטלויפן פון זייערע הענט צוויי מאל אין איין טאג.

די נאכט ווען איך בין אנטלאפן פון ארעסט האבן די געסטאפא־לייט פונאנדערגעשיקט פאטרולן אויף אלע וועגן, מען האט מיך ארומגעזוכט און עס איז ארויסגעגעבן געווארן א באפעל, אז די יעניקע פאמיליע, וואס וועט מיך אויסבהאלטן, וועט פארניכטעט ווערן צוזאמען מיטן גאנצן פארמעגן. די געסטאפא־לייט האבן אויך צוגעזאגט, אז ווער עס וועט ברענגען דעם דר. שומער, מיך, א לעבעדיקן אדער א טויטן, וועט באקומען 25.000 זלאטעס און צוויי ליטער אמתן ספירט, וואס עס איז דאן שווער געווען צו באקומען.

אבער ניט געקוקט אויף דער געפאר האט דער פויער אויסבאהאלטן מיך מיט מיין פרוי ביי זיך אין משך פון עטלעכע חדשים. איך און די פרוי זיינען מיר געווען אין באזונדערע ערטער און שפעטער זיינען מיר אוועק זיך באהאלטן אין וואלד אריין.

מיר זיינען אריין אין דעם וואלד לעבן טשארווו (Czarów). דעם 9־טן יולי 1943, ווען מיר זיינען געווען אין וואלד, האבן מיר פונדערווייטנס געהערט שטארקע שיסערייען. די דייטשן האבן דאן ליקווידירט דעם געטא אין ראהאטין און דערשאסן יעדן ייד, וואס מען האט ערגעץ געטראפן. אין וואלד האבן מיר געמאכט בונקערס, אין וועלכע מיר האבן זיך

באהאלטן, מיר זיינען אויך געגאנגען פון ארט צו ארט, כדי ניט ארײנצופאלן. צום סוף האבן מיר אויסגעגראבן א בונקער אין פעלד, אין קאָרן, און דארט געלעגן אויסבאהאלטן. מיר האבן געליטן שטארקן הונגער און דורשט, געלעגן אין נאסקייט און געגעסן געווארן פון לייז. שפעטער האבן באַקאנטע פויערים אונז אנגעהויבן ברענגען עסן, געווען זיינען דאס מערסטנס אנהענגער פון די „יעהאָווא־באפטיסטן".

מיר זיינען געווען אין די וועלדער און פעלדער ביי צוויי מיט א האלבן יאר. די פויערים, וואס האבן אונז געבראכט צו עסן האבן אונז דערציילט, אז אין די זעלבע וועלדער באהאלטן זיך אויס נאך א גרופע פון 6—7 יידן. מיר האבן געוווסט פון די דאזיקע יידן און זיי האבן געוווסט וועגן אונז, אבער מיר האבן זיך קיינמאל ניט געזען. שפעטער זיינען די דאזיקע יידן געכאפט געווארן דורך אוקראַינער און דייטשן ווען זיי זיינען געגאנגען אין די דערפער ארײן נאך וואסער אדער זיך איינשאפן עסן.

די פויערים וואס האבן פאר מיר מיט מיין פרוי געבראכט צו עסן האבן מיר אלץ פון זיך אראפגעגעבן, די שיך און קליידער וואס מיר האבן נאך געהאט אויף זיך, מיט אונז איז שפעטער אויך געווען צוזאמען א יידישער קצב פון בורשטין, יאנקל פעלדמאן, וועמען מיר האבן באגעגנט אין פעלד וווּ מיר זיינען געווען אויסבאהאלטן. ער האט מיר און מיין פרוי שטארק געהאלפן. ער האט גוט געקענט אלע וועגן און ער איז געווען א דרייסטער פלעגט ער אוועקגיין צו די פויערים, זיי אוועקטראגן זאכן פארוואס זיי האבן אים געגעבן פראדוקטן. די פויערים האבן געוווסט, אז דער דאזיקער ייד געפינט זיך צוזאמען מיט מיר אין דער באהעלטעניש און דערפאר האבן זיי אים געשאנעוועט און ניט געטון קיין שלעכטס.

מיר זיינען אזוי געווען אויסבאהאלטן ביז מאי 1944 ווען די סאוועטן זיינען ארײנגעקומען און פאריאגט די היטלעריסטן. נאך דער באפרייונג בין איך מיט מיין פרוי און טאכטער, וועלכע האט דורכגעלעבט די מלחמה אלס קריסטין און מיר האבן אפילו ניט געוווסט צי זי לעבט, אוועק קיין פוילן און פון דארט קיין דייטשלאנד און אנגעקומען קיין ראנסהאפען (Ranshofen), ביי ברוינער. מיר זיינען דארט געווען אין א לאגער פון באפרייטע יידן און אין יאר 1946 האבן מיר עמיגרירט קיין אמעריקע, מיר זיינען אנגעקומען קיין ניו־יארק אין חודש יולי 1946 מיט דער שיף „מארין פערטש" ווו מיר וווינען די גאנצע צייט.

מיר זיינען צופרידן פון אונזער לעבן אין אמעריקע. פון אנהויב האבן מיר דורכגעמאכט שווערע צייטן, ווייל מיר זיינען אהערצו געקומען אפגעריסענע און הונגעריקע. איך האב באלייגט אן עקזאמין און איצט האב איך, ווי איר זעט, אן אייגענעם מעדיצינישן קאבינעט.

איך און מיין פרוי זיינען קראנקע מענטשן און מיר האבן דעריבער ניט קיין צייט צו געהערן און צו ווידמענען זיך געוויסע יידישע ארגאניזאציעס. מיר געהערן צו דעם קאמיוניטי־צענטער אין אונזער געגנט. מיר באגעגענען זיך פון צייט צו צייט מיט אונזערע לאנדסלייט. זיי קומען צו אונז אין הויז, זיי ווייסן, אז מיר איז שווער צו זיי צו קומען.

אונזער טאכטער איז פארהייראט און זי וווינט אין דער פראווינץ. זי איז א מעדיקל־סאשעל־ווארקער און איר מאן שטודירט מעדיצין. איך לייען יעדן טאג דעם „פארווערטס" און דעם „טאימס". אין די פרייע צייטן לייען איך ספרים, שטודיר דעם זוהר, תלמוד, גמרא און קבלה.

ניו־יארק, 23 מערץ, 1955

ד"ר ליפע שומער האט ליידער נישט זוכה געווען צו זען דאס בורשטינער „יזכור־בוך". ער איז געשטארבן

י"ח חשון תשי"ך

יהי זכרו ברוך

דורך שוידערן און אנגסטן

די איבערלעבונגען פון הערש בן משה־אהרן ווייסמאַן
אין דער שווארצער נאכט פון היטלעריסטישער אקופאציע

אויפגענומען דורך **יוסף שווארץ,** ניו־יארק

די משפחה: מיין פאטער, מוטער און 9 קינדער האבן געוווינט אין דארף קוראפאטניק, נאכדעם ווי די דייטשן זיינען געקומען האבן מיר נאך געוווינט 3 חדשים אין דארף. די יונגע אוקראינישע שקצים האבן אפט באווארפן אונדזער הויז מיט שטיינער. אין דער צייט ווען מיר האבן געוווינט אין דארף האט מען



הערש ווייסמאן

אונדז די דערוואקסענע געצווונגען יעדן טאג צו שווערער ארבעט.

דער סאלטוס און אויך אנדערע עלטערע אוקראינער האבן אונז נישט געצווונגען צו פארלאזן דאס דארף ביז עס איז ניט געקומען א באפעל פון דער דייטשער קאמאנדע. ווען מיר האבן נאך געוווינט אין דארף האט מען ביי אונדז איינמאל געמאכט א רעוויזיע און געפונען א שטיקל פוטער. אזוי ווי ס'איז שוין געווען א באפעל אפצוליפערן פוטערווארג האט אונז געדראט זייער א הארבע שטראף דערפאר. מ'האט אונדז אלע געשלעפט קיין בורשטין צו דער אוקראינישער פאליציי און זיי וואלטן אונדז זיכער געווען איבערגעגעבן צו דער געסטאפא. דער יודנראט האט אבער אפגעקויפט דעם אוקראינישן פאליציי קאמענדאנט און מען האט אונז באפרייט.

1942 האב איך געארבעט אין הויף קוראפאטניק, ווו דער פארוואלטער איז געווען א פאלקס־דייטש. משה בלעכערס צוויי זין שלמה און לאנצי האבן דארט אויך געארבעט. אינצווישן איז געקומען א באפעל פונעם יודנראט מ'זאל אונדז צושטעלן צום טראנספארט, וועלכער איז אפגעגאנגען קיין טארנאפאל און גיין אין ארבעטסלאגער. מיר איז געלונגען צו אנטלויפן אין וואלד און אזוי בין איך מיט קליינע אונטערברעכונגען געבליבן אין דארף. אזוי ווי איך האב געקענט גוט די פויערישע ארבעטן פלעג איך אומלעגאל ארבעטן ביי פויערים אין דארף, דא ביי איינעם, דא ביי א צווייטן. איינמאל האבן זיך 2 שכנים צעקריגט. ביי איינעם פון זיי האב איך געארבעט. האט א קליין שייגעצל אנגעצייגט. ס'זענען באלד געקומען 2 אוקראינישע פאליציאנטן און איין דייטש. איך האב געהאלטן אין מלויצען. דערזענדיק, אז זיי גייען האב איך איבערגעלאזט די ארבעט און אוועק אין וואלד. די פויערטע ביי וועלכער איך האב געארבעט האט געהייסן פאראנקע סארנצקע. ווען איך בין אין אוונט געקומען, האב איך זי געטראפן אין בעט קראנק צושלאגן. דאס האט מען זי געשלאגן ווייל איך בין אנטלאפן.

מיין שוועסטער מאני האט געארבעט ביים רייניקן

די גנ׳לע־ליפע, און מיין שוועסטער עלצי האט ווי איך ניט לעגאל געארבעט ביי פויערים.

ווען מ׳האט שוין געהאט ליקווידירט בורשטין און אונדז איז שוין ניט מעגלעך געווען זיך אויפצוהאלטן אין דארף, זיינען מיר פרייוויליק געגאנגען אין ראהאטינער געטא.

איינמאל ביי אן אקציע אין ראהאטינער געטא האב איך נאך מיט אן ערך 20 מענטשן זיך אויסבאהאלטן אין א בונקער, וועלכן מיר האבן פריער צוגעגרייט. צומארגנס, נאך דער שחיטה האט מען אונז גענומען צו באגראבן די טויטע און צוזאמענקלויבן אלע געבליבענע זאכן. נאך 2 וואכן האט מען מיך מיט אנדערע געכאפט און אוועקגעפירט אין איין ארבעטס־לאגער, גלובאטשיק־וויעלקי, ביי טארנאפאל. מיין ברודער שמחה, וועלכער האט נאך מיט מיינע 2 שוועסטער געלעבט אין ראהאטינער געטא, האט דער מיליציאנט שייקע גראנאוויטער (וואלפ׳ס זון) בשעת איין אקציע אים ארייגענארט אין א שטוב, כלומרשט ער וועט אים געבן ברויט און דארט איז ער מיט נאך בורשטינער דורך דער געסטאפא דערשאסן געווארן.

נאך דער ליקווידירונג פונעם ראהאטינער געטא זיינען מיינע צוויי שוועסטער עלטשע און מאני אנטלאפן אין דארף. זיי האבן זיך די גאנצע צייט אויסבאהאלטן אין וואלד ווו באקאנטע פויערים און פויערטעס פלעגן פון צייט צו צייט זיי ברייגגען עסן.

אין גלובשטעק האבן מיר געארבעט אין שטיינברוך. מיט מיר זיינען געווען יעקב סטריזאוועך (חיים׳ס זון) מענדעלע שורטמאן, דוד (הערשעלע סטרעליסקערס איידעם) און נאך א 40 בורשטינער. נאך 3 וואכן שווערער ארבעט האבן מיר א פּאָר בורשטינער זיך אפגעשמוסט צו אנטלויפן. עמיצער האט געמסרט ביי דער געסטאפא. מ׳האט באלד אויסגעשטעלט אונדז אין א רייע און יעדן 10־טן האט מען געשאסן. דער לאגער קאמענדאנט איז געווען אן ס.ס.־אוויעץ פראמער.

איין טאג האט א דייטשער אויפזעער האמער מיך מיט אנדערע גענומען צו א צווייטער ארבעט אין דארף. אין לויף פון די 6 חדשים וואס איך בין געווען אין ארבעטס־לאגער האט מען יעדן טאג באשטראפט מענטשן. פאר דער מינדסטער זאך, וואס ס׳איז דעם לאגער־פירער ניט געפעלן, פלעגט מען הענגען, אדער שיסן. אויב מ׳האט ביי א רעוויזיע ביי עמיצן געטראפן געלט, אדער מ׳האט געטראפן רעדן מיט א גוי, איז מען באלד דערשאסן געווארן.

נאך 5 חדשים האט מען דעם לאגער־פירער פראמער אוועקגענומען. אויף זיין ארט איז געקומען אן ס.ס.־מאן טאמאנוק. ווען טאמאנוק האט איבער גענומען דעם לאגער האט ער סארטירט די מענטשן. וועלכער ס׳איז אים ניט געפעלן, האט ער געהייסן גיין לינקס — צום ליקווידירן. ער פלעגט אונטערשיקן די אוקראינישע פאליציי און זיי פלעגן די יידן ראטן, אויב איר קענט ניט, מעגט איר גיין פאוואליע. יידן האבן געגלויבט און פלעגן גיין לאנגזאם. ביים טויער איז געשטאנען טאמאנוק, איינגעהאלטן ביי 100 לאנגזאם גייענדיקע יידן, זיי אוועקגעפירט און ליקווידירט. אזוי האט ער א פאר מאל געטאן. איינמאל פון דער מיטלרייע, איינמאל פון אונטן אוועקגענומען און ליקווידירט ניט ווייט פונעם לאגער.

דעם 22־טן אויף 23־טן יולי 1943, א דאנערשטיק אין דער נאכט האט זיך אנגעהויבן די פארברייטונג צו דער ליקווידאציע פונעם גאנצן לאגער. דאס ערשטע זיינען אריינגעקומען די יידישע פאליציי. האבן באלד אונדז אויפגעוועקט און געשריגן: „יידן קומט שנעלער, לאמיר זיך ראטעווען, מ׳גייט אונדז ליקווידירן". מיר זיינען געווען אן ערך 1600 נפשות.

מיר האבן געכאפט וואס איינעם איז אונטערגעקומען אין האנט און זיך געלאזט צום פארמאכטן טויער, ווו ס׳איז געשטאנען דער לאגער־פירער טאמאנוק מיט באוואפנטע דייטשן און אוקראינער. ס׳האט זיך אנגעהויבן דורך די דראטן א שיסעריי אויף אונדז וואס האט פאראורזאכט א פאר הונדערט טויטע יידן. שפעטער האט מען אריינגעבראכט פון ניט ווייטן פרויען לאגער א פאר הונדערט פרויען. דאן זיינען אנגעקומען אוקראינער מיט פורן, און זיי האבן באלד אלע טויטע און פארוואונדעטע אויפגעלאדן און זיי ארויסגעפירט צום מאסן־גרוב ניט ווייט פונעם לאגער. דאן האט מען אונדז אלע אויסגעשטעלט צו 4 אין א ריי. פון ביידע זייטן האבן אונדז געהיטן באוואפנטע געסטאפא און אוקראינישע פאליציי. צוגעפירט אונז צו שוין פריער־צוגעגרייטע גרויסע גריבער און אנגעהויבן אויף אונדז צו שיסן. איך האב אנגעהויבן צו לויפן. באקומען צוויי שאס. איינעם אין באק און איינעם אין פוס און אזוי אריין אין פעלד

צווישן תבואות. ס׳איז אויך געלונגען א פאר אנדערע ייִנגלעך צו אנטלויפן. מיר האבן זיך נעבן טארנאפאל ארומגעדרייט ארום 6 וואכן. אין דער צייט האבן זיך געטראפן גוטע גויים, דערונטער א גלח, וועלכע פלעגן אונדז געבן עסן.

אינצווישן האט מען א פנים אונדז אנגעצייגט. מ׳האט געמאכט אבלאוועס, אבער יעדעס מאל איז אונדז געלונגען צו אנטלויפן. ס׳האט זיך דערנעטערט דער הארבסט און יעדער פון אונדז האט אנגעהויבן צו גיין אין זיין געגנט.

איך האב גענומען א רוסקאל אויפן אקסל, כלוימרשט א פויער און באגריסנדיק פויערים לויטן היימישן שטייגער, „סלאווא מיסוסי כריסטו" בין איך אין 4 טעג צו מיין אמאליקן קוראפאטניק געקומען. מ׳האט מיך אויך אין בזשעזשאני פארהאלטן וועגן דאקומענטן, אבער ניט קענענדיק אלס „אוקראינער" זיך אויסריידן מיטן דייטש, האט ער א געשריי געטאן דו פארפלוכטער אוקראינער און מיך פריי געלאזט נאכדעם ווי ער האט מיר דערלאנגט א קאפּ. גייענדיק נאענט נעבן א דארף שוין ניט ווייט פון מיין ציל טרעפט מיך אן אקוראינער מיט א קאסע אויפן אקסל און פרעגט מיך ווער איך בין. זאג איך אים, אז איך בין אן אוקראינער. מ׳האט מיך מאביליזירט, אצינד אנטלויף איך צוריק אהיים. דו! גיט ער אַ געשריי, מיך ווילסטו נארן? דו ביסט דאך משה אהרנן זון פון קוראפאטניק. אלע יידן האט מען געהרגעט און דו ווילסט לעבן?! און זיך א נעם געטאן מיט זיין קאסע צו מיין קאפּ. איך האב מיך פלינק א בויג געטאן און אנגעהויבן צו לויפן אריין אין וואלד.

איידער איך בין נאך ארויס פון געטא, האב איך זיך אפגעשמועסט מיט א היימישן אוקראינער אין דארף, אז אויב עמיצער וועט בלייבן לעבן פון אונזער משפחה זאל מען אים צוויסן געבן און ער וועט שוין קאנען זאגן אויב א צווייטער פון אונדזער משפחה וועט זיך יאווען. אט צו יענעם אוקראינער בין איך אנגעקומען ביי נאכט אין הויף. איך האב באמערקט א צוויי שאטנס דרייען זיך אין גארטן און ווי זיי האבן א פנים דערהערט טריט האבן זיי זיך איינגעבויגן. איך בין אריין צום גוי, האט ער מיר דערלאנגט א שטיקל צוקער און מיר געזאגט: דיינע שוועסטער לעבן. זיי זענען דא ביי מיר אין גארטן. איך בין באלד ארויס און געטראפן מיינע צוויי שוועסטער. איך האב דאן אין וואלד אין דריי סעפאראטע ערטער אויסגעגראבן בונקערס. אין ד׳ער נאכט האב איך פון די גערטנער געגנבעט קארטאפל אנגעטראגן אין די בונקערס. ס׳איז מיר אויך געלונגען צוצוגנבענען 2 זעק ווייץ. אויסגעבויט אין בונקער א קיך צום קאכן און אזוי זיך אדורכגעמוטשעט ביז אפריל 1944, נאכדעם ווי מ׳האט פארדעכטיקט דעם בונקער ווו מיר האבן געוווינט זיינען מיר אריין אין א צווייטן בונקער, ביז סוף פרילינג, ווען ס׳האבן אנגעהויבן אונטערצווואקסן די תבואות. איינמאל האבן מיך קליינע שקצים אנטדעקט אין א קארטאפל־גרוב. איך האב אנגעהויבן צו אנטלויפן. אבער א גאנצע כאפטע דערוואקסענע שקצים האבן מיך מיט לאמעס און מעסערס נאכגעיאגט. איך בין אריין אונטער א סטויג מיסט אין פעלד (ווי אַ מויז) און אזוי ארום זיך געראטעוועט פון מיינע פארפאלגער, וועלכע האבן מיך פארלוירן פון זייערע אויגן.

שפעטער צו, האב איך און מיינע שוועסטער זיך אויפגעהאלטן אין פעלד צווישן די תבואות ביז דאס רוסישע מיליטער האט זיך דערנענטערט צו אונדז. זיי די רוסן האבן אונדז קודם פארנומען אלס שפיאנען. מ׳האט אונדז געפירט אין דער קאמאנדאטור, ווו דער אויספארשער איז געווען א ייד פון קיעוו. ווען איך האב אים אנגעהויבן צו דערציילן ווי אזוי מיר האבן איבערגעלעבט און וואס ס׳איז געשען מיט די איבריקע יידן, האט ער זיך צעוויינט ווי א קליין קינד און ניט געקאנט מער שרייבן. מ׳האט גערופן א צווייטן, אויך א ייד און ער האט פארשריבן. ס׳איז צוגעפאלן די נאכט און דער פויער פון דער שטוב, ווו די קאמאנדע האט מיך אויסגעפרעגט, האט אונדז געוואלט פירן אויפן בוידעם שלאפן. דער יידישער קאמאנדיר האט באפוילן: דארט וועסטו כאזאיען שלאפן, און זיי וועלן נעכטיקן דא אין שטוב. דער זעלבער יידישער קאמאנדיר האט אונדז אפגעפירט קיין בזשעזשעני, ווו מיר האבן געטראפן נאך געראטעוועטע יידן. פון דארט זיינען מיר געפארן קיין בורשטין. שפעטער א צייט, זיינען מיר אוועק קיין פוילן, פון דארט קיין דייטשלאנד.

1951 בין איך געקומען קיין אמעריקע, 1955 האט

מען מיך ארויסגערופן אלס עדות קיין דייטשלאנד צום פראצעס פונעם ערשטן לאגער־פירער פראמער, וועמען מ׳האט פאראורטיילט צו לעבנס־לענגלעכע תפיסה. אויף דעם זעלבן פראצעס האב איך דערקענט דעם ס.ס.־מאן טאמאנוק, דעם ליקווידאטאר פון אונדזער לאגער אין גלובטשעק, און אויך אנדערע יידישע לא־גערס, אן ערך 20 אין צאל.

1957 האט מען מיך ארויסגערופן קיין דייטש־לאנד צום פראצעס פון טאמאנוק. ער האט באקומען 15 יאר.

איך בין פארהייראט. מיין פרוי איז פון קראקוב. מיר האבן א קינד פון צוויי יאר. מיין שוועסטער מאני וווינט אין פעטעריזאן, ניט ווייט פון ניו־יורק, פאר־הייראט צו א וועבער־ארבעטער פון לאדזש. זיי האבן א מיידעלע פון 9 יאר. מיין שוועסטער עלצי — פאר־הייראט, האט 3 קינדער, וווינען אין מדינת ישראל.

פארשיקטע און אומגעקומענע בורשטינער יידן
אין די סאוויעטישע לאגערן

נאכן אריינקומען פון דער רויטער ארמיי קיין בורשטין, זענען באלד אלע קראמען אויסגעליידיקט געווארן. עס איז ארויס א באפעל איבערצופארקויפן אלע סחורות אין א קורצער צייט. זיינען טאקע באלד די קרעמער געבליבן זיצן אין זייערע געשעפטן מיט פארלייגטע הענט, מיט קופעס ליידיגע שאכטלען און פאפירן. לאנג זיינען זיי אזוי נישט געזעסן, ווייל מען האט זיי „די בורזשויעך" פון די ליידיקע געשעפטן אויך ארויסגעטריבן.

באלד דערויף זענען געקומען מסירות — ביי דעם סוחר האט מען געטראפן אין שטוב א צוויי פאר שיכלעך פארן קינד, ביי דעם א שטיקל אייזן א.א.וו.


די ערשטע קרבנות זענען געווען: יצחק כהן, זיין שוואגער משה הויפטמאן, ברוך בין, זיין שוואגער לוי יצחק בומרינג. זיי האט א „פאלקס־געריכט" פאר־אורטיילט אויף 7 יאר לאגער. שפעטער זענען פאר־שיקט געווארןביילע בראדמאן, לייזער דייקסלער, מיטנער, וועלוועל און וואָלקע האבער.

עס זענען אויך פארשיקט געווארן: שיקע קלעטער, מוניע כהן, איזיע האמער און ישראל לייב פענסטער.

אונזער בן־עיר יוסף שווארץ, א געוועזענער אנהענגער פון סאוויעטן רוסלאנד, א מיטארבעטער פון לינקע אוקראינישע זשורנאלן, איז אין 1944 אין מאסקווע פאראורטיילט געווארן דורך א מיליטערישן טריבונאל צו 8 יאר לאגער פאר „קאנטר־רעוואלוציע".

אין יאר 1948 האט מען אים מיט א סך פוילישע בירגער איבערגעגעבן דער פוילישער מאכט.

דער יינגסטער זון פון ר' יואל גינזבורג, גרשון, איז ארעסטירט געווארן דורך די רוסן אין יאר 1940. זיי האבן אים געהאלטן פארשפארט אין דער לעמ־בערגער טורמע. פארן אקופירן לעמבערג דורך די נאציס אין יאר 1941 בעת די רוסן האבן פארלאזט די שטאט, איז די תפיסה אונטערגעצונדן געווארן. גרשון גינזבורג ז"ל האט אין די פלאמען פארענדיקט זיין יונג לעבן.



יוסף בן ישראל שווארץ, הערשעלע קצב'ס איי ניקל
פוילישער דאקומענט ארויסגעגעבן נאך זיין באפרייונג

עס זענען אין רוסלאנד אומגעקומען: 1) משה הויפטמאן, 2) לוי יצחק בומרינג, (ברוך בינס שוואגער), 3) לייזער דייקסלער. 4) ביילע בראדמאן. 5) שיקע קלע־טער (געפאלן אין דער רויטער ארמיי).

נאכן באפרייען און פארלאזן רוסלאנד זיינען אויס־
געמוטשעטע געשטארבן אויפן וועג קיין ארץ־ישראל:
יצחק כהן און זיין פרוי.

3 פון די בורשטינער אינטעליגענץ זיינען אומ־
געקומען אין די קאטינער וועלדער: 1) דער אפטייקער
גרינהויט, 2) דער וועטערינאר אדאלף וואטענבערג,
3) דער מעדיצינער ד״ר זוסמאן.

אין וואלד

מיר ווילן ניט זיין קיין פארשער, מיר ווילן זיך נישט גריבלען אין די נשמות פון די, וועלכע האבן געלעבט אין יענער שרעקלעכער צייט אין די וועלדער, געיאגטע ווי חיות, פארשטעקטע אין נארעס, גריבער, בונקערס, די מענטשן וועלכע האבן געקוקט 10 מאל אין טאג דעם טויט אין די אויגן.

מיר ווילן דא נאר איבערגעבן א פאר פאקטן. אמתן, וועלכע דארפן און מוזן פארשריבן ווערן. עס זענען געווען פאלן אין יענע פינסטערע טעג, ווען פשוטע פאלקס־מענטשן האבן זיך אויפגעהויבן אויף דער העכסטער הויך פון מאראל. עס האט זיך ביי זיי אנטפלעקט אלדאס שיינע אין מענטשן, גוטהארציקייט, געפילן צו העלפן א צווייטן מענטש, אפפערוויליקייט און גלויבן. אבער אויך להיפך — — מענטשן זענען געפאלן ביזן נידעריקסטן אפגרונט.

דאס איז געשען צווישן די געפייניקטע יידן אין די וועלדער, לאגערס, גריבער, און פונקט דאס זעלבע איז געשען אויף דער ארישער זייט. צווישן ים פון שנאה, האס, מארד און רויב, וואס האט ארומגעכאפט גרויסע טיילן פון דער פוילישער און אוקראינישער באפעלקערונג. צווישן אט די מענטשן־שלאנגען האבן זיך געפונען איינציקע אוקראינער, אדער פאליאקן, וועלכע האבן מיט זייערע מעשים טובים געראטעוועט נישט נאר די יידישע לעבנס, נאר אויך דעם כבוד פון זייער פאלק.

אין בורשטינער וואלד זיינען געבליבן לעבן בערך 10 יידן, אבער די ערשטע צייט האבן זיך דארט געפונען א סך מער. זיי זענען אומגעקומען ביים ארויסגיין זוכן עסן, די פויערים האבן זיי געכאפט און אויף א אכזריותדיקן אופן דערמארדעט. די דייטשן מיט דער אוקראינישער מיליץ, אויך אפטאלונגען פון רוסישע געפאנגענע, וולאסאווצעס, קאלמיקן, פלעגן דורכפירן אקציעס, ביי וועלכע עס זענען געפאלן א סך יידן פון בורשטין און סביבה. די יידן האבן אפט געשטעלט א ווידערשטאנד און געפאלן מיט געווער אין האנט.

